בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
חג הפסח
תשפ"ב


**זמנים**
זמנים ליום טוב פסח
זייט 49

## לאָקאַלע "עמערדזשענסי רעספּאָנס דיוויזשאן" געגרינדעט און פאָרמירט אויף שטאַנדהאַפטיגן פאַרנעם;
עפענט אַ נייע בלעטל פאר דער בליענדער צוקונפט און זיכערהייט פון אונזער שטאט
זייט 26

## פרעכטיגער מעמד נהדר "חנוכת הבית וקביעת מזוזה" אפּגעראַכטן אין נייע הויפטקוואַרטיר פון פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו
זייט 16

## הילכנדע "שבת פייפער" אַרויפגעצויגן און אינסטאלירט געוואָרן באַגלייט מיט סאָפיסטיקירטע קאמיוניקאציע עקוויפמענט
זייט 12

## דראַמאַטישע וואַלן איסגאַנג באַשטעטיגט ווידעראַמאָל מאַכטפולן כח פון "בלומינגראוו באחדות" און צעמענטירט גאָלדענע וויזיע פון דער שטאָט פאר די קומענדיגע פיר יאָר
זייט 52

## ווילעדזש רעזאלוציע באַשטימט איפּבוי פון שפּאָגל - נייע "פּלעי גראָונד" צו זיין גרייט אויף די זומער מאָנאַטן
זייט 10

## "ווילעדזש פלענינג באורד" באַשטעטיגט איינשטימונג לאַנג-ערוואַרטעטע אַפּראָוועל פאר ריזיגן "סאַוט בלומינגראוו ביזנעס פּאַרק"
זייט 14

וַיַּגִּדוּ לוֹ עַל אֹדוֹת הַבְּאֵר אֲשֶׁר חָפָרוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ מָצָאנוּ מָיִם

## דראַמאַטישע אָפּמאַך דורך דעם ווילעדזש ברענגט אַריין ריזיגע און ריינע וואַסער קוועלער צום שטענדיגן באַנוץ פון שטאָט איינוואוינער
זייט 5

אין דער סעריע פון: את כל התלאה אשר מצאתנו...

## בייזוויליגע מאַראַטאָריום אָפּשטימונג אין "טאַון אָוו בלומינגראוו" אָפּגעלייגט צום דריטן מאָל אַדאַנק געניטע באַלדיגע שריט דורך געטרייע עסקני הציבור
זייט 20

## אַקטועלע האַוזינג קאָנפערענץ פּראָגעס און ענטפערס סעסיע
דורכגעפירט דורך די פאַראייניגטע אידישע קהלות, די יו. דזשעי. סי. מיט דער באַטייליגונג פון תושבי העיר, פארלאפענעם ניטל נאַכט, ווינטער תשפ"ב לפ"ק
זייט 34

# וְאֶת־הָאֶלֶף
# בטעם העליון

עדיטאָריעל

**יצחק עקשטיין - יואל שטערן**

יעדע וואָך ביים לערנען די פרשת השבוע, באַגעגענען מיר זיך מיט די הייליגע טעמי המקרא, וואָס אויב יעדעס וואָרט פון די כ"ב אותיות אין דער תורה האָבן אַ באַזונדערע משמעות, איז דאָס באַזונדער גילטיג ביי די טעמי המקרא וועלכע האָבן אַלע אַ באַזונדערן באַדייט, וויאַזוי מען ליינט דאָס און ווען מען ליינט דאָס, לויט דעם סדר הפסוקים והפרשיות.

איבערהויפט איז עס דער "טעם העליון", וואָס ווערט בעיקר באַנוצט אין די זמנים המקודשים, אין די געהויבענע צייטן, ווען עס קומט צו גיין אַ יום טוב, אַ שבת שירה, אַ קבלת התורה, דעמאָלט ווערט באַשיינפערליך אַרויסגעברענגט דער "טעם העליון" אין אַן אויפגעהייטערטע שטימונג, לברך לעלה ולקלס פאַר השי"ת דער נותן התורה, און טאַקע מיט'ן טעם העליון.

וואָס זאָלן מיר אייך זאָגן אונזערע טייערע חבירים, ידידים און שכינים הע"י.

ווען די שורות ווערן געשריבן, אין די ערבי פסחים פון שנת תשפ"ב לפ"ק, זינגט זיך מיט אַן אמת דער "**ואת האלף בטעם העליון**"! אָבער טאַקע מיט אַלע אויסשפראַכן, מיט אַלע נקודות און מיט אַלע טעמי המקרא!

"**ואת האלף**"! ווי קענען מיר גענוג דאַנקן דעם "אלופו של עולם", אונזער ליבער פאָטער אין הימל, אויף די הימלישע הצלחה און סייעתא דשמיא וואָס באגלייט אונזער שטאט ערב בוקר וצהרים, בכמות ובאיכות אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם, מיט אַזאַ הרחבת גבולי הקדושה וואָס מען האָט מיטגעלעבט דורכאויס דעם ווינטער העעל"ט אויף אַזויפיל פראָנטן און אספעקטן, ווען במשך די גאַנצע צייט זעט מען באַשיינפערליך ווי אַ העכערע האַנט באַגלייט אונז, צו פאַרזיכערן דעם גאָלדענעם צוקונפט פון אַן עיר ואם בישראל, להחיות לנו לפליטה גדולה.

לפיכך אנחנו חייבים להודות ולהלל למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו! איר, טייערע איינוואוינער, זענט דאך די בעסטע עדות, וויפיל "מתחיל בגנות" מען איז דאָ אַריבער פון אַלע אַספעקטן, אין וויפיל שטרויכלונגען און שוועריגקייטן מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אָבער אַצינד שטייט מען שוין ביי דעם "ומסיים בשבח", מיט אַזאַ הערליכע סייעתא דשמיא און הצלחה משמי מעל וואָס באַגלייט און טראָגט ווייטער אונזער בליענדע געגנט, וואָס איז ב"ה הולך וגדול עד כי גדול מאוד.

בלומינגראַווער אידן קענען גוט דעם באַליבטן שלאָג - וואָרט וואָס איז שגור בפה אישי הציבור זינט די ערשטע מינוט, דער סלאָגאַן פון "ובשם ה' נעשה ונצליח", וואָס איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער אומאָפיציעלער "טרעידמארק" פון אונזער שטאט... ווייל דאָס איז דער בלויזער אמת, אין עוד מלבדו, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים!

אָט דאָס איז ווירקליך די טיפע אַנערקענונג וואָס מיר אַלע, תושבי העיר, און איבערהויפט אַלע טייערע עסקנים ושתדלני הציבור, ווייסן און שפירן זייער גוט, אַז אין בלומינגראַוו דאַרף מען נישט קיין גרויסער מאמין... ווייל "מען זעט בחוש", מיטביידע פליישיגע אויגן, אַז מיר טוען נישט גאָרנישט אַליין, און אַז השי"ת שטייט אונז צו דער רעכטער האַנט, צו אויסברייטערן אַ אידישע שטאט על תילה בנוי! בלומינגראַוו ווערט נישט געפירט דורך קיין יחיד, עס ווערט נישט אָפּערירט דורך אַ קהלה, מוסד אָדער ראשי קהלה, בלומינגראַוו איז בלתי לה' לבדו!

ווען מען קוקט צוריק צו אַזא ווינטער אנגעפולט מיט אזויפיל סוקסעס, ברודערליכע אחדות מיט קעגנזייטיגע פאראייניגטע כוחות דורך אלע תושבי העיר ביינעזאם, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א לויב געזאנג צו השי"ת, עד הנה עזרוני רחמך, מיט א געבעט אויף ווייטער, "השם היה עוזר לנו", אז מען זאל ווייטער מצליח זיין צו העלפן און גרינגער מאכן פאר'ן כלל און פאר'ן פרט און צו נאכמער מוסיף והולך זיין לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, **ואת האלף בטעם העליון!**

★ ★ ★

"**ואת האלף**" דערמאַנט נאַטורליך פון דעם מאמר חכמינו ז"ל: "**אלף נכנסין לבית המדרש**"... וואָס האָט אצינד באַקומען אַ פרישן באַדייט דאָ אין שטאָט, מיט "אלף נכנסין" אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט.

אַצינד שטייענדיג אין דעם מאָנאַט אַפּריל למספרם, ווען די יו. דזשעי. סי. איז פאַרנומען צו פאַרזיכערן אַז יעדעס איינציג קינד פון העכער די פינף יאָר ביז נאָך דער ישיבה קטנה יאָרגאַנג איז רעגיסטרירט צו באַקומען אונזער פאַרדינטע טראַנספּאָרטאַציע פון דעם סקול דיסטריקט, שיילט זיך אַרויס די הערליכע מציאות אַז דאָס יאָר, זומער תשפ"ב, איז למעשה דאָס ערשטע מאָל אין דער

געשיכטע פון בלומינגראוו וואָס "אלף נכנסין לישיבה".

די אָפיציעלע ציפערן פאַרציילן איבער **"העכער טויזנט! לעכטיגע קינדערלעך", זרע ברך ה', בלי עין הרע,** וועלכע פאָרן און קומען יעדן טאָג מיט דער טראַנספּאָרטאַציע צו די מוסדות התורה אין קרית יואל, יונגלעך אין די חדרים, מיידלעך אין די בתי חינוך לבנות און בחורים אין ישיבה קטנה.

**ואת האלף!** דער מספר העצום פון טויזנט צאן קדשים בליעה"ר פאַרציילט דאך די שענסטע געשיכטע! ווען מען האט ב"ה דערגרייכט אַזאַ פרישן און העכסטע - אומגלויבליכן "מייל שטיין", שרייט זיך דאָך אַרויס פון האַרצן טיפן: "כי הרבית טובות עלי כי הגדלת חסדך עלי, ומה אשיב לך"!!

ווייל דוכט זיך אַז אזא וואונדערליכע ערשיינונג, פון אַן אומבאקאנטע געגנט וואס איז אין בלויז געציילטע יאר אויסגעשטיגן אלס אן "עיר ואם בישראל" במלוא מובן המלה מיט אַריבער טויזנט קינדערלעך בליעה"ר, בלויז אין די יאָרגאַנג פון 5 יאָר און העכער, פון אַלע קהלות און מוסדות התורה, וועלכע לעבן אלע אינאיינעם מיט א ברודערליכע ליבשאפט, האט אייגנטליך נישט קיין "אח ורע" אין די געשיכטע פון היימישע ישובים! מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו!

ס'איז נישט קיין ספק אַז מיר ווערן ב"ה באגלייט מיט א הימלישע סייעתא דשמיא וואס מען זעהט אויף טריט און שריט, ביז מען האָט דערגרייכט דעם יעצטיגן פריידיגן מאָמענט פון **ואת האלף בטעם העליון!**

★ ★ ★

רעדנדיג פון **"ואת האלף"**, ווי נעמט מען די פענע צו שילדערן דעם **"הוֹשַׁע נָא הַקּוֹבַעַת אַלְפַּיִם תְּחוּם שַׁבָּת"**, די אומגלויבליכע מציאות וויאַזוי אַ יונגע שטאט, אַ נייע שכונה, וואָס איז באַזעצט בעיקר מיט אידן וועלכע זענען זיך מייגע על המחי' ועל הכלכלה, האָט למעשה אַהערגעשטעלט א ריזן קאָסטבאַרער פּראָיעקט למען קדושת השב"ק, וואָס קיינער וואָלט קיינמאָל דאָס נישט געקענט זיך פארשטעלן.

ישמחו במלכותך שומרי שבת! טאַקע דעם פאַרלאָפענעם שבת החודש - ראש חודש ניסן, האָבן מיר, בלומינגראווער איינוואוינער, געפּראַוועט אין אַלע בתי מדרשים, די פולקאָמע ערגענצונג פון דעם עירוב המהודר "עירוב רבינו יואל", וואָס איז צושטאַנד געקומען מהחל ועד כלה, בלויז דורך בלומינגראווער אידן, אַהערגעשטעלט דורך בלומינגראווער עסקנים און פינאַנצירט בלויז דורך בלומינגראווער איינוואוינער, לשם ולתפארת!

הונדערטער תושבי העיר, הונדערטער טייערע אינגעלייט וואָס פאַרמאָגן נישט קיין גרויסע עשירות, האָבן זיך איבערגעשטרענגט יותר מכפי יכלתם, מען האָט מנדב געווען הערליכע סכומים, אידן האָבן געגאָסן מיט געלט, צוועלף מאות, אַכצן מאות, און מען האָט באַוויזן דאָס אומגלויבליכע! ס'איז קמה וגם נצבה אן עירוב המהודר, אויף אַ ריזיגן שטח, מיט אַלע הידורים און חומרות, וואָס האָט זיך נישט צו שעמען פון קיין שום אַנדערע עירוב אין גרעסערע אידישע ישובים דאָ אין אָפּסטעיט ניו יאָרק.

ווען די טייערע עסקני העירוב זענען אריינגעשפרינגען אין דעם היסטאָרישן אונטערנעמונג, האָט מען נישט גע'חלומ'ט אַז דאָס וועט זיין אַזאַ קאָסטבאַרע פּראָיעקט. קיינער האָט נישט געקלערט פון אַזעלכע פאַנטאַסטישע סכומים. מיט דער צייט האָט מען זיך דערזען אַז דער שטאַנדהאַפטיגער צוים איז געוואָרן אויסגעברייטערט אויף גרעסערע און לענגערע שטחים, צוליב לעגאַלע און הלכה'דיגע סיבות האָט מען כסדר צוגעלייגט נאָך און נאָך פיס צום גרויסן עירוב, די קאָסטן זענען צוביסלעך אַרויף פון 400 טויזנט דאָלער, צו 500 טויזנט און דאַן צו 600 טויזנט.

מען האָט מוסיף געווען נאָך אַ חומרא, נאָך אַ הידור, נאָך אַ לחי, נאָך אַ קורה, נאָך אַ צורת הפתח, און דערמיט זענען די הוצאות אַרויף צו דראַסטישע ציפערן.

אָבער בלומינגראווער אידן האָבן נישט אַנטוישט.

ווייל בלומינגראוו איז אַ שטאָט וואָס לעבט און אָטעמט ערליכע מהודר'דיגע אידישקייט, בלומינגראוו איז אַ שטאָט פון אמת'ע יראים ושלמים בגאון ועוז, און אויב דאָס קאָסט אָפּ פאַנטאַסטישע סכומים געלט, וועט דאָס ווערן פינאַנצירט מיט'ן גאַנצן האַרץ דורך תושבי העיר, בכל לב, בכל נפש, ובכל מאוד!

ועל כולם יתברך ויתרומם, ווי הערליך איז דער פענאָמען אַז די סאַמע לעצטע 150 טויזנט דאָלער, וועלכע האָבן געגעבן דעם ענדגילטיגן גמר פונעם עירוב המהודר, איז צונויף געשטעלט געוואָרן מיט די האַרציגע נדבת הלב פון אַ געקליבענע קבוצה שותפים, טייערע תושבי העיר, וועלכע האָבן געקויפט דעם זכות לשמו ולזכרו פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע, צו פאַראייביגן דעם עירוב מיט'ן הייליגן נאָמען "עירוב רבינו יואל", לזכר עולם יהי' צדיק.

מה זרעו בחיים אף הוא בחיים! דער הייליגער רבי זי"ע בגנזי מרומים, קוועלט דאָך און שעפּט דאך אַזויפיל אומגעהויערע נחת דקדושה, פון בניו ותלמידיו האהובים דיירי העיר הזאת, וועלכע האָבן מקדיש געווען שמו הגדול והקדוש אויף דעם מצות העירוב, וואָס וועט שוין פאַרבלייבן לדורות עולם, אַלס אַן "אות הוא ביני ובין בני ישראל", אויף די ברענענדיגע געפיל פאַר קדושת השב"ק וואָס בלומינגראוו האָט אַרויסגעצייגט מיט אַזאַ אחדות און לעכטיגקייט, אויף די סאַמע-העכסטע סטאַנדאַרט. **ואת האלף בטעם העליון!**

★ ★ ★

"על שלשה דברים בלומינגראוו עומד, על התורה על העבודה ועל גמילת חסדים". פונקט ווי דער **"את האלף"** פון די מוסדות התורה וואָס שיינט און לייכט, פונקט ווי דער **"את האלף"** פון די עבודת השבת קודש וואָס באַגייסטערט אַלעמען, איז גאָרנישט ווינציגער דער **"את האלף"** פון די מצות גמילת חסדים וואָס ווערט פּראַקטיצירט דאָ אין שטאָט אויף היסטאָרישע טערמינען, מיט אַזאַ קידוש ה' און אהבת ישראל.

ווען בלומינגראוו האָט מיט עטליכע וואָכן צוריק ליידער מיטגעלעבט אַ טראַגעדיע, פון אחד המיוחד מבני החבורה שמת, מיט די פּלוצים'דיגע פטירה פון אַ טייערער באַליבטער אינגערמאַן מחשובי תושבי העיר ע"ה, האָט זיך ווידעראַמאָל אַרויסגעשריגן דער "ואת האלף בטעם העליון". אין ממש קורצע געציילטע טעג האָט בלומינגראוו מאָביליזירט אַן ענערגישע אַרמיי פון עסקנים, בעלי בתים, אינגעלייט און נשים צדקניות, וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן צו אויפטרייבן ריזיגע געלטער מיט די גאַנצע האַרץ און נשמה.

בלומינגראוו האָט פּאַקטיש געבראָכן דעם רעקאָרד זייענדיג די העכסטע "טיעם" פון דעם גרויסן קאַמפּיין ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן בלויז דורך תושבי העיר די פאַנטאַסטישע סומע פון אַריבער 200 טויזנט דאללער, אין אַ צייט אָפּשניט פון בלויז 72 שעה!

דער מאַסיווער און געלונגענער קאַמפּיין וואָס האָט אויפגעטריבן אַזעלכע היסטאָרישע סכומים איז ווירקליך געפירט געוואָרן אין דעם שפּאָגל - נייעם "נערוו-צענטער" פון דאָס בלומינגראווער

אידנטום. די "יו. דזשעי. סי." הויפטקוואַרטיר, וואָס איז אייגנטליך טאַקע געבויעט געוואָרן פאַר אָט דעם ציל, צו העלפן תושבי העיר, צו זיין אַן אכסני' של חסד, אַ מקום של צרכי ציבור און אַ צענטער פון "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק", פון וואו עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשריגן מיט אַלע טעמים און נקודות דער **"זאת האלף בטעם העליון"!**

★ ★ ★

אבער דער **"זאת האלף"** פון גמילת חסדים דאָ אין שטאָט, פונקציאָנירט נישט בלויז אין צייטן פון טרויער ל"ע. אדרבה! ווען עס קומט צוגיין אַ יום טוב, ווען מען שטייט אין דעם פרייליכן חודש ניסן, איז עס הערשט די מדת החסד פון בלומינגראוו וואָס קומט אַרויס מיט אַזאַ פראַכט און שיינקייט.

והחוט המשולש לא במהרה ינתק! ס'איז שוין דאָס דריטע מאָל וואָס ביי אונז אין שטאָט ווערט דורכגעפירט מיט די מאַקסימום הצלחה דער גראַנדיעזער "קופת עירינו קמחא דפסחא" קאַמפיין, אָנגעפירט און באַגלייט דורך די טייערע עסקני העיר, אין שפּיץ פון אונזערע געטרייע ערוועלטע ווילעדזש רעפּרעזענטאַטן, הרה"ח המרומם מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א און העסקן הדגול מו"ה יצחק פעלדמאַן הי"ו, ואתם עמם אַלע אַנדערע אישי הציבור עוסקים בגמילת חסדים באמונה.

אַריינגייענדיג אין דעם יום טוב פסח האָט בלומינגראוו געשאַפן אַריבער הונדערט טויזנט דאָלער "פון" אונזערע שכינים, "פאַר" אונזערע שכינים און ידידים תושבי העיר! מיט אַ ברודערליכע אחדות האָבן מיר לעכטיג געמאַכט די שטיבער און אַריינגעברענגט אַ שמחת יום טוב איינער ביים אַנדערן! ווייל אין בלומינגראוו שיינט די הייליגע מדת הצדקה וחסד וואָס רבינו הק' זי"ע האָט אין אונז איינגעבאַקן, אַזוי אַז ס'איז ווי נאַטורליך אַז ווען אַ איד דאַרף פינאַנציעלע אָדער טעכנישע הילף, לייגט מען צו אַ פּלייצע, מען העלפט זיך אַרויס, מען שטאַרקט זיך שבת אחים גם יחד.

געוויס זענען מיר פאַרזיכערט, סמוך ובטוח, אויף די באַקאַנטע הייליגע הבטחה פון רבינו הק' זי"ע אַז ווען אידן העלפן זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן, דאַן דאַרף מען מאַכן "אייגענע עשירים". עס זאָל זיין אַ שפע צווישן אידן אחים לדעה, מיט השפעות וועלכע זאָלן זיך גיסן אין בלומינגראוו, היימישע נגידים בעם, בברכת קדשו פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע.

און אָט דאָס, טייערע אידן, איז טאַקע די רעצעפּט, דער סוד, און די וואונדערליכע הצלחה פון אונזער באַליבטע שטאָט! ס'איז אַ יונגע שטאָט וואו עס ווערט אָרגאַניזירט נאָך אַ קאַמפּיין און נאָך אַ מגבית, ס'איז אַ נייע געגנט וואו די איינוואוינער, ישראל קדושים נתבעים ונותנים, טרייבן אויף הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פאַר צדקה וחסד איינמאָל און נאָכאַמאָל, ס'איז אַ מקום וואו אידן העלפן זיך מיט אַזויפיל גוטהאַרציגקייט און ברידערליכקייט, און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מען זעט ב"ה אַזא השראת השכינה און סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט! **זאת האלף בטעם העליון!**

★ ★ ★

**זאת האלף - ואלו האלופים בשמותם!** געוויס ליגט אויף אונז אַ חיוב פון אמת'ע הכרת הטוב להביע רננות בעד מפעלם, פון די אַלע טייערע אידן, געטרייע און העראָאישע עסקנים חשובים תושבי עירינו, וועלכע זענען שטענדיג גרייט צו העלפן צרכי העיר, מיט אַזא נאָבעלע כח העסקנות וואָס האָט וואַרשיינליך נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אַנדערע געגנט.

זאל ביי דער געלעגנהייט דערמאַנט ווערן שבחם ותהלתם פון הני אישי הציבור, קרואי מועד אנשי שם, שליחי עמך בית ישראל.

די געטרייע ווילעדזש טראָסטים: הרה"ח כהן שדעתו יפה מו"ה **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו, הר"ר **יצחק פעלדמאַן** הי"ו, הר"ר **אשר זאב גוטמאַן** הי"ו און הר"ר **לייב ראָזנער** הי"ו.

די געטרייע פּלענינג באָורד: הר"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו טשערמאַן, הר"ר **אלימלך שמשון שוואַרץ** הי"ו, הר"ר **מרדכי יואל אונגאַר** הי"ו, הר"ר **אברהם קלעפּנער** הי"ו, און הר"ר **דוב פרענקל** הי"ו.

די געטרייע זאָונינג באָורד: הר"ר **יושע אלימלך ביטמאַן** הי"ו טשערמאַן, הר"ר **שמעי' שפּיצער** הי"ו, הר"ר **חיים יעקב גאָלדשטיין** הי"ו, און הר"ר **שלום דוב ליבערמאַן** הי"ו.

דער געטרייער טאַון קאָנסילמאַן: הר"ר **אלימלך שמשון שוואַרץ** הי"ו, וועלכער האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט אַזאַ נאמנות צו פאַרטרעטן אונזערע אינטערעסן פאָרנט פונעם טאַון באָורד. און טראָץ די קאָמפּליצירטע סביבה, זייענדיג אַרומגענומען מיט אַזויפיל פון אונזערע "גוטע פריינד", איז ער ממלא דעם שליחות מיט הארץ און געפיל לטובת אחינו בני ישראל.

וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם! דאָס איז אַמאָל זיכער אַז די פּאַקטישע רעזולטאַטן וואָס זעט זיך אָן אויף טריט און שריט, פאַר'ן כח הרבים און פאַר'ן כח היחיד, איז אַלעס בלויז צו פאַרדאַנקן פאר די אידן, וועלכע געבן אַוועק פון זייער צייט און כח, בלי שום תשלום גמול, אונז צו רעפּרעזענטירן און העלפן מיט אַזאַ סבר פנים יפות.

הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד! מיר אַלע זענען מלא הכרת הטוב פאַר אייך אַלע, טייערע עסקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, על הנגלות ועל הנסתרות, על הנזכרות ועל הנשכחות, איר אַלע זענט אַ גלייכע חלק אין דער קאָלעקטיווער בילד פון דער שיינענדיגער הצלחה וואָס איז קענטיג אין יעדן ווינקל, להרבות חיל ולהרחיב פּעלים מיט דער הילף פון די טייערע אלופי הציבור, **זאת האלף בטעם העליון!**

★ ★ ★

אריינטרעטנדיג אין דעם פרייליכן יום טוב פסח הבא לקראתינו לשלום, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי"ת: "רבוש"ע, האסט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, מיר בעטן דיר, הייליגער באשעפער, גיב אונז ווייטער כח, געזונט און הילף, צו לעבן רואיג אין דעם הייליגן עיר מושב וואו אידישע קינדערלעך זאָלן קענען וואוינען און מגדל זיין ליכטיגע אידישע שטיבער מיט אַ ישוב הדעת ומנוחת הנפש, ביז משיח'ס טאָג במהרה".

בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה, ווען ס'וועט זיין "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", ווען ס'איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינגראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און הייליגע אידישע שטובער, וועט פארמאגן א פראמינענטן ארט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג. בקרוב נהל נטעי כנה פדויים לציון ברנה!

**א חג כשר ושמח, א שמחה אמיתית ותמידית, עושר ועושר בכמות ובאיכות, ברוחניות ובגשמיות, בכלליות ובפרטיות וכל טוב סלה.**

וַיַּגִּדוּ לוֹ עַל אֹדוֹת הַבְּאֵר אֲשֶׁר חָפָרוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ מָצָאנוּ מָיִם

# דראַמאַטישע אָפּמאַך דורך דעם ווילעדזש ברענגט אַריין ריזיגע און ריינע וואַסער קוועלער צום שטענדיגן באַנוץ פון שטאָט איינוואוינער

**לאַנג - ערווארטעטע פרישע קוועלער וועלן מער ווי דאָפּלן וואַסער סופּליי מיט קריסטאַל - לויטערע און זויבערע וואַסער צו די פרייד און באַקוועמליכקייט פון אַלעמען**

**קאָסטבאַרע פּראָיעקט הייבט זיך אָן אין די סאַמע - נאָנטע טעג ווען גראָב אַרבעט און אינסטאלאציע פון מאַסיווע וואַסער רערן דאַרפן זיין פוקלאם ערגענצט אין די קורצליכע חדשים - דאס שניידן דיביימער אויפ'ן שטח איז געווארן פארטיג פונקטליך אויפ'ן דעדליין אפריל 1 למספרים**

בַּעֲבוּרֵינוּ, אַל תִּמְנַע מָיִם! אין אַ זעלטן היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז אַנומלט באַשטעטיגט געוואָרן די דראַמאַטישע און אַזוי לאַנג ערוואַרטעטע בשורה מרנינה, אַז נאָך לאַנגע חדשים פון פאַרהאַנדלונגען און אַקטיווע אינטערוועניץ, און נאָכ'ן אַריבערגיין די קאָמפּליצירטע טעכנישע דעטאַלן און פּראָצעדורן איז דער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, ענדגילטיג אַריין אין אן אָפּמאַך וואס וועט גאָר אינגיכן אַקטיוויזירן אַ רייע פון מאַסיווע וואַסער קוועלער מיט פרישע מיליאָנען גאַלאָנען פון ריינע קלאָרע וואַסער פאר תושבי העיר.

## דער קריזיס בעבר ובהוה

דער כראנישער פראבלעם פון די אומריינע וואסערן וואס פלאגט אונזער געגנט, איז פאַקטיש געווען איינס פון די סאמע ערשטע און וויכטיגסטע פּריאַריטעטן, פונעם ערשטן טאג וואס מען ב"ה געטוישט די ווילעדזש אדמיניסטראציע צום גוטן. די געטרייע עסקנים פון דער יו. דזשעי. סי. און געהילפן צום מעיאָר האָבן דורכאויס די צייט געשפענדעט טויזנטער שעות און צענדליגער זיצונגען צו ערמעגליכן די פּאַסיגע לעזונגען אויף אַ באַלדיגן פּאַרנעם.

צום אַלעם ערשטן האָט אונזער ווילעזש געליטן פון אַ וואַסער מאַנגל, אן "אינווענטארי" פּראבלעם, ווען ס'איז פּשוט נישט געווען גענוג וואסער פאר'ן געברויך פון דער שטאָט. פאקטיש איז עס שוין לאנגע יארן, וואס דער גאַנצער ראַיאָן געפינט זיך אונטער א "וואסער רעסטריקשאן", וואס באדייט אז ס'איז פארבאטן צו נוצן וואסער אויף איבעריגע געברויכן, ווי באוואסערן די גראז, אנפולן סווימינג פולס, א.א.וו. צוליב דעם וואס עס איז נישט פארהאן גענוג וואסער פאר די נויטיגע געברויכן.

אין צוגאָב האָט מען געהאַט דעם גרויסן פּראָבלעם אַז דאָס וואַסער איז געווען ברוינליך, שמוציג און אומריין, וואס מאכט אז עס זאל אינגאנצן נישט זיין געאייגנט צו נוצן ווען מען וויל וואשן וועש, מאכן וואַנעס, און אפגערעדט צו קאכן און באקן.

צו לעזן דעם קריזיס, האָבן די געטרייע שתדלני הציבור זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ קלאָרע וויזיע, צו אַקטיוויזירן און אַריינשטעלן אין באַנוץ פרישע קוועלער וואָס זאָל בעז"ה ברענגען אַ שטאנדהאפטיגע לאנגיעריגע סופליי פון טויזנטער גאלאנען וואסער בשפע אומאויפהערליך, און טאַקע ריינע לויטערע וואַסער, פאר'ן וואוקס און בליה פון דער געגנט לאורך השנים.

## די פריידיגע דורכברוך - חון חשרת מים!

אָט דערפאַר איז אין די פאַרלאָפענע לאַנגע חדשים פּאָראויס געגאַנגען העפטיגע און עפעקטיווע געשפּרעכן מיט די היימישע אייגנטומער פון דעם צוקונפטיגן גראַנדיעזן "קלאוו האוד" דעוועלאָפּמענט, וואו ס'איז פארהאן ריזיגע קוועלער פון ריינע לויטערע וואַסער, וועלכע קענען סופּלייען אונזער שטאט מיט מיליאָנען גאַלאָנען פון זויבערע וואַסער אויף לאַנגע יאָרן.

די געטרייע עסקנים אינערהאַלב דעם אָפיס פונעם מעיאָר האָבן אינוועסטירט הונדערטער שעות פון אינטערוועניץ און שתדלנות צו אויסהאַמערן די טעכנישע דעטאַלן, די אינדזשענירונג פּרטים און דאָס זעלבע די לעגאַלע פּראָצעדורן, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן ווען אַ ווילעדזש נעמט איבער אַ פּריוואַטע שטח.

מען האָט דערביי אויך געדאַרפט ערהאַלטן די נויטיגע ערלויבענישן פון דער "ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראמענטל קאנסערוועישן", און דער "ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלטה", וואס מ'האָט זיך דערפאַר באַנוצט מיט פּאָליטישע אינטערוועניץ

אינערהאַלב די "קאַונטי" און די "סטעיט", דורך ערוויילטע באַאַמטע וועלכע האָבן ב"ה אן אָפענע אויער צו אונזערע אינטערעסן אַדאַנק דעם מאַסיוון וואל - כח פון אונזער שטאט.

איז עס דעריבער אן אויסטערלישע און ווייטגרייכענדע בשורה טובה ווען מען האָט אַצינד דערגרייכט דעם היסטאָרישן מאָמענט, מיט די פולקאָמע באַשטעטיגונג און אָפּמאַך וואָס וועט שענקן פאַר'ן ווילעדזש אַ צאָל פון ריזיגע וואַסער קוועלער, וועלכע קענען פּאַקטיש פּראָדוצירן מער פון דאָפּלט אַזויפיל וואַסער, ווי מיר באַקומען יעצט פון אַלע קוועלער אין דעם ווילעדזש!

## די אַרבעט אין פולן שוואונג

די ריזיגע קוועלער געפינען זיך דאָ אין דער געגנט, אויפ'ן באַרג העכער אַרלינגטאָן דרייוו, וואו די קאָסטבאַרע פּראָיעקט וועט זיך אָנגעפאַנגען אין די גאָר נאָענטע טעג, אויף אַ שנעלן טעמפּאָ, צוליב דעם וואָס לויט די ענווייראנמענטאלע פּאָרשריפטן, דאַרף די גאַנצע גראָב - אַרבעט - און אַזוי אויך דאָס אינסטאָלירן די מאַסיווע רערן וועלכע וועלן אַקאָמאַדירן דעם ברייטן וואַסער סופּליי - שוין זיין פולקאָם פאַרענדיגט אין אַ קורצע צייט, דאס שניידן דיביימער איז פארטיג געווארן צייטליך בעפאָר דעם דאַטום פון אַפּריל 1 למספּרם.

דאָס באַדייט אַז אין בלויז געציילטע חדשים וועט איינפאַך מער ווי געדאָפּלט ווערן דאָס וואַסער סופּליי ביי אונז אין שטאָט, מיט אן אומגלויבליכע שפע פון קריסטאַל ריינע וואַסער, להחיות בהם נפש כל חי!

אָט די היסטאָרישע דערגרייכונג צייכנט ב"ה אָפּ אַ נייע גאָלדענע עפּאָכע אין די קורות דברי ימי בלומינגראוו, ווען צום ערשטן מאָל אין אַריבער 02 יאָר, וועט די געגנט אַרויסגיין פון דעם "וואַסער רעסטריקשאָן" סטאַטוס, מיט אַן ענדלאָזע שפע פון מאַסיווע קוועלער וואָס וועלן פּראָדוצירן קריסטאַל - ריינע וואַסער, מיט אן אויסטערליש זויבערע קוואַליטעט, און אין צוגאָב וועט די ווילעדזש אינסטאָלירן אַ גאָר פּראָפעסיאָנאַלע "פילטערעישן סיסטעם" צו פאַרזיכערן אַז דאָס וואַסער וואָס קומט אן אין די שטיבער איז טאַקע הערליך ריין און גרייט צום באַנוץ.

זאל טאַקע ביי דער געלעגנהייט באַגריסט ווערן די לייסטונגען פון דער "קלאוו האוד" גרופּע, וועלכע וועלן גלייכצייטיג פינאַנצירן דעם גאַנצן פּראָיעקט, אַן אונטערנעמונג וואָס וועט אָפּקאָסטן אַריבער אַ האַלב מיליאָן דאָלער, אַזוי אַרום אַז דאָס וועט נישט קאָסטן פאר די היזיגע שטייער - צאָלער און פאַר'ן ווילעדזש, קיין שום איבעריגע אויסגאַבן. ועוד ידם נטוי' צו העלפן און באַגלייטן די וואוקס און סוקסעס פון אונזער שטאט, תשואת חן חן להם.

**ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה!**

# גאווערנער האוקל ברייטערט אויס "עקזעקיטיוו אָרדער" אויף לענגערע טערמינען

אין אַ גינסטיגע אַנטוויקלונג הערט מען פון אָלבאַני אַז גאָווערנאָר האוקל האָט נאָרוואָס באַשטעטיגט צו אויסברייטערן דעם "עקזעקיטיוו אָרדער" וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם פריערדיגן גאָווערנאָר קאומאו, אַז דאָס זאָל פאָרזעצן אויך אין די קומענדיגע 12 מאָנאַטן, ביז צו דער ענדע פון דעם קאַלענדער יאָר למספּרם.

צווישן די דעטאַלן פון דעם "עקזעקיטיוו אָרדער" געפינען זיך פילע פאַרלייכטערונגען, וועלכע זענען בשעתו געטוישט געוואָרן צו פאַרגרינגערן פאר די איינוואוינער צוליב די קאוויד אומשטענדן. אַ ביישפּיל איז דער רעגולאַציע וועלכע ערלויבט געזעצליך צו שטימען דורך "עבסענטי בעלאטס" אן דאַרפן פּערזענליך אַראָפּקומען צו דעם שטום - בודקע. דאס באַדייט אַז ביז די ענדע יאָר וועט זיין הונדערט פּראָצענט לעגאַל צו אָפּגעבן די שטימען דורך דעם לייכטן מיטל פון עבסעטיס, וואס וועט פיל פאַרגרינגערן פאר וויילער.

אין אַ באַזונדערע אַנטוויקלונג האָט די גאָווערנאָר באַשטימט אן אויסברייטערונג צו די רעגולאַציע איבער ווירטואַלע מיטינגען.

זינט די קאוויד עפּאָכע איז ערלויבט געוואָרן צו טוישן דעם אַלטן סיסטעם, ווען אַלע ערליי פּובליק מיטינגען, ווי קאָורט הירינגען, ווילעדזש מיטינגען, א.א.וו. דאַרפן נישט געזעצליך אָפּגעהאַלטן ווערן אויף אַ פּערזענליכן שטייגער, נאר עס קען פאָרקומען דורך אַ ווירטואַלע פאַרבינדונג. אַצינד איז דאָס אויסגעברייטערט געוואָרן אויפ'ן צוקונפט, אָנדעם וואָס די רעגירונג זאל אָנגעבן א דעדליין ווען דאָס וועט צוריקגיין צום אַלטן.

דאָס וועט פיל פאַרגרינגערן, סיי פאר די ווילעדזש און טאַון באַהערדע, און סיי פאר פּריוואַטע מענטשן וואָס האָבן געדאַרפט אַריבערקומען אַנטייל נעמען אין מיטינגען, אָבער אַצינד קען מען רואיג מיטהאַלטן און קאָנפערירן ביי די אָפיציעלע מיטינגען דורך ווירטואַלע פאַרבינדונג אויף אַ באַקוועמען פאַרנעם.

באַזונדער טוט דאָס איינשפּאָרן גרויסע קאסטן פאר די ווילעדזשס, אַנשטאָט ווי ביז לעצטנס ווען די ווילעדזש האָט געדאַרפט צאָלן "אָווער טיים" און "טרעוול טיים" פאר די אַדוואָקאַטן, אינדזשענירן, און אָפיס איינגעשטעלטע, אַז זיי זאָלן זיך קענען באַטייליגן ביי די זיצונגען, ווערט דאָס אַלעס געשניטן, וויבאַלד די מיטינגען קומען פאר "רימאטלי" און קיין טראַנספּאָרטאַציע אָדער "אָווער טיים" איז נישט נויטיג.

בעת מיר גייען צום דרוק ערש"ק פרשת טהרה איז אריינגעקומען די נייעס אז די נ.י. סטעיט גאווערנער האט פארלייכטערט די ווירטואלע מיטינג אויף גאנצע צוויי יאר, די נייעס איז א געוואלדיגע הילף בעז"ה פאר די ווילעזש אדמיניסטראציע.

# נאָבעלע מסיבת "הכרת הטוב" הייבט אַרויס הערליכע אַנערקענונג פאַר פּראָמינענטע שתדלני היהדות החרדית להביע רננות בעד מפעלם פאַר די וואוילזיין פון בלומינגראוו בעבר, בהוה בעתיד

דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג פּרשת בא העעל"ט איז דאָ אין שטאָט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ העכסט - אימפּאזאנטע אווענט פון הכרת הטוב, אַראַנזשירט דורך די לאָקאַלע פאַרטרעטער פון די היימישע בלומינגראוו, לאות הכרת הטוב פאַר אַ געקליבענע דעלעגאַציע פון פּראָמינענטע און לאַנגיעריגע עסקני כלל ישראל, די הנהלה פון אגודת ישראל אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אין די לעצטע תקופה אינוועסטירט אומערמידליכע און ווייטגרייכענדע לייסטונגען און העפטיגע שתדלנות פאַר די וואוילזיין און צוקונפט פון אונזער שטאָט.

■ ■ ■

דער געהויבענער באַזוך און מסיבת הכרת הטוב איז אַראַנזשירט געוואָרן שטייענדיג בלויז אַ קורצע תקופה נאָכדעם וואָס פון אָלבאַני איז ערהאַלטן געוואָרן די גינסטיגע אַנטוויקלונגען, ווען גאווערנער האוקל יר"ה האָט פולקאָם וועטאָאירט דעם בייזווילליגן "פּרעזערוועישאן" טעקס ביל, וואָס האָט ערנסט באַדראָעט דעם גאַנצן עתיד פון בלומינגראוו אויף לאַנגע יאָרן.

ווי עס געדענקט זיך איז דער "פּרעזערוועישאן" טעקס ביל, פּאַקטיש דורכגעשטופּט געוואָרן ביי די געזעץ געבער אין אָלבאַני, אַלס אַ בייזווילליגע מאכינאציע צו אָפּשטעלן דעם וואוקס פון בלומינגראוו חלילה. די פרישע גזירה וואָלט אַרויפגעלייגט אַזויפיל ווי 7 פּראָצענט "פּרעזערוועישאן" טעקס אויף יעדע נייע הויז וואָס ווערט געקויפט אין דעם גאַנצן טאַון, דאָס געלט האָט געזאָלט גענוצט ווערן דורך דעם טאַון צו אָפּקויפן און פּרעזערווירן גרויסע שטחים לאַנד אַז מען זאָל דאָרט נישט קענען בויען קיין פרישע הייזער פאַר לאַנגע יאָרן, וואָס באַדייט אַז דאָס געלט פון אידן וועלכע קויפן הייזער וואָלט גענוצט געוואָרן ווערן צו באַקריוודען אונזערע אייגענע אינטערעסן, אונטער דעם שלייער פון "פּרעזערוועישאן" וואָס איז בסך הכל אַ שיינעם נאָמען פאַר אָפענע העסליכע דיסקרימינאַציע אין דעם 12'סטן יאָר הונדערט.

די געטרייע שלוחי הציבור אינערהאַלב די "יו. דזשעי.סי." האָבן בשעתו נישט גערועט און איבערגעדרייט יעדעס שטיינדל, מיט אַן אַקטיווע צוזאַמאַרבעט און אינטערוועניץ ביי פּילצאָליגע אַגענטורן, לאָביאונג גרופּעס און ערוויילטע באַאַמטע, מיט דער האָפענונג אַז דער פאָרשלאַג זאל וועטאָאירט ווערן דורך די נייע גובערנאַטורן, און טאַקע אַ דירעקטע וועטאָ וואָס פאַרבלייבט וואָס זאָל שטעלן אַ פּרעצעדענט פאַר די אידן האַסער אויך אויפ'ן עתיד, אַז די נייע סטעיט אַדמיניסטראַציע וועט נישט טאָלערירן קיין אַנטיסעמיטישע בילס.

צווישן אַנדערע איז עס געווען די געטרייע מיטאַרבעט פון די לעגענדאַרע עסקנים אינערהאַלב די "אגודת ישראל ד'אַמעריקע" וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן און געשטאַנען צו דער האַנט מיט אַלע ערליי וויכטיגע שתדלנות, אויסנוצנדיג זייערע קשרים מיט די הויכע פענסטער לטובת העיר.

אַדאַנק זייער אינטערוועניץ איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ לעצט-מינוטיגע זיצונג צווישן די "יו.דזשעי.סי." פאָרשטייער, מיט'ן לוטענאַנט גובערנאטאר, ברייען בעדזשימען, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן אין די אָפיסעס פון "אגודת ישראל" אין מאַנהעטן, ממש אין די לעצטע 84 שטונדן בעפאָר דער ביל איז אָנגעקומען צום גאווערנער'ס טישל פאַר די ענדגילטיגע אינטערשריפט.

ביי יענע דעצידירענדע מיטינג האָבן די עסקני העיר געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרלייגן פאַר'ן לוטענאַנט גאווערנער אונזער ווייטאָג און דילעמע, און בחסדי השי"ת האָט מען געפינען אַן אָפענע אויער, ווען ער האָט פאַרשפּראָכן צו העלפן מיט די טעמע, וואָס האָט זיך ב"ה אַרויסגעשטעלט ריכטיג, און געציילטע טעג דערנאָך האָט די גאווערנער געגעבן דעם הילכין וויטאָ וואָס האָט אַרויסגעשלידערט דעם בייזווילליגן געזעץ צו די דערלייכטערונג פון אידן איבער גרעיטאָר ניו יאָרק.

■ ■ ■

אָט דערפאַר, אין אַ פּאָזיטיוון שריט פון הכרת הטוב, איז דערפאַר פאָרגעקומען אַ באַשיידענע מסיבה פון "הכרת הטוב", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף אַ העכסט - אַריסטאָקראַטישן שטייגער אויף אַ נאָבעלן פאַרנעם, אין שטוב פון הר"ר יואל שטערן הי"ו, קאָמיטע מיטגלידער פון די יו. דזשעי. או., וואו מען האָט אַנטפאַנגען ביותרת הכבוד די פּראָמינענטע שתדלני היהדות החרדית, די הנהלה און באָורד מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער "אגודת ישראל", וועלכע זענען געקומען צופאָרן און באַזוכט אונזער שטאט בלומינגראוו, מיט אַ געוואַלדיגע התפעלות און הערצה.

די געשעצטע דעלעגאַציע זענען צום אַלעם ערשטן אַרומגעפאָרן זיך אומקוקן פון דער נאָנט אויף אונזער הערליכע געגנט, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.

מען האָט אָפּגעשטאַט אַ דערהויבענעם באַזוך אין די באַרימטע ישיבה

"תורת חיים", וואו עס זיצן אַריבער 06 בחורי חמד, פון די ישיבה'שע קרייזן, און זענען עוסק בתורה מצפרא ועד רמשא. אַריינקומענדיג אין דעם היכל הישיבה האָבן די עסקני הכלל אויסגעדרוקט זייער התרגשות הלב וויאַזוי אין דעם שטילן בלומינגראוו, איז איינקוואַרטירט אַזא מקום תורה מיט ראשי ישיבות, רבנן ותלמידיהון, און עס קאָכט זיך אַ קול תורה מיט אן אויסטערלישע התמדה ויגיעה, וואָס שפּיגלט אָפּ די שיינקייט פון דער שטאָט.

פון דאָרט איז מען אַריבערגעפאָרן צו דעם נאָרוואָס - פאַרענדיגן און וואויל באַרימטן וויזניצער ישיבה, וואו עס האָט אָפּגעוואַרט אַ פול - געפּאַקטער היכל פון חסיד'ישע בחורי חמד, וועלכע זיצן און האָרעווען על התורה ועל העבודה. אָט דאָס איזווירקליך געווען די שענסטע קבלת פּנים פאר די געשעצטע דעלעגאַציע וועלכע האָבן זיך נישט געקענט אָפּזעטיגן פון דעם ערהאַבן בילד, וואָס האָט זיי געגעבן דעם קוראַזש און חיזוק אויף זייער וואונדערליכע באַמיאונגען פאר דעם עתיד העיר.

ווי עטליכע אנוועזענדע עסקנים האָבן באַטאָנט זענען זיי אַנגענעם איבערראַשט געוואָרן זעהנדיג וואָס עס שפּילט זיך אָפּ דאָ אין שטאָט, ווייל בשעתו, דעם פאַרלאָפענעם חודש סיון העעל"ט, ווען מען האָט עוסק געווען אין שתדלנות צו איינפעדעמען דעם לאָקאַלן "האַוז אָוו וואָרשיפּ" רעגולאַציע, אַז ס'זאָל זיין ערלויבט צו בויען און אויפשטעלן בתי מדרשים דאָ אין שטאָט, האָט זיך זיי געדוכט אַז דאָ האַנדלט זיך עס פון אַ טעמע וואָס וועט זיין רעלעוואַנט אין עטליכע יאָר אַרום, זיי האָבן איינפאַך נישט זיך פאָרגעשטעלט אַז די השתדלות האָט למעשה געברענגט פאַקטישע רעזולטאַטן אין אַזאַ קורצע צייט אָפּשניט, ווען ס'איז פאַרווירקליכט געוואָרן דער "הזורעים בדמעה ברנה יקצורו" אויף אַזאַ פּרעכטיגן פאַרנעם, כה יתן ה' וכה יוסיף.

■ ■ ■

דאַן איז אָנגעקומען דער קלימאַקס פון דעם שיינעם באַזוך ווען די גאַנצע דעלעגאַציע אַריבערגעקומען אין שטוב פון הר"ר יואל שטערן הי"ו, וואו עס איז אָנגעגרייט געוואָרן אן עלעגאַנטער אווענט, לאות הוקרה והכרת הטוב פאר די געטרייע שתדלני הכלל, וועלכע האָבן טועם געווען ביי די רייך-געדעקטע טישן, בשבת אחים גם יחד.

ביי דעם גייסטרייכן אווענט פון הכרת הטוב האָבן זיך באַטייליגט די לאַנגיעריגע שתדלני הכלל און פירענדע עסקנים פון דאָס יהדות החרדית אין די פאַראייניגטע שטאטן, הרבני הנגיד המפורסם בטוב לבו והשתדלותו למען כל צרכי בני ישראל, הרב **שלמה ווערדיגער** הי"ו און הרבני המפואר עושה גדולות מו"ה **חיים דוד צוויבל** הי"ו, פּרעזידענט פון אגודת ישראל אין אַמעריקע, אינאיינעם מיט די אַנדערע פירענדע עסקנים אינערהאַלב די אַמעריקאַנער "אגודת ישראל", הני צנתרי דדהבא, עוסקים בצרכי ציבור באמונה, הרב **ירוחם סילווער** הי"ו, הר"ר **יצחק מרדכי אהרמאַן** הי"ו, הר"ר **נפתלי משה מילער** הי"ו, הר"ר **יחזקאל שרגא בענעט** הי"ו, הר"ר **שרגא גרינוואַלד** הי"ו און הר"ר **משה גרינפעלד** הי"ו.

דאָס זעלבע האָט זיך אָנגעזען דאָס השתתפות פון די היזיגע געטרייע פאַרטרעטער פון די אידישע בלומינגראוו, הרה"ח רבי **אברהם משה הכהן ווייס** שליט"א - דעפּיוטי מעיאָר; הר"ר **יצחק פעלדמאַן** הי"ו, הר"ר **זלמן ראָזנער** הי"ו, און הר"ר **אשר זאב גוטמאַן** הי"ו - טראָסטיס; הר"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו - טשערמאַן פלעניניג באָורד; הר"ר **יושע אלימלך ביטמאַן** הי"ו - טשערמאן זאונינג באָורד; הר"ר **אלימלך שמשון שוואַרץ** הי"ו - טאון קאָונסילמאַן; הר"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו און הר"ר **יואל שטערן** הי"ו- ווילעדזש עקזעקיוטיוו טיעם.

צוערשט האָט אויפגעטרעטן דער וועלט -באַרימטער כלל עסקן און תורה מעצענאט הרבני המרומם מו"ה שלמה ווערדיגער הי"ו, וועלכער האָט באַטאָנט וויאַזוי ער קען נישט גענוג אויסדרוקן זיין התפּעלות, זייענדיג שוין לאַנגע יאָרן אין דעם פעלד פון עסקנות וואו ס'איז אים שוין אויסגעקומען צו האנדלן מיט אומצאָליגע געגנטער, קרייזן און מוסדות התורה, אָבער ער האָט זיך נאָכנישט באַגעגנט מיט אַזאַ וואונדערליכע מציאות פון אַ אידישע שטאט, מיט אַזאַ פּאָזיטיווע און אחדות'דיגע שניט. עס איז נישט פאַרהאַן קיין שום חילוקי דעות און גרעניצן, נאר אַן אמת'ע געפיל פון אהבה שלום והשקט ובטח, ווען אַלע קהלות העלפן זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן מיט אַזאַ אחוה וריעות. דאָס איז אַ שטוינענדע רעאַליטעט וואָס ברענגט אַן אָפענע השראת השכינה וואָס ברענגט אים צום שטוינען מיט התפּעלות.

עס האָט גענומען דאָס וואָרט, דער לעגענדאַרער שתדלן, לפני מלכים ורוזנים יתייצב, הרב חיים דוד צוויבל הי"ו, פּאָרזיצער פון אגודת ישראל אין אַמעריקע, וועלכער האָט אַרויסגעהויבן די זכי' וואָס מען שפּירט צו קענען האָבן אַ חלק און אַרויסהעלפן די עיר ואם בישראל וואָס בויעט זיך אַזוי שיין, סיי מיט די אַקטיווע הילף און שתדלנות בעבר, און דאָס זעלבע קוקט ער אַרויס ווייטער צו שטיין צו דער רעכטער האַנט פון דער געגנט מיט אַלעם וואָס וועט זיך נאָך אויספעלן בעתיד.

מען האָט דערנאָך געהערט טרעפליכע קאָמענטאַרן דורך הר"ר יחזקאל באַנעט הי"ו, וואָס האָט פּאַסיג געזאָגט אַז זעענדיג דאָס מציאות פון די הערליכע שטאט בלומינגראוו איז שוין נישט קיין ספק אַז בלומינגראוו וועט בליען און שיינען אַלס אַ פּרעכטיגע אידישע שטאט ביז משיח'ס טאָג, די גרויסע שאלה בלייבט נאר, ווער עס וועט קענען זאָגן אַז "איך האָב געהאַט אַ חלק אין אַרויסהעלפן די עתיד פון דער שטאָט". אַצינד, שטייענדיג ביי אַזאַ מאָמענט, ווען מען באַזוכט די היכלי התורה ובתי מדרשים, זענען מיר ב"ה גליקליך צו קענען זאָגן אינאיינעם אַז "יאָ, מיר האָבן אַרויסגעהאָלפן די צוקונפט פון בלומינגראוו און איר געשטאַנען צו דער האַנט ווען זי האָט זיך דאָס מערסטע גענויטיגט דערינען".

■ ■ ■

דורכאויס אַ לענגערע ווײַלע זענען דאַן די פירענדע שתדלני היהדות החרדית געזיצן און דיסקוטירט בכובד ראש פאַרשידענע וויכטיגע טעמעס וואָס קען זיין בייהילפיג פאר אונזער שטאט. מען האָט באַהאַנדלט עטליכע אַקטועלע לעגאַליטעטן וועלכע דאַרפן ערלעדיגט ווערן, כדי צו קענען העלפן די געגנט אויפ'ן קורצן טערמין און אויפ'ן לאַנגן טערמין בעז"ה, און ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן פילע פּרטים איבער פּעולות חובקות וואָס וועט בעז"ה דורכגעפירט ווערן למען עתיד העיר בסייעתא דשמיא.

אַ נאָבעלער מאָמענט איז געווען ווען די עסקני העיר האָבן פּרעזענטירט אַ הערליכע געשאַנק פאר יעדן פון די "אגודת ישראל" דעלעגאַציע, וועלכע האָבן ערהאַלטן אויפ'ן אָרט אַ שיינע לעדערנע "שנים מקרא ואחד תרגום" מיט פּערזענליך- איינגעקריצטע נעמען, צו אויסדרוקן אונזערע הייסע געפילן פון הכרת הטוב, לזכרון נצח שבחם ופעלם הטוב.

מען האָט זיך געזעגנט מיט פּאָזיטיווע געפילן און קעגנזייטיגע וואונטשן, שפּירנדיג אַז דאָ איז געשאַפן געוואָרן היסטאָריע מיט גאָר ווייטגרייכענדע רעזולטאַטן וועלכע וועלן זיך נאָך שפּירן לאַנגע יאָרן בעז"ה, מיט אַ געבענטשטע צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע שתדלני הכלל פאר די וויזיע און צוקונפט פון אונזער שטאט, ההולך וגדול עד כי גדול מאוד.

**הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד!**



די היימישע ווילעזש אדמיניסטראציע ביי מסיבת הכרת הטוב פאר די פירערשאפט פון אגודת ישראל אין שטוב
פון מוה"ר יואל שטערן הי"ו וואו עס איז געווען צוגעגרייט רייך געדעקטע טישן



מו"ה יואל שטערן הי"ו און מו"ה יצחק עקשטיין הי"ו ביים
איבערגעבן א רעפארט פאר די פארזאמלטע און דאנק
ווערטער פאר די געסט



הרב ירוחם סילווער שליט"א אדרעסירט די אווענט



הרב חיים דוד צוויבעל שליט"א יו"ר אגודת ישראל ביים
אדרעסירן די אווענט



הנגיד הרב שלמה ווערדיגער הי"ו באגריסט די געטרייע
ווילעזש אדמיניסטראציע



די ראש ישיבה הרב פיקוס מיט די ראשי אגודת ישראל



מו"ה אברהם משה ווייס הי"ו, דעפיוטי מעיאר באגריסט זיך
מיט'ן ראש ישיבה הרב פיקוס שליט"א, ווערט געזעהן הרב
חיים דוד צוויבעל הי"ו, יו"ר אגודת ישראל



וועלט בארימטע פילאנטראפ הרב שלמה ווערדיגער הי"ו, נעמט אפ זיין פארדינטע
הכרת הטוב פאר זיינע לייסטונגען פאר בלומינגראוו פון די עסקני העיר



די דעלעגאציע באזוכט אין היכל ביהמ"ד פון די ישיבה



מו"ה אברהם משה ווייס הי"ו, דעפיוטי מעיאר באגריסט זיך
מיט'ן ראש ישיבה הרב פיקוס שליט"א, ווערט געזעהן הרב
חיים דוד צוויבעל הי"ו, יו"ר אגודת ישראל



הרב ירוחם סילווער שליט"א
ביים אפנעמען די הכרת הטוב געשאנק



הרב חיים דוד צוויבעל שליט"א
ביים אפנעמען די הכרת הטוב געשאנק



הנגיד תומך תורה הרב שלמה ווערדיגער שליט"א אין די
וויזניצער ישיבה מיט הרבני ר' הערש לייב ראזענבערג הי"ו,
יו"ר מוסדות וויזניץ



מו"ה יצחק עקשטיין הי"ו, גיט א באריכט
פאר אגודת ישראל אין די ניי געבויטע דארמיטארי
בנין פון די וויזניצער ישיבה



הנגיד הרב שלמה ווערדיגער הי"ו באגריסט הרה"ח ר' אברהם
משה ווייס הי"ו דעפיוטי מעיאר



הרב יחזקאל בינעטה שליט"א מיט ווארימע דברי חיזוק און
די וויזיע אויף פאראויס צו קענען ארבעטן אינאיינעם פאר
פעולות הכלל והפרט



הר"ר יואל שטערן הי"ו ביים איבערגעבן א באריכט
אין די פרעכטיגע לאבי פון די וויזניצער ישיבה



הרב חיים דוד צוויבל שליט"א יו"ר אגודת ישראל מיט
הרבני ר' הערש לייב ראזענבערג הי"ו - יו"ר מוסדות וויזינץ

# ווילעדזש רעזאָלוציע באַשטימט איפּבוי פון שפּאָגל – נייע "פּלעי גראַונד" צו זיין גרייט אויף די זומער מאָנאַטן

די פראָסטן און די שניי זענען נאָך געווען אין פולן שוואונג, אָבער אינערהאַלב די ווילעדזש אָפיסעס האט מען שוין געקלערט זייער ערנסט אויף די קומענדיגע זומער חדשים... ווען אויף דער איניציאטיוו פון דעם אַלעמען באַליבטן דעפּיוטי מעיאָר, הרבני החסיד מו"ה אברהם משה הכהן ווייס הי"ו, האָט די ווילעדזש דורכגעפירט אַן אָפיציעלע רעזאָלוציע צו פולקאָם איבערפרישן און רענאָווירן דעם פּאַרק, וואָס געפינט זיך הונטער די "טענעדזשער" הייזער, מיט שפּאָגל נייע און היינט - צייטיגע "פּלעי - גראַונד" עקוויפּמענטס, פאר די באַקוועמליכקייט און געשמאַק פון אונזערע קינדערלעך.

אזא פּאַרק צוגעשטעלט מיט אלע צוגעהערן קאסט אפ די אסטראנאמישע סומע פון $250,000 און איז א געוואלדיגע זאך אז מ'קען אזוינס צושטעלן און ברענגן פאר די פילצאליגע פאמיליעס מיט קינדערלעך תושבי העיר וואס וועלן זיכער געניסן פון דעם אויף לאנגע יארן.

לויט די יעצטיגע פּלענער וועט דער הערליכער שפּיל הויף אינסטאָלירט ווערן אין די נאָנטע טעג, מיט הערליכע "סטעיט אָוו די ארט" שפּיל געצייג, מיט'ן ציל אַז עס זאָל טאַקע זיין גרייט אויף די קומענדיגע זומער מאָנאַטן הבעל"ט, ווען די וואַרימע וועטערס איז אַמבעסטן געאייגנט דערפאַר.



דער פּובליק פּאַרק, וואָס געפינט זיך אונטער די אייגנטום פונעם ווילעדזש, וועט זיין אָפן פאַר אַלע איינוואוינער, דורכאויס די טאָג שטונדן, גענצליך פריי פון אָפּצאָל, און עס וועט געוויס זיין אַ געבענטשטע ערשיינונג פאַר קינדער געבענטשטע פאַמיליעס, וועלכע וועלן האָבן די געלעגנהייט זיך צו אויסלופטערן און אַנגענעם פאַרברענגען אויף אַ לאָקאַלן פאַרנעם, אלס נאָך אַ רינגעלע אין די קייט פון סערוויסעס פאר די אויפבליה און צוקונפט פון דער עיר ואם בישראל, בלומינגראוו המעטירה.

**יְלָדִים וִילָדוֹת מְשַׂחֲקִים בִּרְחֹבֹתֶיהָ.**

# וויכטיגע ריינקייט רעגולאציעס וועלן אינפארסירט ווערן אָנצוהאַלטן הויכע ניוואָ פונעם געגנט

נאָכ'ן ערהאַלטן פילצאָליגע קאָמענטאַרן אין די לעצטע תקופה, דורך אַנשטענדיגע איינוואוינער וועלכע באַקלאָגן זיך איבער טייל פּראַפּערטיס און ראָודס וואו די ריינקייט ווערט קביעות'דיג פאַרנאַכלעסיגט, האָט דער ווילעדזש אין די לעצטע טעג אויפגענומען די באַרימטע "פּאסקא אינזשענירונג פירמע" וועלכע וועט פאַרפיגן סיי אויף די "בילדונג דעפּאַרטמענט" אַנגעלעגנהייטן, און וועט אויך לייגן אַ געוויכט אויף די "קאָוד אינפאָרסירונג" צו אָנהאַלטן דעם שיינעם כאַראַקטער פון דער געגנט.

די פּראַקטישע און עפעקטיווע פּאַליסיס, איבער ריינקייט ביי פּריוואַטע פּראַפּערטיס און הייזער, וועלן פאַרזיכערן אַז דער געגנט פאַרבלייבט טאַקע מיט איר ברייט באַרימטן הערליכן "קוואַליטעט אָוו לייוו", ציכטיגע שטחים און זויבערע גראונדס, אָבער צו דער זעלבער צייט זאל דאָס באַגלייט ווערן אויף אַ יושר'דיגן און צוגענליכן פאַרנעם, מיט אַ קעגנזייטיגע פאַרשטענדעניש מיט די איינוואוינער.

ס'איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אַז לויט'ן געזעץ דאַרפן "גארבידזש קענס" זיין אַריינגענומען, נאָך 24 שטונדן נאָך דעם גארבידזש פּיק-אָפּ, כאָטש עטליכע פיס אַריין אין דעם פּראַפּערטי, און עס טאָר זיך נישט געפינען אויפ'ן ראָוד, אפילו האַרט נעבן דעם דרייוו-וועי.

יעדן דינסטאָג וועט די פירמע טיילן נאָטיצן און דאָנערשטאָג וועלן די קאוד אינפאָרסירער נעמען ווייטערדיגע שריט אַז גארביזש קענס זאָלן נישט פאַרבלייבן ליגן אויף די ראָודס. געוויס קוקט מען אַרויס אויף די געמיינזאַמע קאָאָפּעראַציע פון אַלע איינוואוינער צוגלייך, פאר די אינטערעסן און טובה פון אונז אַלעמען, נקיות מביא לידי טהרה!

# בילדונג דעפּאַרטמענט סערוויסעס גייען אַריבער פּאָלקאָמע לאַנג – ערוואַרטעטע רעפאַרמאַציע אונטער נייע סימפּאַטישע פאַרוואַלטונג

מיט פרייד איז אויפגענומען געוואָרן די לאַנג - ערוואַרטעטע פּאָזיטיווע טויש אינערהאַלב די לאָקאַלע בילדונג דעפּאַרטמענט סערוויסעס, וואָס איז ענדליך אַריין אונטער אַ נייע פּאַרוואַלטונג, נאָכ'ן אָפּשטעלן דעם לאַנג-יעריגן קאָנטראַקט צווישן דעם ווילעדזש מיט'ן טאַון אָוו בלומינגראוו, וואָס איז ביז היינט אויסגענוצט געוואָרן קעגן די אינטערעסן פון ווילעזש איינוואוינער.

ס'איז שוין לאַנגע יאָרן וואָס אַלע בילדונג דעפּאַרטמענט פינקציעס דאָ אין דעם ווילעדזש, אַריינגערעכנט אויך די בילדונג אינספּעקטאָר, זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם טאַון אָוו בלומינגראוו, אַדאַנק אַ קאָנטראַקט וואָס די געוועזענע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָט געשלאָסן מיט'ן טאַון.

צום באַדויערן איז די ערשיינונג אָפט אויסגענוצט געוואָרן צו דיסקרימינירן קעגן די אידישע איינוואוינער וועלכע האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אומבארעכטיגע שטערונגען אויף טריט און שריט. אויך נאָכדעם וואָס די ווילעדזש איז ב"ה איבערגענומען געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישע פירערשאַפט האָט מען דאָס נישט געקענט טוישן וויבאַלד דער לאַנגיעריגער קאָנטראַקט איז נאָך געווען פעליג.



דערווייל האָט די טאַון ווייטער גענוצט דעם "בילדונג דעפּאַרטמענט" צו שטערן און באקריוודען די רעכטן פון אומשולדיגע איינוואוינער מיט אַלע ערליי מאכענאציעס, אָפּן און באַהאַלטן, אין יעדער געלעגנהייט, ווען צו דער זעלבער צייט איז דער ווילעדזש געווען מיט געבינדענע הענט, נישט קענענדיג ברעכן דעם קאָנטראַקט בעפאָר די באַשטימטע צייט, וואָס וואָלט געברענגט אומגעווינטשענע "פענעלטיס" אויפ'ן חשבון פון די שטייער- צאָלער.

דעריבער, ווען ס'איז ענדליך אָנגעקומען דער טאָג, דעם פאַרלאָפענעם דעצעמבער 31 למספרם, ווען ס'איז אָפּגעלאָפן דער קאָנטראַקט, האָבן די היימישע געהילפן צום מעיאָר, קלאָרגעשטעלט פאַר'ן טאַון אַז די אַלטע צייטן זענען ב"ה געקומען צו אַן ענדע, מיר וועלן נישט באַנייען דעם קאָנטראַקט און די בילדונג דעפּאַרטמענט סערוויסעס וועלן זיך מער נישט געפינען אונטער זייער יוריסטריקציע.

אנשטאט איז דורך די ווילעדזש אויפגענומען געווארן די ענערגישע און מולטי - טיכטיגע פירמע, "פאסקא אינדזשענירונג", וועלכע פארמאגט שוין אונטער זייער פארוואלטונג, פילע ווילעדזשס און טאון'ס לענגאויס עטליכע שטאטן, וואו זיי פארפיגן געניט מיט א שטאב פון צענדליגער עקספערטן, אויף אלע געביטן פון ווילעדזש אינדזשענירונג, אריינגערעכנט די וויכטיגע פונקציעס פון "פלענערס", "בילדונג אינספעקטאר", "קאוד אינפארסמענט", א.א.וו.

די אויפנאמע פון א נייע סימפאטישע פארוואלטונג - באגלייט בלויז דורך דעם ווילעדזש אן קיין פארבינדונג צו דרויסנדיגע עלעמענטן - איז פאקטיש אן אויסטערלישע שריט לטובה פאר די גליקליכע עתיד פון בלומינגראוו. עס ענדיגט א טרויעריג קאפיטל געשיכטע פון לאנגע יארן שיקאנירונגען און רדיפות, און עס הייבט ב"ה אָן א נייע געבענטשטע עפאכע אין אונזער שטאט, צו קענען בעז"ה אהערשטעלן מרחיב זיין גבולי הקדושה ברוחניות ובגשמיות, מיט בתי מדרשים, ישיבות, מקוואות, ביזנעס צענטערן, צרכי ציבור, א.א.וו. אויף א לייכטן אבער געזעצליכן פארנעם לשם ולתפארת!

## היסטאָרישע אַנטוויקלונג אין אידישע בלומינגראוו;

# הילכנדע "שבת פייפער" אַרויפגעצויגן און אינסטאָלירט געוואָרן באַגלייט מיט סאָפיסטיקירטע קאמיוניקאציע עקוויפּמענט

מיט אַ שבת'דיגע מנוחה ושמחה האָט דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג לסדר "ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם", בעצם יום פורים קטן העעל"ט, זיך צעשפּרייט די בשורה מרנינה אין אַלע ווינקלען פון דער שטאָט אַז אין אַ מזל'דיגע שעה איז שוין פאַקטיש אַרויפגעצויגן געוואָרן דער מאַסיווער זויל, זיבעציג פיס אין דער הייעך, אויף וואָס ס'איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן דער לאַנג - ערוואַרטעטער "שבת פייפער" וואָס וועט בעז"ה באַדינען תושבי העיר יעדן ערב שבת ויום טוב פאר די קומענדיגע יאָרן ביז משיח'ס טאָג.

די פאַקטישע אינסטעלאציע פון דעם "שבת פייער" איז אייגנטליך עפּעס פיל מער באדייטענד ווי אַ טעכנישע פייפער. עס פאַרציילט אַ געשיכטע, עס הילכט אָפּ מיט אַ פריידיגן סטעיטמענט, און עס פּראָקלאַמירט "אויף די העכסטע טענער", די וואונדערליכע אויפבלוה פון פון אַ שטאָט וואו אידישקייט און אידן זענען מיט אַ קורצע צייט צוריק נאָך פאַרפאָלגט געוואָרן אויף מינדערוויכטיגע און אומ'יושר'דיגע דעטאַלן, און אַצינד איז מען זוכה צו זען און הערן, וויאַזוי די געגנט שיינט און בליעט אַלס אַ כלילת יופי, אן עיר ואם בישראל הולך וגדול!

איז דעריבער נישט קיין חידוש מיט וואָס פאַראַ אינטערעסע די פריידיגע אַנטוויקלונג איז אויפגענומען געוואָרן בקרב תושבי העיר, וועלכע קוקן זיך צו מיט הנאה זעהנדיג מיט די אויגן דאָס אומגלויבליכע, וויאַזוי ס'איז שוין אויפגעשטעלט געוואָרן דער הויכער שטאַנג מיט'ן פייפער, וואָס וועט פולקאָם פאַרענדיגט און אינסטאָלירט ווערן אין די גאָר נאָענטע טעג, צו אָפּערירן אויף אַ וועכנטליכן פאַרנעם אין די ערבי שבתות וימים טובים, אַזוי ווי איינגעפירט בכל תפוצות ישראל מקדמת דנא, ווי מיר געפינען שוין אין חז"ל "תנו רבנן שלש תקיעות תוקעין ערב שבת... להבטיל את העם ממלאכה... ולהדליק את הנר".

אין אַ באַזונדערע אונטערנעמונג איז אויך אינסטאָלירט געוואָרן אויף דעם שטאַנג, די העכסט סאָפיסטיקירטע קאמיוניקאציע עקוויפּמענט און געצייג, וואָס וועלן שטיין אין דינסט פון די נאָרוואָס געגרינדעטע "יו. דזשעי. סי. עמערדזשענסי רעספּאַנס דעוויזשן", און וועט זיין אַ געוואַלדיגע הילף פאר די וויכטיגע הצלת נפשות אקטיוועטעטן למען צרכי הציבור.

דער שבת פייפער איז אינסטאָלירט געוואָרן דורך דעם אַלעמען באַקאַנטן מומחה, הר"ר שלום סאַנדל הי"ו, פון די באַרימטע "סאַנדל בראָדער סאַונד" פירמע, וואָס טראָגט שוין אַ לאַנגיעריגע עקספּערטיז רעקאָרד, זייענדיג די פּיאָנערן וועלכע האָבן אינסטאָלירט מערסטנס שבת פייפער אין אידישע געגנטער לענגאויס גרעיטאָר ניו יאָרק און ניו דזשערסי.

ווידעראום די קאָסטבאַרע קאמיוניקאציע סיסטעמען און געצייגן, פאר די רעסקיו דעוויזיע פון אונזער שטאט, איז אינסטאָלירט געוואָרן דורך הר"ר זלמן לייב שטערן הי"ו, פון די באַקאַנטע "סטאר קאמיוניקעישן" פירמע, וועלכע טוט זיך ספּעציאַליזירן אין דעם געביט פון הויכע קוואַליטעט ראַדיאָ און עמערדזשענסי קאמיוניקאציע.

עס האט גענומען עטליכע טעג און וואכן ביז די עלעקטעריציטעט פאר די נעטוואָרק סיסטעמען זענען באַהאָפטן און פּראָגראָמירט געווארן, און בעז"ה ערש"ק פרשת שמיני איז געוועזן די ערשטע מאל אין היסטאריע וואס דער שבת רוף האט אָפּגעהילכט אויף ווייטע שטרעקעס, איבער דער גאַנצער שטאט, יעדן ערב שבת, לקראת יום השב"ק הממשמש ובא, השי"ת זאל העלפן אויף ווייטער עד ביאת משיח צדקינו במהרה.

ויזכר לשבח ולתהלה, נדבת לבו הזהב פון הרבני הנגיד הנכבד, שמו מפארים בעדת חבלו, מו"ה יחזקאל שווימער הי"ו, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די פולע אויסגאַבן פון דעם קאָסטבאַרן אונטערנעמונג. זייענדיג דערמיט דער ריכטיגער "ברא כרעא דאבוה", פון זיין חשוב'ן פאָטער, הרה"ח רבי מענדל שווימער שליט"א, וואָס האָט טאַקע אין די יעצטיגע טעג זוכה געווען לברך על המוגמר אָפּרעכטן דעם "חנוכת הבית" פאר די שפּאָגל נייע הצלה גאַראַדזש ביי אונז אין דער שטאָט, וואָס איז געבויעט געוואָרן בנדבת לבו הטוב למען צרכי בני ישראל.

תושבי העיר זענען דאַנקבאַר, מיט אַן אמת'ע הכרת הטוב, פאר די הערליכע תרומת הקודש פון הר"ר יחזקאל הי"ו, וועלכער האָט ערמעגליכט דעם "שבת פייפער" און די אַרומיגע וויכטיגע קאמיוניקאציע סיסטעמען, וואָס וועט אים געוויס ביישטיין בדבר ישועה ורחמים מיט די ברכה פון שב"ק וואָס צאָלט צוריק נחלה בלי מצרים.

**ישמחו במלכותך שומרי שבת!**



**ספּעציעלע מאשינען געברענגט צו אינסטאלירן דעם ספּעציעל הויכן שטאנג פאר די שבת פייפער**

# היימישע "קאָל-פּראָו" פירמע וועט פאַרפּיגן אויף ווילעדזש "קאָל און טעקסט" נאָטיפיקאַציע סיסטעם

אין אַ גינסטיגע אַנטוויקלונג האט די ווילעדזש אַנומלט איבערגעפרישט דעם סיסטעם פון "ראבא קאָלס" און "ראבא טעקסט", וואָס ווערט אַרויסגעשיקט מיט צייטליכע און אַקטועלע מעלדונגען ווען אימער עס פאָדערט זיך צו מיטטיילן וויכטיגע אַנטוויקלונגען מיט די איינוואוינער.

די ווילעדזש האָט דערפאַר איבערגעטוישט דעם קאָנטראַקט פון די "בלעק באָורד" בראודקעסטינג פירמע, צו די אַלעמען באַקאַנטע היימישע "קאָל פּראָו" פירמע, וועלכע וועט פון יעצט פאַרפּיגן אויף דעם גאַנצן ראבא קאָל און טעקסט סיסטעם מיט אירע סאָפיסטיקירטע און טעכנאָלאָגישע נעטוואָרקס, צו פאַרזיכערן די מאַקסימום רואיגקייט און פּראַקטישקייט פאר אַלעמען.

דער נייער סיסטעם ווערט אַצינד פּראָגראַמירט אויף אַ ספּעציפישן שטייגער, אַז יעדע הויז זאָל זיין רעגיסטרירט באַזונדער לויט די גאַסן און געגנטער. אַנדערש ווי ביז היינט, ווען ביי יעדע מינדערוויכטיגע פּאַסירונג אין שטאָט האָבן אַלע איינוואוינער באַקומען אַ מעלדונג דערוועגן, וועט דער סיסטעם אויסקלייבן בלויז די באַטרעפענדע אַדרעסן אָדער אומגעגנט וואו די נאטיפיקאציע דארף געהערט ווערן, צו די באַקוועמליכקייט פון די איבעריגע שטאט איינוואוינער.

דער נייער קאָנטראַקט מיט די היימישע "קאָל פּראָו" פירמע וועט גלייכצייטיג זיין מיט נאָענט צו טויזנט דאָלער ביליגער ווי די פריערדיגע קאָנטראַקט מיט די "בלעק באָורד" פירמע, ווען אין אויסטויש וועלן די סערוויסעס זיין פיל ברייטער מיט אַסאַך מער אָפּציעס און אויסוואַלן.

באַזונדער ווערט אונטערגעשטראָכן מיט צופרידנהייט דער פאַקטאָר אַז די אייגנטומער פון "קאָל פּראָו" זענען ווירקליך היימישע תושבי עירינו בלומינגראוו, וואָס דערמיט האָט די ווילעדזש נאָכאַמאָל די מעגליכקייט צו אַנטייל נעמען אין דער פּאָזיטיווער וויזיע פון שטיצן אונזער לאָקאַלע עקאָנאָמיע, דורך קויפן און זיך באַנוצן מיט די סערוויסעס "מעיד אין בלומינגראוו" דורך אונזערע שכינים און שטאט איינוואוינער, לכו התפרנסו זה מזה.

# "ווילעדזש סוער דעפּאַרטמענט" וועט אינסטאַלירן סאָפיסטיקירטע פּאָמפּ צו פאַרשנעלערן און פאַרלייכטערן ווילעדזש סוער סיסטעם

אין די קומענדיגע נאָענטע טעג וועט די "ווילעדזש סוער דעפּאַרטמענט" אינסטאָלירן אַ גאָר טייערן און העכסט סאָפיסטיקירטן "סוער פּאָמפּ", וואס וועט פיל פאַרשנעלערן און פאַרלייכטערן דעם גאַנצן סוער סיסטעם און וועט בעז"ה פאַרמיידן "וואַסער מעין ברעיקס" און "סוער בעקאפס" אין דער צוקונפט.

דער נייער קאָסטבאַרער פּראָיעקט וועט אַרבעטן צו אַרויספּאָמפּן די סוער פון די ליניעס און דאָס גיך אָפּשיקן צו די צענטראַלע פּאָמפּ סטאַנציע פון דער קאַונטי, וואָס וועט אַוועקנעמען די אָנגעלייגטע פּרעשור פון די רערן. אינאיינעם מיט דעם פּאָמפּ וועט דער ווילעדזש אויך איינהאַנדלען אַ נייע קאָסטבאַרע "גריינדער" מאַשינערי, וואָס וועט ערזעצן דעם אַלטן מאַשין, און ערמעגליכן אַ שנעלע פלוס פאר דעם גאַנצן "סוער" סיסטעם.

אין צוגאָב ווערט געמאָלדן פון דעם "וויעלדזש סוער דעפּאַרטמענט" אַז עס ווערט אַצינד איינגעשטעלט אַ נייער סיסטעם, צו "דזשעטן" די "סוער" ליניעס אויף אַ שנעלערן באַזיס, כאָטש איינמאָל אין יעדע דריי מאָנאַטן, אַנשטאָט ווי ביז היינט ווען דאָס פלעגט געטון ווערן בלויז 1-2 מאָל דורכאויס דאָס גאַנצע יאָר. דער נייער איינשטעל וועט אויך שטאַרק צוהעלפן צו פאַרמינערן בעקאפס און שאָדנס וואס פלעגט אָפט פּאַסירן צוליב די אַלטע סוער פּייפּס.

די ווילעדזש באַהערדע אַרבעטן אַצינד אויפ'ן פּאָליטישן פראָנט אַז דער פּראָיעקט זאל גערעקט ווערן דורך דרויסנדיגע "גרענטס", אַז ס'זאָל נישט האָבן קיין אַפּעקט אויף די בילס פון שטייער צאָלער

# "ווילעדזש פּלעינינג באָורד" באַשטעטיגט איינשטימונג לאַנג- ערוואַרטעטע אַפּראָוועל פאַר ריזיגן "סאַוט בלומינגראוו ביזנעס פּאַרק"



דעם פאַרגאַנגענעם ליל שישי כי תשא, ביי דער חודש'ליכער "פּלעינינג באָורד מיטינג" איז ענדגילטיג פאַרמאַכט געוואָרן די "פּובליק הירינג" אַנבאַלאַנגט די "סייט פּלען" באַשטעטיגונג פאַר דעם צוקונפטיגן "סאַוט בלומינגראוו ביזנעס פּאַרק", וואָס וועט אויפגעבויעט געוואָרן ביים ווינקל פון דעם 208 רד. קאָר. מוזעאום ווילעדזש רד.

די אַפּראָוועל פאַר דעם גרויסן ביזנעס צענטער איז איבערוויגענד באַשטעטיגט געוואָרן דורך אַלע פּלעניניג באָורד מעמבער, אין שפּיץ פון דעם טשערמאַן הר"ר שלום יודא ווייס הי"ו, וועלכע האָבן באַשטימט צו געבן דעם ערלויבעניש פאַר אַ גרויסאַרטיגן ביזנעס פּאַרק וואָס וועט געבויעט ווערן אַלס אַ פּראַכטפולע צענטער פאַר דער גאַנצער שטאט.

די ערלויבעניש איז באַשטעטיגט געוואָרן אינאיינעם מיט די פאַרפליכטונג פון די דעוועלאָפּער אַז דער פּראָיעקט וועט זיין באַזאָרגט מיט אַן אייגענעם וואַסער סיסטעם, אַזוי אויך וועלן זיי גענצליך רעסטרוקטורן דעם גאָר - פאַרנומענעם אינטערסעקשאָן פון 208 קאַר מוזעאום ווילעדזש רד. עס וועט ווערן אַראָפּגעגעבן 30 פיס פון דעם פּראַפּערטי צו פאַרברייטערן דעם 208 און עס באַזונדער וועט דער שטח פאַרמאָגן אַריבער 700 פּאַרקינג ערטער, צו פאַרזיכערן אַז ס'זאָל אייביג זיין גענוג פּאַרקינג פאַר ביזנעס און אָפיס אַרבעטער און פאר קאָנסומער פון דער גאַנצער געגנט.

די פריידיגע אַנטוויקלונג טוט אַצינד ערמעגליכן די דעוועלאָפּער זיך צו פּאָראויס רוקן מיט דעם פּראָיעקט און אַריינגעבן די אַקטועלע בילדונג און אַרכיטעקט פּלענער וואָס וועט ווערן איבערגעקוקט, פאַרראָכטן און באַשטעטיגט דורך דעם ווילעדזש אינדזשענירונג שטאַב, און דאַן וועט מען קענען צוטרעטן צו די פאַקטישע בוי אַרבעט אין אַ מזל'דיגע שעה.

דער גרויסאַרטיגער ביזנעס פּאַרק אויף אַזאַ סטראַטעגישע ווינקל וועט בעז"ה צולייגן הונדערטער פּרנסה מעגליכקייטן פאַר אחינו בני ישראל פון דער גאַנצער אומגעגנט און עס וועט פיל לינדערן דאָס געברויך פאַר "אָפיס ספּעיס" וואָס איז לעצטנס זייער געשטיגן. פון די אייגנטומער ווערט טאַקע געמאָלדן אַז זיי האָבן שוין אָנגעהויבן נעמען אַפּליקאַציעס איבער פרי- רענטן אָפיסעס אין דעם צענטער.

אין אַ באַזונדערע מערקווערדיגע ערשיינונג וואָס ווערט אויפגענומען מיט אינטערעסע האָבן די דעוועלאָפּער פון דעם גרויסאַרטיגן פּראָיעקט באַשטימט צו אַהערשטעלן דעם גרויסן צענטער מיט'ן פולסטן פּראַכט מיט אַ העכסט אַריסטאָקראַטישן, מאָדערנעם און היינט-צייטיגן דעזיין, וואָס וועט צוגעבן דעם פּאַסיגן אויסקוק פאר דער געגנט.

דעריבער וועלן זיי פארלייגן פאר די איינוואוינער עטליכע סעמפּלס און אָפּציעס וואָס די אַרכיטעקטן האָבן אַהערגעשטעלט, אַז דער ציבור זאל אליינס באַשליסן און אויסוועלן וויאַזוי דער צענטער זאל ענדגילטיג אויסזען. דאָס וועט זיכער זיין אן אינטערעסאַנטע ערפאַרונג פאר די איינוואוינער צו באַשטימען די אויסקוק פון דעם גרויסן פּראָיעקט וואָס ווערט געבויעט אין אונזער שכינות, און עס טוט ווידעראַמאָל אונטערשטרייכן דעם "בלומינגראוו קאָנצעפּט" וואו יעדער יחיד האָט די זעלבע מיינונג און רעכטן, ותשועה ברוב יועץ.


Coming soon!
WE MIND YOUR BUSINESS.
friedcamedia.com
GRAND EXHILARATING MALL UPSTATE
16 MUSEUM VILLAGE RD
COR. NY-208
SOUTH BLOOMING GROVE, NY 10950
Business Park
Office + Shopping + Medical
2 Grandiose Buildings
Over 200,000 SQ FT
700+ parking spots
Commercial and retail spaces
To be contacted by one of our agents, please provide your info at: Info@businessparkny.com | 845.388.PARK (7275)

# פּרעכטיגער מעמד נהדר "חנוכת הבית וקביעת מזוזה" אָפּגעראָכטן אין נייע הויפּטקוואַרטיר פֿון פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו

אין אַ געהויבענע שטימונג איז דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג פּרשת תשא, פּורים קטן, העעל"ט, אָפּגעראָכטן געוואָרן ברוב פּאר והדר דער פּראַכטפולער מעמד נהדר ומרומם, "חנוכת הבית וקביעת מזוזה", אין דעם שפּאָגל נייעם הערליכן הויפּטקוואַרטיר פון די פּאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו, די יו. דזשעי. סי., וואָס וועט בעז"ה דינען אַלס דער צענטער-פּונקט פון דאָס אידישע לעבן אין דער שטאָט פאַרשפּרעכנדיג אַ נייע עפּאָכע פון עסקנות און שתדלנות לטובת הציבור ולטובת כל יחיד ויחיד מתושבי העיר.

דער מעמד מרומם איז פאָרגעקומען מיט דער באַטייליגונג פון א געקליבענער צאָל קרואי מועד ואישי הציבור, די געטרייע עסקני ותושבי העיר אין די יו.דזשעי.סי. מיטגלידער וועלכע האָבן זיך פּאַראייניגט כאיש אחד בלב אחד שטייענדיג ביי אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט ווען עס ווערט צעמענטירט דער עתיד פון היימישע און עפּעקטיווע שתדלנות פאר די אינטערעסן פון די אידישע בלומינגראוו ביז משיח'ס טאָג.

דער פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ וואַרימע תפלת מנחה- מעריב אין דעם נייעם גאַראַדזש, וואָס האָט ריכטיג מחנך געווען דאָס אָרט מיט תפלה בציבור, קדושה, און ברכו.

## דער מעמד מרומם קביעת מזוזה דורך חשובי וטובי העיר

באַלד נאָך מעריב איז מען צוגעטרעטן צו דעם גרויסן מאָמענט ווען הרבני הנגיד הנכבד מו"ה אברהם בער יאַקאָבאָוויטש הי"ו, איז נתכבד געוואָרן צו אָנקלאַפּן די מזוזה אויפ'ן פאָדערשטן טויער פון דעם גאַראַדזש, זייענדיג דער בונה ומקים וועלכער האָט פיל בייגעשטייערט פאר די אויפבוי פון דאס פּלאַץ. (צום באמערקן אז שותפו לדבר מצוה, הרבני הנגיד החסיד מו"ה מענדל שווימער הי"ו, וועלכער איז יענעם טאָג נישט געווען אין ניו יאָרק און האָט דעריבער זיך נישט געקענט באַטייליגן ביים קביעת מזוזה, איז אַריבערגעקומען דעם קומענדיגן מאָנטאָג ויקהל העעל"ט, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן ביותרת הכבוד והכרת הטוב און האָט קובע געווען אַ מזוזה אין דעם בנין).

דאַן זענען נתכבד געוואָרן צו אָנקלאַפּן מזוזות אויף די טירן פון דעם הערליכן משכן החדש, די עסקני הציבור אנשי המעש וועלכע זענען באַרימט מיט זייערע לייסטונגען פאר די צרכי העיר, הרבני החסיד מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א, דעפּיוטי מעיאָר, און די געטרייע טראָסטיס, מו"ה יצחק פעלדמאַן הי"ו, מו"ה לייב ראָזנער הי"ו, מו"ה אשר זאב גוטמאַן הי"ו. אַזוי אויך מו"ה שלום יודא ווייס הי"ו- טשערמאַן פון פּלענינג באָורד, מו"ה יושע אלימלך ביטמאַן הי"ו- טשערמאַן פון זאָונינג באָורד, מו"ה אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו- טאַון קאָונסיל מאַן.

אַזוי אויך האָט מען מכבד געווען מיט קביעת מזוזה העסקן הנמרץ מו"ה יצחק אייזיק וואלטער הי"ו, דער באַקאַנטער בונה ומקים בנינים אדירים ביים היימישן ציבור, וועלכער איז אויך געווען דער בוי מייסטער פון דעם געביידע, מיט אַ בליציגע שנעלקייט און פּונטקליכקייט, און מיט אַ וויזיע צו פּולקאָם אַהערשטעלן יעדן דעטאַל מיט אַלע צוגעהערן אַלס אַ צענטער פאר צרכי ציבור און הצלת נפשות אויפ'ן שענסטן און העכסטן סטאַנדאַרט.

באַלד נאָכ'ן ענדיגן די קביעת המזוזה זענען די פארזאמלטע אַרויפגעגאַנגען צום הערליכן קאָנפערענץ צימער אויפ'ן אויבערשטן שטאָק, וואו מען האָט זיך געזעצט צו רייך-געדעקטע טישן, אָנגעגרייט מיט אַ ברייטהאַרציגע סעודת פּורים קטן און סעודת מצוה לרגל קביעת המזוזה ומעמד חנוכת הבית, וואו מען האָט אינאיינעם געשמאַק פאַרברענגט בשעת אחים גם יחד.

ווי שיין איז געווען צו מיטהאַלטן די ברודערליכע שטימונג וואָס האָט געהערשט דורכאויס די שעות פון דעם מעמד ווען עס זענען געזיצן אינאיינעם אַריבער 50 עסקנים פון אַלע געגנטער אין דער שטאָט, שכינים וידידים פון אַלע קהלות און קרייזן, וועלכע האָבן זיך אַלע פאַראייניגט אַזוי שיין און אַנגענעם, כולם נקבצו באו לפונדק אחד, פאר די ריינע און איינציגע וויזיע, זיך צו העלפן איינער דעם אַנדערן, איש את רעהו יעזורו, און צו פאַרזיכערן די בליענדע צוקונפט פון אונזער עיר ואם בישראל על מכונה ותילה.

## גלענצענדע אויפטריט דורך הר"ר יואל שטערן הי"ו

עס האָט געעפענט דעם אווענט, העסקן הדגול מו"ה יואל שטערן הי"ו, פון די פירענדע מיטגלידער אינערהאַלב די "יו. דזשעי. סי.", וועלכער שטייט אין שפּיץ פון אַלע פאַרצווייגטע פּעולות נמרצות ושתדלנות ווי אַ געטרייער גענעראַל למען הכלל והפּרט, און האָט אַצינד אַרויסגעברענגט רגשי לבבו, מיט אַ הודאה להשי"ת על העבר ועל העתיד, וויאַזוי מען האָט דערלעבט אַזאַ אומגלויבליכע ערשיינונג ווען בלויז מיט צוויי יאָר צוריק אין די צייט איז מען געווען פאַרנומען מיט אַ "לאוסוט" קעגן דעם דעמאלטיגן מעיאָר, מיט אַ פּרואוו צו אָפּשטעלן כאָטש עטוואָס די סיסטעמאַטישע רדיפות קעגן אידישע אינטערעסן, און אַצינד בלויז אַ קאַרגע צוויי יאָר שפּעטער, שטייט מען ב"ה דאָ מיט אַזאַ סייעתא דשמיא וואָס קיינער האָט נישט געקענט זיך אפילו מצייר זיין אין בעסטן טרוים.

ר' יואל האָט דערביי ערוועגט דאָס שיינקייט פון בלומינגראוו, כולנו בני איש אחד אנחנו, וויאַזוי יעדער שפּירט זיך באמת ווי איין גרויסע פאַמיליע, און מען אַרבעט בשבת אחים, ברודערליך אינאיינעם, פאר די פאַראייניגטע הצלחה פון די גאַנצע שטאָט. ער האָט באַדאַנקט פאר די געטרייע עוסקים בצרכי ציבור, עסקני העיר, וועלכע זענען שטענדיג גרייט מיט אַזויפיל האַרץ צו אַרויסהעלפן אונזער שטאט, טראָץ דעם וואָס זיי זענען אַלע פאַרנומענע אידן, ראשי משפחה, וועלכע אַרבעטן על המחי' ועל הכלכלה, טוען זיי פאָרמירן אַ הערליכער אַרמיי לכונן העיר על תילה, וואָס ווערט באַוואונדערט דורך די גאַנצע אידישע וועלט.

ופותחין בכבוד האכסני' האָט ר' יואל

באַזונדער אויסגעדרוקט דעם דאַנק פון תושבי העיר פאר די חשוב'ע נדבני הבנין, וואָס האָבן ערמעגליכט די קאָסטבאַרע אָפּקויף און אויפבוי פון דעם וויכטיגן צענטער. הני צנתרי דדהבא, הטפסרים החשובים הרה"ח מו"ה אברהם בער יאַקאָבאָוויטש הי"ו און הרה"ח מו"ה מענדל שווימער הי"ו, וואָס זייערע לייסטונגען פאר אונזער שטאט איז עפּעס וואָס איז שווער צו שילדערן, זייענדיג די רוחי החיים ועמודי התוך פאר אַלע קאָסטבאַרע פּעולות נמרצות און ווייטגרייכענדע פּראָיעקטן לכל אורך הדרך, און אַצינד האָבן זיי מקיים געווען דעם מוסיפין והולכין ווען ר' אברהם בער האָט גענומען דעם צענטער אַלס זיין פּערזענליכע פּראָיעקט, און ערמעגליכט די בליציגע אויפבוי לנצח על המלאכה ברוב פּאר והדר.

גלייכצייטיג האָט ער אַרויסגעהויבן דעם הכרת הטוב וואָס אַלע שפּירן צו די עסקני העיר, ובראשם ידיד נפש כל חי מייסד העיר, מו"ה משה האלפּרין הי"ו, ואתו עמו מו"ה אליעזר שווימער הי"ו, פון די אַלעמען באַקאַנטע "בלומינג ריעלטי" פירמע, וועלכע האָבן שוין די חזקה צו ספּאַנסערן דעם יערליכן מסיבת הכרת הטוב פאר די עסקני העיר, און זענען אַצינד אויך געווען די ברייטהאַרציגע ספּאַנסערס פאר דעם גרויסן מעמד חנוכת הבית, בנוסף צו אַלע זייערע לייסטונגען און הילף לטובת העיר זינט די גרינדונג פון דער "יו.דזשעי.סי." ביז'ן היינטיגן טאָג. ישלם ה' פּעלם הטוב.

## גאַסט- רעדנער; הר"ר מאיר מרדכי בערקאָוויטש הי"ן

מיט אינטערעסע האָט מען דאַן געהערט די באַגאַבטע רעדע פון דעם אַלעמען באַקאַנטן בעל פּיפיות ולשון לימודים, מו"ה מאיר מרדכי בערקאָוויטש הי"ו, וועלכער האָט אָנגעפירט דעם פּראָגראַם מיט זיין טאַלאַנט און רעטאָרישן קראַפט.

זייענדיג זעלבסט אַן עסקן וועלכער איז עוסק אין גרעסערע קאַמפּיינען פאר מוסדות און צרכי ציבור, האָט ר' מאיר מרדכי אַרויסגעהויבן זיין אויסטערלישע התפּעלות פון דעם אַטמאָספערע וואָס שפּירט זיך דאָ אין בלומינגראוו, וואו עס פעלט נישט אויס צו "מחזק זיין" דעם ציבור העסקנים, נאר אדרבה ער אליינס איז אָנגעוואַרעמט געוואָרן זעענדיג דעם ברען און אייפער וואָס הערשט צווישן די תושבי העיר לעשות ולפעול אַלעס וואָס פּאָדערט זיך פאר די אויפבליה און קיום פון דער שטאָט.

ר' מאיר מרדכי האָט בנועם שיח געשילדערט די גרוסן וואָס ער הערט צוריק כסדר פון אַלע נייע געגנטער, וואו אימער עס פּאָרמירט זיך אַ נייע ישוב און מען דאַרף האָבן עסקנות פאר די צרכי ציבור, איז איבעראָל די פראַגע:




"וויאַזוי מאַכט עס בלומינגראוו?", "וואָס איז זייער רעצעפּט פאר אַזאַ סוקסעס"…. וואָס דער ענטפער דערפון האָט ער באַקומען היינט נאַכט זעהנדיג פון דער נאָנט דעם הערליכן כח האחדות, וויאַזוי אידן פון אַלע קהלות און פון אַלע סאָרטן, זיצן אינאיינעם מיט אַזאַ ברודערליכקייט, מיט אַזאַ אהבה אחוה ושלום, אָט דאָס איז די "רעצעפּט" פאר סוקסעס וואָס באַגלייט בלומינגראוו ברוב סייעתא דשמיא.

אין אַ פּערזענליכע נאָטיץ האָט ר' מאיר מרדכי זיך עראינערט מיט זכרונות פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, מיט בלויז צוויי יאָר צוריק, ווען אין בלומינגראוו האָט מען זיך געגרייט צו די דעצידירנדע ערשטע רונדע פון וואַלן, און ס'איז פּאָרגעקומען דער היסטאָרישער כינוס מוצש"ק פּרשת ויקהל פּקודי, ממש געציילטע טעג איידער דעם אויסברוך פון די קאָראָנע ווייַרוס. לויט'ן אָריגינעלן פּלאַן האָט ער דאַן געזאָלט דאָרט אויפטרעטן אַלס טשערמאַן אָבער צוליב טעכנישע סיבות האָט ער זיך נישט געקענט באַטייליגן, און זינט דאַן האָט ער שטענדיג אַרויסגעקוקט דאָס צו משלים זיין און אַהערקומען קיין בלומינגראוו, צו זיין אַ חלק פון דעם געוואַלדיגן כבוד שמים וואָס ווערט דאָ פּראַקטיצירט.

אַצינד שטייענדיג ביי דעם מאָמענט האָט ר' מאיר מרדכי געמוטיגט די עסקנים צו פּאָראויסגיין מיט דעם הערליכן כח האחדות וואָס הילכט אָפּ מסוף העולם ועד סופו, ברעכנדיג היסטאָריע איינמאָל און נאָכאַמאָל מיט היסטאָרישע דערגרייכונגען וואָס איז אַ שטאָלץ פאר דאָס גאַנצע יהדות החרדית וויאַזוי מען קען בויען אַן עיר ואם בישראל אומפּאַרטייאיש מיט אן אחדות, אָן קיין שום יחידי'שע אינטערעסן פאר קיין ספּעציפישע קהלה אָדער פּאַרטיי, נאר דוקא כאיש אחד בלב אחד, וואָס ברענגט אַזעלכע הערליכע רעזולטאַטן מחיל אל חיל.

## איש את רעהו ולאחיו יאמר חזק!

דורכאויס די שעות של קורת רוח איז באַזונדער אַרויסגעהויבן געוואָרן דאָס קריטישע וויכטיגקייט פון דעם יעצטיגן מאָמענט, ווען מען גרייט זיך אָט צו די קומענדיגע אויסטערליש- וויכטיגע עלעקשאָנס, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן ערב תענית אסתר הבעל"ט, און וועט פאַקטיש באַשלוסן דעם צוקונפט פון אונזער שטאט פאר די קומענדיגע פיר לאַנגע יאָרן.

די אנוועזענדע עסקנים האָבן ערוועגט אַז מיר לעבן ב"ה אין אַ נייע עפּאָכע אָבער דאָס טאָר ח"ו נישט גורם זיין אַז מען זאָל אַריינגיין אין דעם "באַקוועמליכקייט פּאָזיציע" און זיך פאַרגעסן אין דער צייט וואָס די פיינטליכע עלעמענטן זענען אויסגעשפּיצט מיט'ן גאַנצן אייפער אונז צו דערשטיקן חלילה היל"ת. דאָס האָט מען צום באַדויערן געזען אין אַנדערע היימישע געגנטער ווי מען האָט פאַרשפּילט קריטישע פאַרמעסטן צוליב דעם וואָס מען איז געוואָרן רואיג מיט דער איינרעדעניש אַז דער געפאַר איז פאַראיבער, מיר טאָרן נישט דאָס נישט לאָזן פאַסירן ביי אונז, און ס'איז דער חובת השעה להקהל ולעמוד על נפשינו.

ס'איז שוין געווען אין די שפּעטע נאַכט שטונדן ווען הרבני הנגיד בונה ומקים בנין המפואר מו"ה אברהם בער יאַקאָבאָוויטש הי"ו איז נתכבד געוואָרן מיט ברכת המזון, וואָס ער האָט איבערגעגעבן פאַר'ן ספּאַנסער פון דעם אָווענט הרבני המרומם מו"ה משה האַלפּערין הי"ו, מעמודי התוך של קיום עירינו.

מיט אויפגעהייטערטע געמיטער האָט דער גרויסער ציבור עסקני העיר זיך פאַרשפּרייט זייענדיג אַנטשלאָסן און געשטאַרקט ווייטער צו פאָרזעצן דעם גאָלדענעם עתיד פון בלומינגראוו, להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה', ובשם ה' נעשה ונצליח.

**ואנחנו קמנו ונתעודד בשם ה' אלקינו!**



# מסיבת חנוכת הבית וקביעת מזוזה ר"ח אדר







מוה"ר יואל שטערן הי"ו און מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו ביים זיך באגריסן מיטן נדיב הבנין הרבני הנגיד ר' אברהם בער הי"ו











הר"ר משה האלפערן הי"ו, וואס האט מנדב געווען די רייכע
סעודת ראש חודש וחנוכת הבית מכובד מיט ברכת המזון





הרה"ח ר' אברהם משה הכהן ווייס הי"ו - דעפיוטי מעיאר



מו"ה לייב ראזנער הי"ו - טראסטי



מו"ה יושע אלימלך ביטמאן הי"ו - טשעירמאן זאוניג באורד



מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו - טראסטי





הנגידים הנדיבים, בונים ומקימים שותפים לדבר מצוה הרה"ח מוה"ר אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו
און הרה"ח ר' מענדל שווימער הי"ו, ראשי קהלת סאטמאר, נדיבי הבנין ביים קובע זיין א מזוזה



מו"ה שלום יודא ווייס הי"ו - פלעננינג באורד טשעירמאן







מו"ה אלימלך שמשון שווארץ הי"ו - טאון קאנסיל



אייגנארטיגע מסיבת לחיים מיט הרבני הנגיד
מוה"ר מענדל שווימער הי"ו מנדיבי הבנין
(ר' מענדל איז נישט געווען דאהי ביים חנוכת הבית)



מו"ה אייזיק וואלטער הי"ו - מנצח על מלאכת בניית הבנין



מו"ה אשר זאב גוטמאן הי"ו - טראסטי

אין דער סעריע פון: את כל התלאה אשר מצאתנו...

# בייזוויליגע מאָראַטאָריום אָפּשטימונג אין "טאַון אָוו בלומינגראָוו" אָפּגעלייגט צום דריטן מאָל אַדאַנק געניטע באַלדיגע שריט דורך געטרייע עסקני הציבור

**דראסטישע פעולות דורך די עסקנים האט דערוייל טאטאל אינטערמיניוועט די טאון'ס איניציאטיוו און אפעטיט צו די מאראטאריום - נאכפאלגענדע דעטאלן וועלן געמאלדן ווערן**

אין אַ פרישע אַנטוויקלונג אין דעם רינגעלע פון מאכינאציעס קעגן אידישע איינוואוינער דורך דעם טאַון אָוו בלומינגראוו, איז אין די טעג באַקאַנט געוואָרן איבער אַ טאַון האָל מיטינג וואו עס וועט אַרויפגעברענגט ווערן אַ געפּלאַנטע מאָראַטאָריום וועלכע זאל באַגרעניצן און אָפּהאַלטן בוי-אַרבעט אויף פּראַפּערטיס אין דעם גאַנצן טאַון.

עס ווערט אָנגעוויזן אַז דער יעצטיגער שריט צו דורכפירן אַ מאָראַטאָריום אין דעם טאַון, קומט נאָכדעם וואָס עס האָט ב"ה אָפּגעהילכט דער ווייטגרייכענדער אָפּקלאַנג פון "כן ירבה וכן יפרוץ", ווען מיט יעדע וואל פאַרמעסט ווערט די אידישע וויילער באַזע בלויז מער פאַרשטערקערט, צו די שטוינונג פון אַלע אָבזערווירער, איבערהויפּט נאָך די פאַרלאָפענע נאָוועמבער טאַון וואַלן, ווען טראָץ אַלע לעגאַלע און אומלעגאַלע טאַקטיקן צו דערשטיקן דעם אידישן וואל-כח, האָט מען בס"ד באַוויזן צו אַריינוועלן מיט אַן איבערוויגענדע מערהייט דעם היימישן קאָונסיל מאַן, הר"ר אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו.

אָט דאָס האָט אַצינד באַוואויגן די פרישע מזימות רשע דורך דעם טאַון סופּערווייזער, וועלכער איז אייגנטליך שוין גוט באַקאַנט אלס "גוטער פריינד" פאר די אידישע געמיינדע, זייענדיג דער איניציאַטאָר און סאַמע גרינדער פון דעם היזיגן ווילעדזש מיט 16 יאָר צוריק, אַלס אַ מיטל צו בלאָקירן אידישע איינוואוינער זיך צו באַזעצן דאָ, אַ שריט וואָס האָט ב"ה זיך אַרויסגעשטעלט פונקט קאַפּויער, צו זיין אַ געוואַלדיגע הילף פאר די הרחבת גבולי הקדושה.

דער סופּערווייזער האָט אַלזאָ אין דער איילעניש באַשלאָסן צו דורכפירן אין דער איילעניש אַ מאָראַטאָריום אויף דעם גאַנצן טאַון אָוו בלומינגראוו, (מיט'ן אויסנאַם פון דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו און דער ווילעדזש אָוו וואַשינגטאָנוויל, וועלכע זענען אונטער אַנדערע יוריסטריקציעס), מיט די קלאָרע און אָפענע ציל, צו פּשוט נישט ערלויבן צו בויען אויף טויזנטער אַקער לאַנד, וועלכע באַלאַנגען פאַר אידישע אייגנטומער דורכאויס די לענג און דער ברייט פון דעם טאַון, און איינפאַך באַרויבן ריזיגע שטחים וואו אידן האָבן משקיע געווען מיליאָנען דאָלאַרן, אַז מען זאָל דאָ נישט קענען אויסברייטערן דעם אידישן לעבנסשטייגער, הי"ת.



מוה"ר יואל שטערן הי"ו טרעט אויף אין טאון-האלל אקעגן די (חסידיש'ע) מאראטאריום

## דרייסטער אויפטריט פון היימישער פאַרטרעטער שטעלט ב"ה אָפּ געפּלאַנטע שריט

דאָס געזעץ לויטעט אַז ווען מען וויל דורכפירן אַ מאָראַטאָריום דאַרף דאָס זיין אַ פולקאָם אָפענע און דורכזיכטיגע פּראָצעדור. די טאַון באָורד דארף צוערשט דורכפירן אַ רעזאָלוציע צו באַשטימען אַ "פּובליק היערינג" דערוועגן. דאָס דארף דאַן ווערן געמאָלדן כאָטש דרייסיג טעג בעפאָר אין די לאָקאַלע צייטונגען, אויף די טאַון וועבזייטל און אויף די אָפיציעלע טאַון אַגענדע פאַר'ן מאָנאַט.

אָבער צוליב דעם וואָס דער אָריגינעלער ציל פון דעם סופּערווייזער איז געווען צו דורכפירן און באַשטעטיגן דעם מאָראַטאָריום נאָך איידער דער ניי- ערוועלטער היימישער קאָנסיל מעמבער קומט אַריין אין אַמט, האָבן זיי בייזוויליג פאַרלעצט די גאַנצע רייע פון מוניציפּאלע געזעצן און פּראָצעדורן. אַנשטאָט דעם האָבן זיי פּלאַנירט צו דורכפירן אַ מיטינג, פון איין מינוט אויף דער אַנדערער, צו באַשטימען דעם מאָראַטאָריום אַז ווען דער נייער קאָנסילמאַן וועט אַריינקומען אין טאַון, זאָל דאָס שוין זיין אַ געשעענער פאַקט.

בחסדי השי"ת אין דער לעצטער מינוט איידער ס'וואָלט געווען צו שפּעט, האָבן די געטרייע עסקני הציבור זיך פאקטיש יאָ דערוואוסט פון דעם בייזוויליגן אַגענדע וואָס שטייט אויפ'ן סדר היום, און ווען די פאָרשטייער פון דער "יו. דזשעי.סי." האָבן אַריינשפּאַצירט צו דעם פּלוצים'דיגן מיטינג, האָט דאָס געכאַפּט אין אויסטערלישע 'סופּרייז'

די אנוועזענדע, ס'איז אייגנטליך דאָס געווען די לעצטע זאַך וואָס זיי האָבן ערוואַרטעט ביי דעם מיטינג...

אין לויף פון דעם זיצונג האָט דער איש חי ורב פּעלים, העסקן המרומם מו"ה יואל שטערן הי"ו, גענומען דאָס וואָרט און אויסגעלייגט די קאָרטן אויפ'ן טיש, באַטאָנענדיג די געוואַלדיגע אומרעכט וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען אָן קיין שום געזעצליכע באַזיס. ער האָט דערמאַנט פאַר די אנוועזענדע אַז ס'איז פאַראיבער די צייטן פון אָפענע האַס און דיסקרימינאַציע קעגן אידן, און אַז אַזעלכע אומ'יושר'דיגע שריט וועט האָבן באַלדיגע קאנסקעווענצן מיט אַ טייערן פּאָליטישן און לעגאַלן פּרייז פאַר יעדן וואָס האָט געהאַט אַ טייל דערינען.

די דרייסטע אויפטריט האָט וואַרשיינליך שאָקירט די העסליכע עלעמענטן אין דעם זאַל, וועלכע האָבן באַלד צוריקגעצויגן פון דעם געפּלאַנטן אָפּשטימונג און דער זיצונג האָט זיך שנעל געענדיגט אָן קיין שאָדנס פאַר אידישע נכסים.

## דער צווייטער דורכגעפאַלענער "פּובליק הירינג" אין דער שטילקייט

אַנשטאָט האָט די טאַון פירערשאַפט שפּעטער באַשלאָסן צו דורכפירן אַ "פּובליק הירינג" אויף דעם דאַטום פון פעברואַר 8 למספרם, אָבער אויך דאָסמאָל האָבן זיי דאָס געהאַלטן אַלס אַ געהיימניס. אין פאַרלעצונג צום פּראָטאָקאָל איז דאָס נישט געמאָלדן געוואָרן אויף קיין שום עפענטליכע פּלאַטפאָרמע.

אַדאַנק דעם וואָס ס'איז ב"ה אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ היימישער קאָנסיל מעמבער אין די רייען פונעם טאַון, איז די ידיעה איבער דעם געפּלאַנטן זיצונג אָנגעקומען צו די עסקנים ממש געציילטע מינוטן איידער דער מיטינג האָט זיך געזאָלט אָנהויבן. מען האָט זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אין וועג אָבער אָנקומענדיג האָט מען זיך דערזען אַז דער טאַון סופּערווייזער האָט אין דער איילעניש פאַרשלאָסן דעם מיטינג דערקלערנדיג אַז די "פּובליק הירינג" איז פאַרמאַכט, און מען נעמט שוין נישט אָן קיין קאָמענטאַרן פון איינוואוינער.

די געטרייע שתדלני הציבור - וועלכע האָבן שוין ליידער ערפאַרונג וויאַזוי צו האנדלן

boardrep ujcofbloominggrove.org

**From:** boardrep ujcofbloominggrove.org
**Sent:** Tuesday, February 15, 2022 3:46 PM
**To:** Robert Jeroloman; gdoeringward5@bloominggrove-ny.gov; cacevedoward1@bloominggrove-ny.gov; samanteward6@bloominggrove-ny.gov; tdevinkoward2@bloominggrove-ny.gov; cquickward3@bloominggrove-ny.gov; sschwartzward4@bloominggrove-ny.gov
**Cc:** ddecker@bloominggrove-ny.gov; bnugent@fnmlawfirm.com; RRosborough@woh.com; chairman ujcofbloominggrove.org
**Subject:** Open letter regarding Pending CPP and Building Moratorium

**Importance:** High

Dear Town Supervisor and Town Board,

My name is Joel Stern, I'm the official representative of the United Jewish Community in Blooming Grove.

I'm writing to you today in regards to the so called public hearing about imposing a building moratorium in the town of Blooming Grove, it pains me that an email like this had to be drafted when there could've been communication, dialogue and discussion from the top down between elected officials and the people that elected them to represent them with fairness and dignity, but unfortunately it clearly wasn't the intent of the town board to partake in those sorts.

I would like to be specific about both the nature and reasoning behind this pending action and also about the deceiving, evasive and illegal conduct and ethic that the Town Board and each and every one of its staffers were involved in with seeing this initiative through to where we are at the moment.

The local law is supposedly being proposed so that the Town Board can proceed with a Community Preservation Plan, the CPP.

The proposed local law mentions the need for this moratorium in section 1.B: " The Town Board finds that the adoption of the CPP and economic and social trends in the community require that the zoning be better aligned with the intent of the adopted plan". The question begs, what are the "social trends" that the town board is referring to? is it a major influx of Latino and/or African American communities into the town? is it maybe an increase of the Asian communities and population as we have seen ever so often in the tri state area over the recent years? or is it the Hasidic community moving to the village and town? Why doesn't the Town Board feel it important to elaborate on this very nice term that is "social trends"?!

Also, it is 2022 for crying out loud, how do you draft a community preservation plan based on "social trends"?! from which social backgrounds are you trying to preserve the town from? is this America? have you at least involved the people of the cuts and colors making up those social trends? You haven't!

On top of that, you don't need to impose a moratorium in order to proceed with drafting a CPP, what is the real reason and urge behind this proposed action? Well, as a resident and activist in the Village of South Blooming Grove I have a couple of guesses but I'll refrain from mentioning them, for now.

Regarding the actual technical and logistical part of this proposed local law getting to the stage where it is now, here are some well recorded points that will be very useful should the need arise:

There was no resolution to set a public hearing for this moratorium
There was no public notice of a public hearing for this moratorium
There was no public hearing on the agenda up to an hour before the first session on December 21, 21
There was no continuation of the public hearing on the agenda up to the actual start of the meeting on February 8, 22 where the actual final agenda was handed out
The so-called continuation of the public hearing was closed 7 minutes into the meeting on February 8, 22 without giving the public a chance to participate and to be heard

All of the above displays a well-choreographed, blatant and willful violation of the NYS GML and Open Meetings Law, and the underhanded tactics also shows that the nature and root cause and desired outcome of this CPP and moratorium is rotten to the core, because there would be no need to have things done this way if this initiative was grounded in legitimate concern, fairness and righteousness.

The old adage has it that people who don't learn from history are condemned to repeat it, if the past 15 years in the Town and Village of South Blooming Grove haven't educated the elected officials about the real life consequences of their actions I'm not sure what else would.

This CPP and Moratorium both on itself and as well as the methods utilized to initiate it will not go unchecked, this will not serve anyone of the board in any way shape or form, open and fair government and the rule of law will ultimately prevail.

I urge each of the board members to do some soul searching here and sincerely question this pending CPP and local law whether it is rooted in preservation or in special interest and maybe discrimination.

It's not too late to change course and do the right thing the right way, I encourage you to suspend and halt this initiative and to engage in dialogue and discussion with the constituents and property owners of the town about this idea, and in the case that the majority of residents of the town would actually like to proceed with this CPP and Moratorium you should then take the proper course of action with due process and compliant with the law.

I am once again reiterating what I have said so many times to elected officials on the town board and previously on the village board, we at the UJC are available, willing and ready to have an open discussion and to deal with this and any other matters like professionals with mutual understanding and respect to one another, we hope to see the same from your end and we're looking forward to hearing from you soon.

Sincerely

Joel Stern
UJC Board Representative

Mobile - 347.408.5225
Email - BoardRep@UJCofBloomingGrove.org

**אימעיל בריוו געשיקט צו די טאַון באהערדע, אינאיינם מיט די אדוואקטן פון די יו.זשעי.סי. אויפצוקלערן די טאַון איבער די קאמיוניטיס שטעלונג וועגן די אומ'יושר'דיגע מאראטאריום**

אין אַזעלכע פעלער, ווען מען טוט עפענטליך דיסקרימינירן קעגן אידישע אינטערעסן - האָבן בלית ברירה זיך געוואָנדן צום קומענדיגן שטאַפּל בדרכי השתדלות. ס'איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גאָר דרינגענדע אימעיל צו אַלע קאָנסיל מיטגלידער און טאַון מיטאַרבעטער, וואו ס'איז קלאָרגעשטעלט געוואָרן אַז דאָ ווערט באַגאַנגען אַ הימלשרייענדע פאַרברעך וואָס וועט נישט אַריבערגעלאָזט ווערן און וועט עפעקטירן יעדן וואָס האָט געהאַט אַ יד דאָס צו ערמעגליכן, מיט אַ ביטע אַז זיי זאָלן זיך באַצייטנס איבעררעכענען און אָפּשטעלן דעם אומלעגאַלן שריט.

ב"ה אַז דער ריכטיגער שריט האָט טאַקע געאַרבעט און די טאַון ווירטשאַפט איז געווען געצווינגען צו צוריקציען און אַנאָנסירן אַז דאָסמאָל וועלן זיי יאָ דורכפירן אן עפענטליכע פּובליק הירינג מיט אַ נאטיפיקאציע צום פּובליקום בעפאָר, אויף אַ לעגאַלן באַזיס, וואו ס'וועט באַהאַנדלט ווערן דער מאָראַטאָריום וואָס זאָל אַרויפגעשטעלט ווערן אויף פּראַפּערטיס אין דעם טאַון.

## דאָס וויכטיגקייט פון אַ אידישע אָנוועזנהייט ביים פּובליק הירינג דינסטאג פיקודי

דער קומענדיגער פּובליק הירינג איז באַשטימט געוואָרן אויף דינסטאָג פּקודי, מאַרש 1 למספרם, עס האט זיך דערביי אָנזען אַ גרעסערע אָנוועזנהייט פון אידישע איינוואוינער, צו אויסדרוקן אונזער מיינונג איבער דעם אומ'יושר'דיגן שריט פון בלאָקירן אידישע נכסים צוליב שמאָלע דיסקרימינאַציע אַגענדעס.

טראָץ וואס די נושא איז שוין געווען דאס דריטע מאל אפיציעל אויפ'ן פאבליק הירינג האבן די עסקנים ווייטער ארויפגעקומען און אויפגעטרעטן ארויסגעבן מיט די קאמיוניטיס מיינונג איבער די שריט, און צוליב דעם האט די טאון אדמיניסטראציע נישט געהאט די דרייסטקייט און העזה צו קענען דורכפירן די מאראטאריום, דערווייל הענגט די זאך אין די לופט,

און עס איז נישטא קיין שום אנדייטונג פונעם טאון פארלייפיג צו פאראויסברענגן א אפשטימונג אנטבאלאנגט א מאראטאריום.

די אַנטוויקלונג טוט אויך אונטערשטרייכן דעם געוואונטשענעם שריט פון אַריינשטעלן אַ היימישן טאַון באָורד מיטגלידער, וואָס איז אן אויסטערלישע הילף טאַקע אין אַזעלכע סאָרט אומשטענדן, ווען מען וועבט געהיימע פּלענער קעגן אידישע אינטערעסן הונטער אונזער רוקן, און ס'איז ב"ה פאַרהאַן אַן אויער וואָס האַלט אַלעס מיט און קען דאָס ווייטער באַריכטן צו מקדם זיין את פּני הרעה.

דא איז די פלאץ צו בעטן די תושבי העיר וועלכע האָבן די מעגליכקייט צו זיין אנוועזענד ביי די טאון מיטינג ווערן געבעטן צו מאַכן די אָנשטרענגונג, כדי צו העלפן אָפּהאַלטן אַסאַך היזק ממון ישראל און ערמעגליכן די הרחבת גבולי הקדושה אין דעם גאַנצן ראַיאָן. ובשם ה' נעשה ונצליח אַז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.




## מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:

**Mail@Shtima.com**

## פירערשאַפט אין צייט פון אָפענע קאמיוניקאציע שפּארט איין אַסאַך עגמת נפש

אַלס אַן איינוואוינער אין דער אַרלינגטאָן געגנט, לאָזט מיך אויסדרוקן מיינע געפילן פון דאַנקבאַרקייט פאר די געטרייע פירערשאַפט פון דער יו. דזשעי. סי. און דער ווילעדזש, נאָכדעם וואָס ס'האָט זיך לעצטנס געמאַכט פאַרשידענע אומאַנגענעמליכע אינצידענטן אויף אונזער ראָוד, ווען געוויסע האָבן פאַרלעצט די רעכטן און געשטערט די רואיגקייט פון דער גאַס, מיט קאָנסטרוקציע טראָקס און אַנדערע פּראָבלעמען. דאָס האָט געפירט צו אַ שטיקל מיספאַרשטענדעניש מיט טענות א.א.וו. וואָס וואָלט זיך זייער גרינג געקענט פארוויקלען אין אַ פאַרצווייגטע מחלוקת, צו קיינעמס אינטערעסע.

מיר האָבן באַוואונדערט וויאַזוי די ווילעדזש פירערשאַפט האָט באַלד געהאַט דעם קאָפּ אויף דער פּלאַץ צו טון דאָס ריכטיגע און נעמען פאַראַנטוואָרטליכע אחריות. מען האָט זיך אַראָפּגעזעצט הערן אַלע 'קאמפּלעינס' פון די איינוואוינער, הם ונשיהם, מען האָט אויסגעהערט דעם ציבור מיט אַ קלאָרקייט, מען האָט אַראָפּגענומען אַלע קאָמענטאַרן און געמאַכט רעזאָלוציעס. דערנאָך האָבן זיי זיך אַראָפּגעזעצט מיט די דעוועלאָפּער און ב"ה אויסגעאַרבעט אַלע דעטאַלן, אַזוי אַרום אַז ביז 48 שעה איז אַלעס געוואָרן מסודר על צד היותר טוב!

ב"ה אַז אַדאנק די געטרייע באַגלייטונג פון אונזערע שליחי הציבור איז גאָר אַרויסגעקומען דערפון אַ געוואונטשענע קאָאָפּעראַציע און אַן אָפענע קאמיוניקאציע צווישן די דעוועלאָפּער און די איינוואוינער, אַז מען זאָל האָבן אַ געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש און קענען האָבן טובות איינער פון אַנדערן, צו די צופרידנהייט פון אַלעמען.

איך וויל מיך באַדאַנקן, אין נאָמען פון מיר און פון מיין ב"ב, פאר די געניטע פירערשאַפט ראָלע וואָס די עסקנים האָבן דאָ אונטערגענומען און דורכגעפירט אַזוי פלינק און צו דער זאַך. לכו בכוחכם זה!

ווי עס שרייבט מיט שעצונג און אַנערקענונג

**אַ צופרידענער תושב אַרלינגטאָן**

• • •

## באַדאַנקט זיך פאר די ווערטפולע קיופּאַנס

איך שפּיר אַלס אַ פליכט זיך צו באַדאַנקן מקרב הלב אויף די נאָבעלע אונטערנעמונג פון פאַרטיילן די גאָר ווערטפולע קיופּאַנס, יעצט בעפאָר יום טוב, וואָס האָט באמת אַרויסגעהאָלפן מיט די הכנות אויפ'ן הייליגן פּסח הבעל"ט.

כ'האָב ב"ה אַ גוטע פּרנסה דורכאויס דאָס יאָר, פון וואָס מען דעקט זיך דעם בודזשעט געווענליך, אָבער ווי פאַרשטענדליך, ווען ס'קומט אַזאַ חודש ניסן מיט די שטייגענדע הוצאות פאר אַ קינדער געבענטשטע פאַמיליע קעיה"ר, קען יעדער נוצן די עקסטערע פאר דאָלער, וואָס פאַרגרינגערט זייער שטאַרק מיט די ריזיגע שאַפּינג אויסגאַבן. איבערהויפּט אַזאַ יאָר ווי יעצט, ווען די אינפלאַציע האָט אַרויפגעבערענגט די פּרייזן ווי קיינמאָל בעפאָר.

מער פון אַלעם איז דער וועג וויאַזוי די קיופּאַנס ווערן געשאנקן. מיט אַזאַ דרך כבוד, מיט אַזאַ הצנע לכת, אַז מען שפּירט גאָר ווי מען טוט אַ טובה פאר די יו. דזשעי. סי. ווען מען נעמט אָפּ דעם פּעקל קיופּאַנס... אין בלומינגראוו דאַרף מען נישט אויסשרייען אַז מען איז אַ נצרך צו באַקומען אַביסל הילף, פּונקט פאַרקערט, מען באַקומט די הילף נאָך איידער מען האָט בכלל געטראַכט פון די צרכי פּסח, טרם יקראו ואני אענה.

איך קען אייך בלויז מיטטיילן פון מיין אייגענע עקספּיריענס. מיט אַן איינפאַכן חשבון האָט מען ביי מיר אין שטוב זיך געשפּארט הונדערטער דאָלאַרן בלויז ביי די שוך און קליידונג געשעפטן אויף יום טוב, בנוסף צו די אַנדערע געשעפטן און פּראָדוקטן, וואו כ'האָב מיך געשפּארט לכה"פ אַריבער טויזנט דאָלער לקראת יום טוב פּסח. שכרכם הרבה מאוד!

און ווער רעדט נאָך די מענטשליכקייט און די געפיל וויאַזוי דאָס ווערט געגעבן. נישט די לעצטע מינוט בעפאָר פּסח, נאר טאַקע נאָך איידער די שלושים יום קודם החג, נאָך איידער דעם יום טוב פּורים, ווען יעדער איז נאָך פאַרנומען מיט די משלוח מנות, איז שוין די יו. דזשעי. סי. גרייט צו העלפן יעדן תושב העיר, מיט עכט- ווערטפולע קיופּאַנס אין אַלע געשעפטן וואָס ווערט באַנוצט אין די טעג.

זאל אייך השי"ת בענטשן און מיר זאָלן אַלע שטענדיג האָבן גוטע השפּעות מידו הרחבה והמלאה.

אַ פריילִיכן כשר'ן פּסח!

**וואונטשט אַ דאַנקבאַרער געניסער פון די קיופּאַנס**

• • •

## דער עירוב המהודר- "מעיד אין בלומינגראוו"

לכבוד די רעדאַקציע פון אונזער שטימע, הע"י.

איך מיין אַז ס'איז בלויז יושר, אַז אין דעם קומענדיגן שטימע זאל ווערן דערמאַנט אונזערע טיפע רגשי הלב, פון אונז אַלע איינוואוינער, איבערהויפּט פון די אידן וועלכע וואוינען שוין דאָ עטליכע יאָר, שטייענדיג ביי דעם גליקליכן מאָמענט ווען מען האָט זוכה געווען צו באַנייען דעם עירוב המהודר אויף דער גאַנצער שטאט. ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!



**זונטאג פ' תזריע, א זיצונג מיט די איינוואוינער פון די ארלינגטאן גאס וואו מ'האט זיך אויסגעשמועסט אינאיינעם און געהערט די קאמפלעינס איבער די קאָנסטרוקציע טראָקס און אַנדערע פּראָבלעמען, וואס די עסקנים האבן באוויזן צו שליכטן שנעל און פלינק**

די נייע תושבים זענען אפשר נישט באַקאַנט, אָבער פאַר אונז, איינוואוינער וואָס האָבן זיך שוין דאָ אַריינגעצויגן מיט 4-5 יאָר צוריק, קען מען אפילו נישט שילדערן די שמחה ווען מען שטייט ביי אַזאַ דערהויבענע מאָמענט. ווער נאָך ווי אונז האָט מיטגעהאַלטן וויפיל שברון לב און עגמת נפש מען איז אַריבער ווילאַנג מען האָט דערלעבט אַזאַ קאָנצעפּט פון אַן עירוב אַרום דער שטאָט.

עס געדענקט זיך נאָך גוט וויפיל מען האָט זיך געמוטשעט, וואָך איין וואָך אויס, צו קענען האָבן אַ שטיקל עירוב און באַקעמפן די אַלע רדיפות און שיקאָנירונגען פון אַלע ריכטונגען. כמעט מדי שבוע בשבוע האָט מען פשוט נישט געוואוסט, ביז אַ האַלבע שעה פאַר'ן זמן, צי די וואך וועט מען יאָ אָדער נישט קענען טראָגן.

ב"ה מען האַלט שוין דאָ. ס'איז אָנגעקומען די ריכטיגע מינוט, ווען אונזער שטאט איז אַרומגענומען מיט אַ פּרעכטיגע, קאָסטבאַרע און מהודר'דיגע עירוב.

ס'איז כדאי צו אונטערשטרייכן דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן, אַז אויך ביי דעם עירוב איז גילטיג דער כלל פון "מעיד אין בלומינגראוו", מיט'ן גאַנצן שלימות. ווייל דאָס איז נישט "נאָך אן עירוב". דאָס איז אן עירוב בה"א הידועה, אַ מהודר'דיגע רמב"ם עירוב, וואָס איז ממש לא יאומן כי יסופר וויאַזוי מען האָט דאָס געקענט ערגעצן, אָבער אין בלומינגראוו פרעגט מען ב"ה נישט קיין קשיות...

ווי ריכטיג האָט עס אַרויסגעברענגט הרה"ג אבד"ק סאַטמאַר רינאוק שליט"א בתוך זיינע התרגשות'דיגע ווערטער ביים גרויסן קידושא רבא דעם פאַרלאָפענעם שבת החודש העעל"ט, אַז דאָס איז נישט ווי "נאָך אן אתרוג" וואָס איז כשר, נאר ס'איז טאַקע אן אתרוג המהודר, וואָס מען קויפט פאר טייער געלט.

דער ציבור האָט זיך געלאָזט קאָסטן און מען האָט אַסאַך געשוויצט ביז מען האָט עס דאָס ערדייכט. עס שרייט זיך אַרויס אויפ'ן אויבערפלאַך אַז דער עירוב איז "מעיד אין בלומינגראוו", און טאַקע "בלומינגראוו סטייל", מיט'ן מאַקסימום הידור, וואָס איז אַן אמת'ע כבוד פאר אונזער שטאט.

כ'גלייב אַז מיינע ווערטער ווערן געשריבן בשם כל הקהל הקודש דיירי ארעא קדישא הדין: מיר האָבן נישט די ווערטער צו באַדאַנקן פאר די טייערע עסקני העירוב, און פאר די טייערע נדבני העירוב, כל אחד בשמו הטוב יבורך, תשואות חן חן לכם! יזכו לרב טוב כל המתענגים בה!

**א לעבטיגן שב"ק, און אַ דאַנק פאַר'ן אַריינשטעלן די עטליכע שורות.**

• • •




## דער אויפשריפט "אין עוד מלבדו" זאל ווערן באַלאָכטן

ס'איז אַ הערליכע דערגרייכונג פאר אונזער שטאט ווען מיר האָבן לעצטנס צובאַקומען דאָ די קרוין פון חסד, די צענטער פון בלומינגראוו באחדות, דער בנין המפואר פון דער יו. דזשעי. סי., וואָס איז הערליך אויסגעשטאַט מיט אַלע ערליי צרכי ציבור אויף אַ זעלטן שיינעם פאַרנעם.

באַזונדער האָבן מיר אַלע הנאה געהאַט פון דעם פּרעכטיגן אויפשריפט "אין עוד מלבדו" וואָס שיינט אַראָפּ אַזוי פּראָמינענט פון דעם בנין המפואר, ווי מיר ווייסן עס אַלע אַז דער "אין עוד מלבדו" איז טאַקע די פּראַזע, די מערסט באַנוצטע סלאָגאַן און מעסעדזש וואס מען הערט עס נאָן-סטאפּ פון די טייערע עסקנים. יעדע אָפיציעלע סטעיטמענט דאָ אין שטאָט ענדיגט זיך מיט דעם באַקאַנטן "ובשם ה' נעשה ונצליח"... איז טאַקע געווען אַזוי פּאַסיג צו אַרויפלייגן דעם "אין עוד מלבדו" וואָס דאָס איז דאך ממש נר לרגלינו, ווייל, ווי דער ניגון גייט, אַז מען איז פאַרבינדן פון אויבן פאַלט מען נישט אַראָפּ פון אונטן...

אויב ס'איז ערלויבט וואָלט איך נאר צוגעלייגט איין קליינע הערה, אַז אין די נאַכט שטונדן זעט מען למעשה בלויז דעם "יו.דזשעי.סי." לאָגאָ, וואָס איז באַלאָכטן מיט עלעקטריק אין די טונקל. עס וואָלט געווען כדאי צו אינסטאָלירן עלעקטערישע באַלייכטונג אויך פאר די ווערטער "אין עוד מלבדו" וואָס באַגלייט אונז תמיד בכל עת ובכל שעה. דאָס וועט זיכער זיין אַ פּראַכט פאר די גאַנצע שכונה.

**א.י.צ.**

• • •

## אינסטאָלירן נאָך שבת פייפער'ס

**טייערע עסקני העיר.**

דער שבת פייפער וואָס צעפייפט זיך יעדן ערב שב"ק לעצטנס, האָט ממש געטוישט די גאַנצע לופט ביי אונז אין שטוב. עס ברענגט דאך אַריין אַזא שבת'דיגע שטימונג, אַזויפיל הייליגע שבת'דיגע "ווייבס" און אַטמאָספערע, און עס דערמאַנט אונזערע עלטערע קינדער די צייטן ווען מיר האָבן נאָך געוואוינט אין דער שטאָט וויליאַמסבורג... די איינציגע זאַך וואָס מיר האָבן דאָרט איבערגעלאָזט אין די רוישיגע צעשטופטע שטאט, איז געווען דער שבת פייפער, אַצינד אַז דאָס איז שוין אויך דאָ, האָט אונזער ישוב זיך ב"ה אויסגעצאָלט הונדערט פּראָצענט...

איך וואָלט נאר געוואָלט בעטן אַז צוליב דעם וואָס מיר וואוינען עטוואָס ווייטער פון דעם שבת פייפער, הערט מען דאָס גאַנץ שוואַך ביי אונזער גאַס, אפשר וואָלט געווען כדאי צו אינסטאָלירן נאָך שבת פייפער'ס, פאר יעדע געגנט באַזונדער.

**אַ גרויסן דאַנק פאַר אַלעם.**

- - -

### ענטפער פון די רעדאַקציע:

**איר זאָגט זייער ריכטיג. נאָך איידער מען האָט אינסטאָלירט און פאַרענדיגט דעם ערשטן שבת פייפער האָבן די עסקני העיר שוין באַהאַנדלט דעם אישו, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז בלומינגראוו איז אַ בערגיגער ראַיאָן, וואָס מאַכט אַז אין ווייטערע געגנטער קומט שווער אָן דער קול פונעם פייפער.**

**ווילאַנג דער שבת פייפער האָט נישט געאַרבעט האָט מען אָבער נישט געקענט געניו אויסרעכענען די ווייטקייט, וואו מען זאָל אינסטאָלירן נאָך שבת פייפערס. צוערשט האָט מען טאַקע געוואָלט איינפעדעמען דעם יעצטיגן שבת פייפער, און פאַרזיכערן אַז עס אַרבעט על צד היותר טוב. אַצינד אַז מען האַלט שוין דאָ, קען מען שוין בעסער אָפּשאַצן די פונקטליכע מרחק וואו מען דאַרף לייגן נאָך שבת פייפערס, און ס'איז טאַקע אין פּלאַן צו אינסטאָלירן נאָך עטליכע שבת פייפערס אין אַלע געגנטער דורכאויס די קומענדיגע חדשים בעז"ה.**

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

ערב שב"ק פ' תזריע - החודש תשפ"ב לפ"ק

# קלאָרשטעלונג
# אַנבאַלאַנגט דעם קלאָוואָד דעוועלאָפּמענט און די אַרבעט אויף אַרלינגטאָן דרייוו

ווי אַלעמען באַקאַנט איז ב"ה פאַרהאַן גינסטיגע אַנטוויקלונגען אויפ'ן פראָנט פון **באַשטעטיגן דעם לאַנג פאַרצויגענער "קלאוו - וואוד" פּראָיעקט**, וואָס האָט ענדליך אָנגעהויבן פאָראויסגיין מיט דער הילף פון די היימישע ווילעדזש באַהערדע, נאָכדעם וואָס מען קוקט שוין אַרויס דערויף גאָר לאַנגע יאָרן, מיט דער האָפענונג אַז דאָס וועט כאָטש עטוואָס העלפן לינדערן דעם דירות קריזיס און צולייגן הונדערטער רחבות'דיגע הייזער פאַר אידישע קינדער.

אַלס טייל פון דעם פּראָיעקט האָט די ווילעדזש באַוויזן צו ערגרייכן און אויסהאַמערן אַ גאָר וויכטיגע און פּאָזיטיווע אָפּמאַך, אַז **עס זאל איבערגעשריבן ווערן די ריזיגע וואַסער קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף דעם פּראַפּערטי, צו דער אייגנטומערשאַפט פון דעם ווילעדזש**, אַז מען זאָל קענען אין די נאָנטע וואָכן דאָרט באַהעפטן דעם גאַנצן ווילעדזש וואַסער סיסטעם, וואָס וועט בעז"ה ברענגען אַ געוואַלדיגע שפע פון קלאָרע זויבערע וואַסער פאר אונזער בליענדער שטאט.

אין צוגאָב האָבן די ווילעדזש פאַרלאַנגט און באַשטעטיגט, פאר די וואוילזיין פון די איינוואוינער, אַז **די דעוועלאָפּער וועלן אַראָפּגעבן נאָענט צו אַן עיקער לאַנד ביים עק פון אַרלינגטאָן דריוו, וואו זיי וועלן אויף זייערע אייגענע קאסטן אויספלאַסטערן אַ געהעריגן ברייטן ראָוד אַז באסעס און קאַרס זאָלן קענען מאַכן דעם פולן דריי, ביים שפּיץ באַרג**, אָן זיך דאַרפן אָפּשטעלן אָדער צוריקבעקן, וואָס ברענגט שוועריגקייטן און דילעיס פאר די באוס ראוטס.

פאַקטיש איז שוין דורכגעפירט געוואָרן עטליכע טעסטס דורך געניטע באָס דרייווער אויף דעם שטח, צו פאַרזיכערן אַז דער ראָוד וועט טאַקע אויסגעשטעלט ווערן אויפן בעסטן און צוגענליכן פאַרנעם פאר די באַקוועמליכקייט פון עלטערן און דרייווער.

ביי דעם יעצטיגן מאָמענט האָבן די **אינוועסטירטער ארויסגענומען פּערמיטן צו שניידן די ביימער אויף אַ חלק פון דעם שטח, וואָס וועט ערמעגליכן צו אָנהויבן די ערשטע פאַזעס פון צוגרייטן דעם באָדן פאר דעם דעוועלאָפּמענט**, און אַזוי אויך צו דורכפירן דעם באַלדיגן פּראָיעקט פון **אַריינברענגען די מיליאָנען גאַלאָנען פון וואַסער צום באַנוץ פון דער ווילעדזש.**

אין ליכט פון די אַנטוויקלונגען טוען מיר דעריבער קלאָרשטעלן אייניגע דעטאַלן וואָס וועלן זיין נוגע אין די קומענדיגע תקופה:

- צוליב דעם וואָס אין די קומענדיגע גאָר נאָנטע טעג גרייט מען זיך צו אַריינציען די **מאַסיווע 24 אינטשעס וואַסער ליניעס וואָס וועט באַהעפטן די ווילעדזש וואַסער סיסטעם צו די גרויסע קוועלער**, וועט דעריבער די גאַנצע פּראַפּערטי נישט ווערן אויסגעפלאַסטערט ביז נאָכדעם וואָס די אַרבעט איז געענדיגט. **תיכף דערנאָך, ווען אַלע רערן וועלן זיין אינסטאָלירט און אויספּרובירט אַז עס אַרבעט, וועט דער שטח פולקאָם באַדעקט ווערן מיט "פּעיווינג" פאַר'ן לאַנג - טערמיניגן עתיד.**

- שטייענדיג אין דעם פאַרנומענעם ערב פּסח סעזאָן ווען די באָסעס פאר די מוסדות התורה זענען אַקטיוו צו טראָגן און ברענגען אונזערע קינדערלעך, האָבן די געטרייע ווילעדזש באַהערדע געהאַלטן פאַר די אויגן אַז עס וועט פאַלן זייער שווער פאר די עלטערן און פאר די באָס דרייווער אויב וועט מען אַצינד דורכפירן די מאַסיווע גראָבונגען וואָס וועט נאַטורליך פאַרקריפּלען דעם טראַפיק, און ברענגען אַ פיזור הנפש פאר אַלעמען.

- ס'איז דעריבער באַשטימט געוואָרן, **לויט די הוראה און פּסק הלכה פון מורי הוראה שליט"א, אַז די אַרבעט צו אינסטאָלירן די וואַסער ליניעס אונטער דער ערד, וועט אָפּגעשטופּט ווערן אויף די טעג פון חול המועד פּסח** הבעל"ט, ווען ס'איז נישט דאָ קיין חדר און שולע, כדי צו מיניזירן ביטול תורה דרבים און צו פאַרמיידן עגמת נפש און הפסד מרובה פאר די איינוואוינער פון די אַרומיגע גאַסן.

- נאָכדעם וואָס עס וועט ערגענצט ווערן די אונטערנעמונג פון באַהעפטן די וואַסער רערן **וועט דער גאַנצער שטח פון דעם צוקונפטיגן קלאוואוד פּראָיעקט אַרומגענומען ווערן מיט אַ צוים וואָס וועט בלייבן פולקאָם פאַרמאַכט אויף שטענדיג**. נאָכדעם וואָס דער דעוועלאָפּמענט וועט שוין שטיין על תילה בנוי', מיט פאַרטיגע הייזער, וועט **צוגעלייגט ווערן אַ ספּעציעלע עפענונג, באַשטימט אויסשליסליך בלויז פאר עמערדזשענסי ווייעקעלס**. ווידעראום אַנדערע קאַרס, באָסעס, וכדו', וועלן נישט האָבן קיין שום צוטריט צו אַריינפאָרן קיין קלאוואָאד אָן קיין שום יוצא מן הכלל.

מיט פאַרשטענדעניש לטובת עתיד עירינו המעטירה

**ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו**

# קלאָרשטעלונג פון ווילעדזש אַדמיניסטראַציע אַנבאַלאַנגט צוקונפטיגע אויסברייטערונג פון רד. 208

אין די לעצטע וואָכן זענען אָנגעקומען פילע אָנפראַגעס פון מערערע ריכטונגען, בנוגע די צוקונפטיגע אויסברייטערונג פון דעם ברייט באנוצטן 208 ראָוד, וואָס וועט אַריינגעמען אַ צאָל ריעל עסטעיט טראַנזאַקציעס פון פּראַפּערטיס וועלכע גרעניצן זיך מיט דעם ראָוד. ס'איז אַלזאָ אַ דבר בעתו צו קלאָרשטעלן די וויזיע און די פּלענער וואָס ווערן אַצינד גענומען אין באַטראַכט, וואָס איז וויכטיג צו וויסן איידער מען קויפט פּראַפּערטיס אין דער געגנט.

די פאַרנומענע 208 ראָוד ווערט באַנוצט טעגליך דורך טויזנטער מאָטאָריסטן. איבערהויפּט רייזענדע פון אראנזש קאונטי וועלכע אַרבעטן אין וועסטשעסטער, ראַקלענד, און ניו יאָרק סיטי, און פאָרן אויף דעם ראָוד אַהער און אַהין צוויי מאָל טעגליך, וואָס אין רעזולטאַט שפּירט זיך אַלס מער אַז דער ראָוד ווערט אָנגעלייגט מיט איבעריגע טראַפיק.

נאָכדעם וואָס ס'איז שוין אין דער פארגאנגענהייט געטון געוואָרן פאַרשידענע שריט - דורך פּאָליטישע פיגורן - צו לינדערן דעם טראַפּיק אָבער דערווייל אָן קיין רעזולטאַטן, האָט די יעצטיגע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע אונטערגענומען אַ גאָר ברייטן און וויכטיגן איניציאַטיוו צוצואיילן דעם פּראָצעדור אַז אַנשטאָט וואָס די "טי.או.די." זאָל זיין געצווינגען צו פאַרהאַנדלן מיט יעדן לאַנג אייגנטומער באַזונדער, וועט די ווילעדזש פּרובירן צו ערלעדיגן די אַלע איינצלהייטן, און באַקומען די שטחים וואָס פאָדערן זיך צו קענען אויסברייטערן דעם 208 אויף אַ פּראַקטישן פאַרנעם.

לויט די יעצטיגע פּלענער וועט דער 208 באַקומען נאָך צוויי פולע ליניעס, אין צוגאָב צו "שאלדערס" און "סייד וואָלקס" פון ביידע זייטן. אַזוי אויך וועט אייגעשטעלט ווערן אַ "טוירנינג לעין" ביי די גרעסערע אינטערסעקשאָנס, צו פאַרזיכערן די זיכערהייט פון די טראַפּיק, און אַז די פלוס פון די טראַפּיק זאָל נישט ווערן צוריקגעהאַלטן יעדעס מאָל וואָס אַ קאַר וויל זיך איינדרייען צו אַ זייטיגע גאַס.

אָט די אויסברייטערונג וועט אַראָפּנעמען אומגעפער 30 פיס פון יעדע זייט פון דעם 208 ראָוד, אָנגעהויבן פון דער עקזיט אַריין צום 17, ביז ראַונד הילל ראָוד, און מען זעט ווירקליך אַ געוואַלדיגע פאַרשטענדעניש און קאָאָפּעראַציע פון אידישע לאַנג אייגנטומער און דעוועלאָפּער, וועלכע פאַרשטייען אַז דאָס וועט נישט בלויז זיין גינסטיג פאר די איינוואוינער נאר עס וועט אויך זיין אַ טובה פאר זיי זעלבסט, אין אַ צייט וואָס מען האָפט צו בויען פרישע ביזנעס צענטערן און בנינים, איז דאך געוואונטשן פאר אַלעמען אַז די טראַפּיק זאל פארן אומגעשטערט, אָן קיין שטרויכלונגען און עגמת נפש, ווי מען זעהט עס צום באַדויערן אין אַנדערע געגנטער.

די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איז ווירקליך שוין אין קאָנטאַקט מיט אַ מערהייט פון די גרעסערע פּראַפּערטי אייגנטומער אויף ביידע זייטן פונעם 208, וועלכע צייגן אַרויס מיט אַ קעגנזייטיגע קאָאָפּעראַציע און ס'איז שוין אייגנטליך פאַרהאַן עטליכע אונטערגעשריבענע "דעוועלאָפּער אגרימענטס", וואו אייגטומער האָבן איבערגעשריבן פּראַפּערטי פאַר'ן ווילעדזש, וואָס וועט דערנאָך טראנספערטירט ווערן די סטעיט "או.טי.די." צו קענען אויסברייטערן דעם ראָוד אויפ'ן בעסטן פאַרנעם.

פאַרשטענדליך אַז ס'איז נאָכנישט פאַרהאַן קיין קלאָרע צייט אָפּשטימונג ווען די אַרבעט וועט זיך אָנפאַנגען, שטייענדיג נאָך בעפאָר אַסאַך פלאַנירונגען און שטודיעס וואָס דאַרפן ערגענצט ווערן, אָבער דער פּראָצעדור רוקט זיך ב"ה פאָראויס מיט אן אימפעט אַדאַנק די באַגריסנדע מהלכים וואָס ווערן געטון בהשכל ובדעת.

ס'איז דעריבער וויכטיג צו אונטערשטרייכן אַז ווי ערוועגט וועט וואַרשיינליך ווערן אַראָפּגענומען אומגעפער 30 פיס פון ביידע זייטן לענגאויס דעם 208 רד. און מענטשן וועלכע ווילן קויפן סיי וועלכע אינוועסטמענטס, אַזוי אויך פּראַפּערטי אייגנטומער וועלכע פלאַנירן קאנסטראקציע פלענער אויף זייערע שטחים, זאלן דאָס נעמען אין באַטראַכט איידער מען טוט סיי וועלכע ערנסטע שריט.

די ווילעדזש באַאַמטע שטייען ווייטער גרייט אַרויסצוהעלפן בעצה ותושי' און ענטפערן סיי וועלכע אָנפראַגעס אויף דעם געביט, וחפץ ה' בידינו יצליח.

היסטאָרישע לאַנג-ערוואַרטעטע אַנטוויקלונג ווערט בעז"ה אַ פריידיגער פאַקטאָר!

# לאָקאַלע "עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזשאַן" געגרינדעט און פאָרמירט אויף שטאַנדהאַפטיגן פאַרנעם;

## עפענט אַ נייע בלעטל פאר דער בליענדער צוקונפט און זיכערהייט פון אונזער שטאט

### געקליבענע צאָל פון געטרייע אינגעלייט, טיכטיגע עסקני ותושבי העיר, וועלן זיך אָנשליסן אין פּראָפעסיאָנאַלע טרענירונגען מיט ברענענדיגע רצון און גרייטקייט צו העלפן און פאַרזיכערן די וואוילזיין פון תושבי העיר

על בשורות טובות אומר ברוך הטוב והמטיב! אַריינשפּאַנענדיג אין דעם פרייליכן זמן חרותינו, טוט די שטאָט בלומינגראוו אַנטפּאַנגען מיט עקסטאַז די דראַמאַטישע בשורה טובה ומרנינה איבער די גרינדונג פון דעם לאַנג - ערוואַרטעטן פאַראיין "סאַוט בלומינגראוו עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזשאַן" וואָס וועט בעז"ה פאַרפיגן אונטער דעם שירעם פון דער "יו.דזשעי.סי." קערפּערשאַפט, צו רעאַגירן אין נויט פעלער און פאַרמיידן שאָדנס און עגמת נפש פון היזיגע איינוואוינער.

שוין אַ לענגערע צייט וואָס עס הערשט אן אָפּענע זאָרג צווישן בלומינגראווער איינוואוינער, וועלכע זענען אונטערגעוואָרפן אונטער אַ העכסט פארנאכלעסיגטער פייער דעפּארטמענט, וואס האָט דורכאויס דאָס פאַרלאָפענע יאָר שוין געפירט צו צוויי מענטשליכע טויט פעלער ל"ע און גאר שווערע געלט שאדנס אין רעזולטאט פון שרעקליכע פייערן ה"י.

עס איז געווען קלאָר ביי אַלעמען אַז דאָס איז אַ שרעקליכע ערשיינונג וואָס איז אומאַקצעפּטירבאַר און קען נישט ווערן טאָלערירט. מיר קענען ח"ו נישט נעמען נאָך אַ שאַנס, און קיינער וויל נישט טראַכטן אויב אַזאַ פּאַסירונג זאל געשען נאָכאַמאָל, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט.

נאָכדעם וואָס די געטרייע עסקני העיר האָבן אין די לעצטע וואָכן און חדשים אַריינגעלייגט איבערמידליכע האָרעוואַניע און שתדלנות אויף דעם געביט, איז קלאָר געוואָרן אַז דאָ איז אַצינד פאַרהאַן צוויי באַזונדערע סטראַטעגיעס וועלכע דאַרפן אונטערגענומען ווערן פאַר די וואוילזיין און זיכערהייט פון די שטאָט איינוואוינער, נעמליך סיי אַ דרך ארוכה און סיי אַ דרך קצרה, אָדער אויף אידיש, א לאנגטערמיניגער פלאן, און א קורצטערמיניגער פּלאַן, וואָס וועט בעז"ה לעזן דעם קריזיס, ווי פאָלגענד:

## דער לאַנג- טערמיניגער פלאַן אויפ'ן עתיד:

צו פאַרשטיין בעסער די סיטואַציע איז וויכטיג זיך צו באַקענען מיט דעם לאָקאַלן פייער דעפּאַרטמענט, וועלכע ארבעט ווי אן אייגענע

רעגירונג, אן אייגענע מוניציפאליטעט, וואס רופט זיך א פייער דיסטריקט.

די פייער דיסטריקטס, זענען נישט גלייך צו די ווילעדזש אדער די טאון דיסטריקטס, נאר עס האט איר אייגענעם אויסשטעל, לויט ווי אזוי עס איז באשטימט געווארן ווען מען האט געגרינדעט דעם פייער דעפארטמענט אין יאר '75 למס', ווען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער "סאוט בלומינגראוו אינדעפענדענט פייער קאָמפּאַני".

אין זיינער צייט האבן זיך די איינוואוינער צוזאמגענומען און געמאכט א דיסטריקט מאפע פאר דער גאנצער טאון אוו בלומינגראוו. און לויט ווי מען האט עס דעמאלס אויסגעשטעלט, טוט זיך אונזער איצטיגער פייער דיסטריקט אויסציהען איבער א שטרעקע פון 17 סקווער מייל וואס דאס ווערט געדעקט אונטער דעם פייער דעפארטמענט.

איבריג צו זאגן, אז די דעפּאַרטמענט פירט צום באַדויערן נישט אויס זייער ארבעט בשלימות, די עקוויפּמענטס, די טראקס און די געצייג מיט וואס זיי באנוצן זיך, זענען אלע אלטמאדיש און פארזשאווערט, און זענען שוין ארויס פון דינסט פאר משך א לענגערע צייט, און די אַרבעט ווערט געטון שלאַבעריש און גאָר צוריקגעבליבן וואָס קען חלילה פּאַראורזאַכן אַסאַך עגמת נפש חלילה.

אודאי האָפט מען אַז עווענטועל וועט מען בעז"ה קענען רע-פאָרמירן דעם גאַנצן דיסטריקט, וואָס וועט געבן דעם מעגליכקייט צו ערהאַלטן די עקוויפּמענטס, טראָקס און קאָסטבאַרע געצייגן פון דעם אַלטן דיסטריקט, אָבער כדי דאָס צו דורכפירן פּאָדערט זיך צו דורכגיין אַ פארצויגענער פראצעדור, וואס קען געדויערן אַריבער אַ יאָר. עס פּאַרלאַנגט זיך דורכאויס די צייט פילע טעכנישע קאמפליצירטע לעגאַליטעטן, אַ שטייגער ווי א ספּעציעלער פּעטיציע דרייוו, א 'רידיסטריקטינג' פּראָצעדור, א.א.וו. וואָס געדויערן אַסאַך צייט און אַרבעט.

## דער באַלדיגער עפעקטיווער לעזונג; "עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזישאן"

דאָס איז אָבער זיכער אַז אפילו אויף דערווייל, ווילאַנג דאָס ווערט דורכגעפירט, איז זייער געפּאַרפול צו ערלויבן אַ אידישע שטאט אָן קיין געהעריגע הילף אין נויטפּאַל. ס'זענען עס דעריבער געווען די געטרייע אידישע געהילפן צום מעיאָר, אינאיינעם מיט'ן יו. דזשעי. סי. באָורד, וועלכע טוען רעפּרעזענטירן אלע געגנטער פון שטאט, וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם געביט צו ברענגען אַ באַלדיגע לעזונג צו דעם קריטישן געברויך.

ווירקליך, בשעה טובה ומצלחת, און מיט אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט אויף טריט און שריט, איז ב"ה געגרינדעט געוואָרן צום ערשטן מאָל דאָ אין ווילעדזש, די נייע געניטע קערפּערשאַפט אונטער'ן נאָמען "בלומינגראוו עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזישאן" וועלכע וועט פונקציאָנירן אונטער די ראַמען פון דעם יו. דזשעי. סי. קאָמיוניטי עסיסטענץ אָרגאַניזאַציע, על כל צרה שלא תבא.

איידער מען איז צוגעטרעטן צו דעם היסטאָרישן פּראָיעקט זענען די חשוב'ע עסקנים אַריין לקבל ברכת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז -זמיגראַד שליט"א, וועלכער האָט בכובד ראש אויסגעהערט און אַדורכגעטון אַלע פּרטים און אויסגעפרעגט די דעטאַלן פונעם עבר און פונעם הוה. דער רבי שליט"א האָט דאַן זייער וואַרעם אָנגעוואונטשן מען זאָל זען אַסאַך הצלחה מיט אַלע וויכטיגע פּעולות, יי אויפ'ן לאנג טערמיניגן עתיד, און סיי אויפ'ן קורצערן טערמין.

און אָט אַזוי, איז פּאַקטיש געגרונדעט געוואָרן דער ערשטמאָליגער און עפעקטיווער "עמערדזשענסי רעספּאַנס דיוויזישאן" וועלכע וועט בעז"ה זיין גרייט ארויסצוהעלפן פּאַר סיי וועלכע באדערפעניש און נויטפּאַל ל"ע. די פּאַראיין וועט זיין פולקאָם טרעגירט צו באַקומען פייערן און גלייכצייטיג וועלן די געטרייע וואָלונטירן זיין גרייט צו העלפן און באַגלייטן אויך אַנדערע נויט רופן אָדער הילפס פעלער, צו העלפן אידישע קינדער בעת צר להם סיי ווען מיט אַ געטריישאַפט.

אזוי ווי יעדע זאַך ביי אונז אין בלומינגראוו, איז אַזאַ דראַמאַטישע אַנטוויקלונג טאַקע צושטאַנד געקומען אויף א קלאסישן אופן, בשתיקה ובצינעא, ווי חז"ל זאגן אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, ווען אין די פאַרלאָפענעם וואָכן האָבן די שתדלני הציבור אויסגעשטעלט דעם גענויעם פּלאַן מיט אַ דעטאַלירטע בלופרינט, ווי אזוי אזא ארגאניזאציע זאל פונקציאנירן מיט'ן פולסטן פּראָפעסיאָנאַליזם, דורך פונקטליך אויספאלגן דעם פראטאקאל, און זיכער מאכן אז מען קען אויספירן די ארבעט עפעקטיוו און בשלימות.

אין די יעצטיגע טעג הייבט די "יו. דזשעי.סי." אָן צו נעמען אַפּליקאַציעס פון אינגעלייט, טעטיגע עסקנים, וועלכע פאַרמאָגן אַ וואַרעם אידיש האַרץ און שפּירן אַז זיי קענען זיי בייהילפיג אין דער באַגאַבטער פאַראיין על כל צרה שלא תבא.

דורכאויס די באַראַטונגען און זיצונגען דורך די "יו. דזשעי. סי." איז באַזונדער באַשטימט געוואָרן אַז דער מערסט - פּאַסיגער קאַנדידאַט וועלכער איז געאייגנט צו שטיין אין שפּיץ פון אַזאַ אונטערנעמונג וועט זיין דער עסקן הנודע לתהלה, הר"ר יואל גאָלדשטיין הי"ו, וועלכער פאַרמאָגט שוין א לאַנגיעריגע עקספּערטיז אין דעם געביט פון צרכי ציבור, און איז שוין פאַקטיש אויך געוועזן דער היימישער קאַנדידאַט אַלס קאָמישאָנער פאר די לאָקאַלע פייער דעפּאַרטמענט פאַראַיאָר. אונטער זיין געניטע פירערשאַפט וועלן די וואלענטירן בעז"ה זיין גרייט צו הילף פאר די היזיגע איינוואוינער על כל צרה שלא תבא בכל עת מצוא.

באַזונדער אַרבעט מען צו אַראַנזשירן די וויכטיגע קלאַסן פון פולקאָמע טרעינינג וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן פאר די גרופּע פון האַרציגע וואָלונטירן, וועלכע וועלן אַריבערגיין פייער טרעינינג, search & rescue טרעינינג, און אַזוי אויך וויכטיגע טרעינינג פאר אנדערע נויט פעלער. און ס'איז שוין איינגעקויפט געוואָרן די סאפיסטיקירטע טייערע דיגיטאַלע ראדיאס, זייער ענליך צו דעם וואס ווערט היינט באנוצט דורך די חברי הצלה אין קרית יואל, וואס כאפּט אפילו אין געגנטער וואו עס איז נישט דא קיין ראדיא סערוויס, אויסגעשטעלט א סיסטעם ווי אזוי די זאך זאל צוגיין.

בשעתו, פּאַראַיאָר זומער, ווען מען האָט אָנגעהויבן וועבן די פּלענער פאר דעם וויכטיגן פּאַראיין, האָט מען צוערשט געקלערט פון בויען אַ קלענערן גאַראַדזש וואָס זאָל פּאַרפיגן פאר די אונטערנעמונג, אָבער ברם יזכרו לטובה הני נדיבים חשובים, הרה"ח מו"ה אברהם בער יאַקאָבאָוויטש שליט"א און הרה"ח רבי מענדל שווימער שליט"א, וועלכע האָבן באַלד זיך אַרויסגעשטעלט מיט אַ ברייטן בליק אויך אויפ'ן עתיד, און אַקעגן געקומען די עסקני העיר, מיט'ן פּאָרשלאַג צו "גיין גרויס", און בויען אַ

פולקאָמען בנין מפואר לשם ולתפארת.

בחסדי השי"ת האָט מען ווירקליך זוכה געווען צו בויען און באַנייען דעם הערליכן רחבות'דיגן, צוויי שטאָקיגע געביידע, אויסגעשטאַט מיט אַלע צוגעהערן, אַריינגערעכנט גרויסע סטאָרעדזש צימערן פאר עקוויפּמענטס, דיספּעטשינג צימערן, נעטווארקינג פאר ראַדיאָס און אַנדערע טעכנאָלאָגישע סיסטעמען.

## לעצטע לעגאַליטעטן באַשטעטיגן נייע פאַראיין מיט ערפאָלג

אין ווייטערדיגע פאָרשריט צו פיינעליזירן דעם פּראָיעקט איז דעם פאַרלאָפענעם פּרשת תזריע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אן אָפּיציעלער ווילעדזש באָורד מיטינג, וואו די היימישע טראָסטיס, אין שפּיץ פונעם מעיאָר יר"ה, האָבן געגעבן דעם פולשטענדיגן באַשטעטיגונג צו לעגאַליזירן די אָרגאַניזאַציע אַלס אַ קריטיש וויכטיגע נויטוועדיגקייט פאר די געברויך פון אונזער שטאט.

דעם נאָכפאָלגענדן דינסטאָג פּרשת טהרה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אן ענגע זיצונג אין די הויפּקווארטירן פון דער "אָראַנדזש קאַונטי", אונטער די פירערשאַפט פון לעגיסלאַטור קעירי בענעלי, וועלכע איז אַ נאָענטע פריינדין פאר אונזער געמיינדע און שטייט שטענדיג צו דער רעכטער האַנט פאר אונזערע געברויכן.

אין די פיסטריט פון דעם ווילעדזש מיטינג פאַרלאָפענע וואָך האָט זי אַצינד אַראַנדזשירט אַ זיצונג מיט דער אָנוועזנהייט פון דעם קאָמישאָנער פון אָראַנדזש קאַונטי אָפיס אָוו עמערדזשענסי מענעדזשמענט, מר. ברענדאן קעיסי; דער ארשאנדזש קאַונטי אָפיס אָוו עמערדזשענסי, פייער קאָמישאָנער וויני טענקיסעלי, און דער אָראַנדזש קאַונטי קאָמישאָנער פון די אי. עם. עס. מר. פרענק קאסאניט.

וואו ס'איז אויסגעשמועסט געוואָרן דאָס וויכטיגקייט פון די ניי - געגרינדעטע פאַראיין און צו פאַרזיכערן אַז די אָרגאַניזאַציע ווערט צעמענטירט צו ערהאַלטן אַלע נויטיגע שטיצע גלייך פון די קאַונטי, אן דאַרפן אַריבערגיין פּראָטעקציעס פון לאָקאַלע פּאָליציי און פייער אַגענטורן, נאר עס זאָל זיין אַ געשעענער פאַקט וואָס ווערט פאָרגעשטעלט פאר אַלע לאָקאַלע שעריף, פּאָליציי און אַנדערע באַאַמטע.

## אַפּליקאַציעס זענען אַצינד אָפן, טיכטיגע עסקני העיר, ס'איז אייער געלעגנהייט!

פון די "יו.דזשעי.סי." גייט אַצינד אַרויס דער רוף צו תושבי העיר, וועלכע האָבן דעם געפיל און די וויזיע פון העלפן דעם ציבור און זיין אַ טייל פון אַזאַ סוקסעספולע רעספּאַנס דעוויזיע, אַז אַצינד איז אָפן די געלעגנהייט זיך צו אָנשליסן דורך אַריינשיקן אן אימעיל צו: info@ ujcerd.org וואו יעדע אַפּליקאַציע וועט ווערן גענומען אין באַטראַכט און צוריקגערופן ווי אַמשנעלסטן.

גלייכצייטיג ווערט אַצינד פאַרענדיגט די ענדגילטיגע לעגאַלע און טעכנישע דעטאַלן איידער דער פאַראיין ווערט פולקאָם געעפענט, ווי אויך ווערט שוין געסקעדזשולט די טרענירונג קורסן, וואָס וועט צוגעשטעלט ווערן פאַר די אַפּליקאַנטן, אין אַלע געביטן פון עמערדזשענסי, מעדיקל, פייער, סורטש און רעסקיו, סעיפטי און סעקיורעטי, צו זיין גרייט אינאיינעם מיט דער ערפענונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

**וחפץ ה' בידינו יצליח למען טובת כל בני העיר.**

# באָורד מעמבער פּאָזיציעס אינערהאַלב ווילעדזש "פּלענינג" און "זאָונינג" באָורד איבערגעפרישט מיט היימישע מיטגלידער

עטליכע וואָכן נאָך די ענדגילטיגע רעזיגנאַציע פון די לעצט פאַרבליבענע "פּלענינג באָורד מעמבער", פּרוי ראלים בראדהעד, וועלכע איז געווען די לעצטע מיטגלידערן וואָס איז נאָך אַריינגעשטעלט געוואָרן דורך די פריערדיגע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, און האָט נאָרוואָס אַריינגעגעבן איר אָפּיציעלע רעזיגנאַציע, האָט די ווילעדזש אַצינד אויפגענומען דעם פּאַסיגן ערזאַץ, העסקן החשוב הר"ר שמואל פישער הי"ו, צו דינען אויף די פּאָזיציע און ערפילן דעם זיץ פונעם פּלענינג באָורד.

דער נייער באָורד מעמבער, ר' שמואל פישער, איז ווירקליך גוט באַהאַוועוונט אין דעם געביט, אַלס איינער וועלכער איז זעלבסט באַשעפטיגט אין די קאָנסטרוקציע אינדוסטריע מיט גרויס ערפאָלג, און זיין עקספּערטיז אין דעם פעלד וועט געוויס זיין אַ געוואַלדיגע תועלת צו די צופרידנהייט פון די שטאָט איינוואוינער.

אויך אויף די "זאָונינג באָורד" האָט לעצטנס רעזיגנירט דער לעצט - פאַרבליבענער מעמבער פון די פריערדיגע אַדמיניסטראַציע, מר. דעניס ווילעימס, וועלכער איז אַצינד ערזעצט געוואָרן מיט צוויי היימישע מיטגלידער, הני צנתרי דדהבא, העסקנים הדגולים, הר"ר שלום דוב ליבערמאַן הי"ו און הר"ר שמעי' שפּיצער הי"ו, באָורד מעמבער אינערהאַלב יו. דזשעי. סי.

די אויפנאַמע פון די ענערגישע עסקני הכלל, מיט דעם ריכטיגן כשרון פון עוסק זיין בצרכי ציבור בנאמנות, ווערט באַגריסט געוואָרן דורך אַלעמען אַלס אַ געוואונטשענער שריט אין די גוטע דירעקציע, להרחיב גבולי הקדושה פאַר'ן יחיד און פאַר'ן ציבור, מיט די ריכטיגע סייעתא דשמיא ממעל.

אין אַ באַזונדערע אַנטוויקלונג איז אַנומלט אויפגענומען געוואָרן צו רעפּרעזענטירן די זאנינג באָורד, די ערפאַרענע אַדוואָקאַטן פון די באַרימטע "בלוסטין, שפּירא און בראַון" פירמע, וועלכע זענען באַקאַנט מיט זייער ספּעציאליטעט אויף דעם געביט פון "לאַנד באַנוץ" און "זאָונינג", וואו זיי האָבן שוין אין די פאַרגאַנגענהייט פאַרטרעטן גרויסע פאַרצווייגטע פּראָיעקטן מיט ערפאָלג און וועלן אַצינד פאָרזעצן זייער רעפּוטאַציע פאר די וואוילזיין און אינטערעסע פון תושבי העיר.

**הִנֵּה בֵית... נָתַתִּי לְאֶסְתֵּר, וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם!**

# טראַנספּאָרטאַציע אַפּליקאַציעס פאר אַריבער טויזנט צאן קדשים בליעה"ר סוקסעספול איינגעשריבן אין לאָקאַלע סקול דיסטריקט

פאַרלאָפענעם מאַרש 31 למספרם האָט די "יו. דזשעי. סי." ערפאָלגרייך אַריינגעגעבן די נויטיגע טראַנספּאָרטאַציע אַפּליקאַציעס פאר די אַריבער טויזנט קינדער בליעה"ר, פון אלע דריי מוסדות התורה והיראה דרבינו יואל כולם אהובים, כולם ברורים,כולם קדושים, וואָס וועלן געניסן פון אונזער ערליך- באַרעכטיגטע טראַנספּאָרטאַציע צו און פון די מוסדות התורה אין קרית יואל

תושבי העיר זענען דאַנקבאַר פאר געטרייע שתדלני הציבור וועלכע האָבן דורכגעפירט נאָך אַ סוקסעספולע אַפּליקאַציע דרייוו, נאָכדעם וואָס לאַנגע יאָרן האָבן היימישע קינדער געבענטשטע פאַמיליעס זיך אָנגעשטויסן אין בייזוויליגע שטערונגען, ווען סקול דיסטריקט באַאַמטע האָבן שטענדיג פּרובירט צו אַראָפּרעכענען די ריכטיגע צאָל קינדער און נישט רעקאָרדירן איינגעשריבענע אַפּליקאַציעס דאַדורך זיך צו שפּארן אויפ'ן חשבון פון אידישע שטייער צאָלער

אַדאַנק דעם געבענטשטן כח האחדות און דער כח העסקנות ווערט פאַרזיכערט אַז יעדעס קינד וועט בעז"ה באַקומען צוגעשטעלטע טראַנספּאָרטאַציע צום קומענדיגן שולע - יאָר

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!



# טראַנספּאָרטאַציע אַפּדעיט

**טייערע עלטערן, שכינים וידידים, תושבי עירינו הע"י.**

ווי עס געדענקט זיך האָבן מיר דעם אָנהויב ווינטער מיטגעטיילט מיט'ן ציבור איבער דער פּראָצעדור וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן, צו אַהערשטעלן און פיינעליזירן אויף אַ געניטן פאַרנעם דעם לאָקאַלן טראַנספּאָרטאַציע אַפּאַראַט, צו טראָגן און ברענגען אונזערע קינדער פון און צו די מוסדות התורה אין קרית יואל.

ווי דעמאָלט אויסגעשמועסט איז די "יו. דזשעי. סי." דאָ מיט איין איינציגן ציל: **צו העלפן דעם ציבור תושבי העיר, און פאַרזיכערן אַז אונזערע איינוואוינער באַקומען אַלע סערוויסעס וואָס אַ היימישע געזעלשאַפט דאַרף האָבן פאַר'ן טאָג טעגליכן באַנוץ.** דאָס רעכנט אַריין אַ סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, וואַסער, סוער, שאָטל סערוויס, האַוזינג, א.א.וו.און פאַרשטענדליך אויך טראַנספּאָרטאַציע פאַר די קינדער צו די מוסדות התורה.

**בלויז פאַר די מטרה האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן צו אויפשטעלן דעם הערליכן פלאָטע פון 21 באָסעם וואָס סערווירט אַזוי פּראָפּעסיאָנאַל נאָנט צו טויזנט תינוקות של בית רבן בליעה"ר,** פונקט ווי מען איז פאַרמישט אין צענדליגער אַנדערע צרכי הכלל והפרט, צו דורכשטופן און דורכפירן ווייטגרייכענדע שינויים לטובה אַז אידן אין בלומינגראוו זאָלן קענען לעבן רואיג על מי מנוחות.

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז די "יו. דזשעי. סי." איז נישט קיין באָס פירמע און ס'איז דעריבער נישט אונזער ספּעציאַליטעט צו פאַרבלייבן מיט די אויפגאַבע פון טראַנספּאָרטאַציע פאַר לאַנגע יאָרן. **נאר מיר האָבן באַלד געצילט דאָס צו איבערגעבן פאַר די ריכטיגע פירמע וועלכע באַפאַסט זיך מיט דעם געביט, וואָס זאָלן דאָס ווייטער פירן און באַגלייטן אויף אַ קביעות'דיגן פאַרנעם.**

לויט'ן אָריגינעלן פּלאַן האָט די "יו.דזשעי.סי." געאַרבעט אַז די טראַנספּאָרטאַציע פאַר אונזערע קינדער זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן לויט'ן זעלבן מאָדעל פון דעם "בלומינגראוו שאָטל", וואָס די "יו. דזשעי. סי." האָט צוערשט אינוועסטירט ממון ודמים, געלט, ענערגיע, און שווייס, סיי אויפ'ן לעגאַלן פראָנט און סיי אויפ'ן פּראַקטישן פראָנט, ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט אַז דער "שאָטל" איז צוריק איינגעפעדעמט געוואָרן אויף אַ הערליכן פאַרנעם, און דאַן האָט מען דאָס פּולקאָם איבערגעגעבן פאַר'ן אייגנטומער. די יו. דזשעי. סי. **באַפאַסט זיך נישט מיט די טאָג טעגליכע ווירטשאַפט פונעם שאָטל,** און נאָכדעם וואָס מען האָט בעז"ה אַוועקגעשטעלט די יסודות דערפון איז עס צוריק צום ארגינעלן שטייגער אונטער אַ געווענליכע אַדמיניסטראַציע.

אָט דער זעלבער מאָדעל וועט אויך אי"ה דורכגעפירט ווערן מיט די טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, וואָס וועט **אין דער נאָנטער צוקונפט איבערגעגעבן ווערן פאַר די פּאַסיגע אייגנטומערשאַפט וואָס וועט איבערנעמען כשלחן ערוך און דאָס פירן ווייטער על מי מנוחות,** איינמאָל מען האָט דאָס שוין אַראָפּגעשטעלט אויף קראַנטע פּראַקטישע רעלסן און די ריכטיגע פינאַנציעלע יסודות אַז עס זאָל קענען אַפּערירן מיט אַ לאַנג - טערמיניגן קיום.

■ ■ ■

ווי געמאָלדן בשעתו האָט מען טאַקע דעם אָנהויב ווינטער אָנגעפאַנגען אַ "טרייעל" סעסיע, ווען די באָסעם טראַנספּאָרטאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די באַרימטע "קאָמיוניטי באָס פירמע" און זייערע סערוויסעס, אונטער די פירערשאַפט פון הרבני ר' ארי' ראָזנפעלד הי"ו.

ברוך ה' אַז עלטערן קענען עדות זאָגן איבער דעם סוקסעס ראַטע פון דעם "טרייעל" דורכאויס די לעצטע זעקס חדשים, וואָס איז אַריבער מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה און קאָאָפּעראַציע צווישן די דרייווער און די עלטערן, און אַ העכסטע קוואַליטעט סערוויס צו די צופרידנהייט פון אַלע תושבי העיר.

דורכאויס די צייט האָט די "קאָמיוניטי באָס פירמע" אַריינגעברענגט אַ פלאָטע פון נאָך פרישע באָסעס. זיי האָבן אַהערגעשטעלט אַ פּראַפּערטי וואו צו פאַרקירן די באָסעס, און האָבן פאַרזיכערט אַלע באַקוועמליכקייט, סיי אַז די קינדער זאלן האָבן גרינגע רייזעס גייענדיג און אהיימקומענדיג, און סיי אַז די עלטערן זאלן האָבן אַן אוזן קושבת אין אַלע אָפּטיילונגען פון דיספּעטשינג און בילינג, בססבר פנים יפות.

■ ■ ■

אַצינד, לקראת דעם נייעם זומער זמן, שטייענדיג ביי דער ענדע פון דעם זעקס חדשים "טרייעל", זענען מיר דעריבער צופרידן צו מעלדן פאר די חשוב'ע עלטערן אַז אין די נאָנטע וואָכן וועט טאַקע די "קאָמיוניטי באָס פירמע" אָפיציעל איבערנעמען אַלע טראַנספּאָרטאַציע סערוויסעס, פאַר'ן שטאַנדהאַפטיגן עתיד פון די באָסעס פאר אונזערע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, און וועלן ווייטער פירן די פולע אָפּעראַציע מיט די זעלבע עקספּערטיז וואָס זיי זענען געוואוינט ביז היינט.

געוויס וועט די יו. דזשעי. סי. ווייטער באַגלייטן פון אינדרויסן דעם טראַנספּאָרטאַציע אַפּאַראַט, צו זיכער מאַכן אַז אַלעס פאָרט על צד היותר טוב מיט ערפאָלג און הצלחה, מיר וועלן ווייטער שטיין צו דער האַנט פאר עלטערן צו ערלעדיגן אין יעדן פאַל אַז אַלעס בלייבט אויפ'ן זעלבן הויכן ניוואָ פון קאָסטומער סערוויס, וחפץ ה' בידינו יצליח שתשרה שכינה במעשי ידינו.

די "קאָמיוניטי באָס פירמע" וועט אין די יעצטיגע טעג אַרויסשטעלן אַ באַזונדערע מודעה מיט אַלע דעטאַלן אַנבאַלאַנגט דיספּעטשינג, בילינג, א.א.וו. באַזונדער וועלן זיי אַרויסשטעלן די נייע פרייזן, וואָס וועט וואַרשיינליך זיך עטוואָס העכערן, אונטער די נייע מענעדזשמענט.

ס'איז טאַקע וויכטיג צו פאַרשטיין אַז די "יו. דזשעי. סי." איז למעשה אן נאָן- פּראַפּיט אָרגאַניזאַציע וואָס האָט נישט פאַרדינט קיין פּרוטה פון דעם גאַנצן טראַנספּאָרטאַציע אַפּאַראַט, פאַרקערט גאָר, מען איז פאַקטיש געבליבן מיט אַ דעפיציט יעדן חודש, וואָס דאַרף נאָך יעצט געדעקט ווערן מיט די הילף פון נדיבים בעם.

ווידעראום די נייע מענעדזשמענט איז אַ היימישע אומאָפּהענגיגע פירמע וואָס דאַרף דעקן זייער בודזשעט, און דעריבער וועלן פרייזן זיין איינשטימונג מיט די הוצאות. איבערהויפּט אין די יעצטיגע הויכע אויפשטייג פון אינפלאַציע אויף אַלץ און אַלעמען, און באַזונדער די הימלשרייענדע געז פרייזן, וואָס זענען אַרויף מער פון דאָפּלט.

זאל טאַקע אויך דערמאַנט לשבח אַז דורכאויס דעם גאַנצן פאַרלאָפענעם ווינטער, ווילאַנג די טראַנספּאָרטאַציע איז געווען אונטער די "יו. דזשעי.סי." אייגנטומערשאַפט, זענען מיר געשטאַנען דערויף בכל התוקף אַז פרייזן זאָלן נישט אַרויפגיין, אין די צייט וואָס אַלע פירמעס פון אַלע סעקטאָרן, האָבן דראַסטיש געהויבן די פרייזן, האָבן מיר געטון אַלעס אויף דער וועלט צו בלייבן מיט די נידריגע ראַטעס במשך דעם גאַנצן ווינטער, ווען דער שיעבוד צו דעקן דעם איבריגן לאך איז למעשה געפאַלן אויף די פּלייצעס פון די עסקנים, וואָס האָבן געדאַרפט אויפקומען מיט דאָס געלט פון אַנדערע אופנים.

■ ■ ■

צו דער זעלבער צייט איז מען איינערהאַלב "יו. דזשעי. סי." אַקטיוו **מיט דעם פאַרוויקלטן קאַמף אויפ'ן לעגאַלן פראָנט וואָס וועט האָפנטליך זיין אַ געוואַלדיגע לאַנג-טערמיניגע הילף פאר תושבי עירינו, און וועט למעשה אַראָפּברענגען די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן מיט באַדייטנדע ציפערן פאר יעדן איינוואוינער.**

ווי עס איז שוין ברייט באַריכטעט געוואָרן צווישן די שפאלטענעס פון דער "שטימע" און דער "בולעטין" ווערט אין די לעצטע חדשים אינוועסטירט אומגעהויערע געלטער און כוחות איניאיינעם מיט אַדוואָקאַטן און לעגאַלע עקספּערטן אין אַ לעגאַלן געפעכט וואָס איז שוין אָנגעקומען ביז'ן אַפּעלאַט געריכט, אַז דער **"וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" זאָל זיין געצווינגען צו באַצאָלן די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן פאר די טעג וואס די אידישע מוסדות התורה זענען אפן און די גוי'אישע סקולס זענען נישט אפן.** (נישט אַריינגערעכנט די לעגאַלע חגאות), וואָס איז אַ סך הכל פון בערך 02 טאָג.

מיר האָבן שוין ב"ה געווינען אין געריכט, אָבער צום באַדויערן האָט די סקול דיסטריקט דאָס צוריק אַריינגעשלעפּט צום אַפּעלאַט געריכט, וואו אונזערע לויער פאַרטיידיגן שווער די רעכטן פון די איינוואוינער, און מען האָפט בקרוב צו מבשר זיין בשורות טובות. וואָס דאַן וועט עס דראַסטיש רעדוצירן די ראַטעס וואָס עלטערן דאַרפן יעצט באַצאָלן פאר די טעג וואָס דער סקול דיסטריקט פינאַנצירט נישט.

**די אַלע געריכטליכע קאַמפן און לעגאַלע געראַנגלען קאָסטן אָפּ הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן בלי גוזמא! מען צאָלט אַוועק עפרות זהב פאר ערפאַרענע אַדוואָקאַטן און לאביסטען,** וועלכע באַגלייטן די קעיסעס בלויז צו ברענגען אַ פאַרלייכטערונג פאר תושבי עירינו. אָבער אויך אין דעם פאַל רעכנט מען זיך מיט די איינוואוינער, מען באַלעסטיגט נישט קיינעם צו צאָלן דערפאַר נאָר די "יו. דזשעי. סי." האַלט אויף אַ באַזונדערן פאָנדרעיזינג אַפּאַראַט וואָס אַרבעט זייער שווער צו דעקן די ריזיגע בילס, אַז ס'זאָל נישט פאַלן אויפ'ן ציבור און מען זאָל נישט דאַרפן צולייגן נאָך אַ הוצאה אויף די טייערע עלטערן שיחי'.

ס'איז די האָפענונג פון אונז אַלע אַז בקרוב זאָל מען טאַקע קענען מעלדן גוטע בשורות אויך אין דעם הינזיכט, וחפץ ה' בידינו יצליח.

# הערליכער מעמד קביעת מזוזה איניאיינעם מיט הנחת אבן הפנה פאר באַרימטע ישיבה נשמת חיים אין בלומינגראוו

אין נאָך אַ רינגעלע אין דעם הערליכן קייט פון הרחבת גבולי הקדושה פון מוסדות התורה און ישיבות הק' וועלכע שפרייטן זיך ב"ה אויס אין די אידישע בלומינגראוו, איז דעם פארלאפענעם דאנערשטאג ויקרא געפייערט געוואָרן ברוב פאר והדר א הערליכער מעמד קביעת מזוזה, איניאיינעם מיט מעמד מרומם הנחת אבן הפינה, פון דער בנין הישיבה וואָס וועט דינען אַלס פרעכטיגע אכסני' של תורה פאר דער באַרימטער ישיבה גדולה בהנהלת הגאון רבי שמואל צבי מונק שליט"א, וואָס איז געווען ביז יעצט סטאַנציאָנירט אויף קליפ קט, סמוך ונראה צו אונזער שטאט, און האָט זיך אַצינד קובע מקום געווען אין דעם נייעם הערליכן לאָקאַל אין דעם טאַון אָוו בלומינגראוו.

די ישיבה האָט זיך שוין באַרימט געמאַכט מיט איר אייגנאַרטיגע כאַראַקטער וואָס גיט אַ געוואַלדיגע שם טוב פאר אונזער הייליגע שטאָט, וואָס איז ב"ה אויסגעשטיגן אן עיר מלאה חכמים וסופרים וואו קהלות קדושות און ישיבות זענען זיך קובע איש על מחנהו ודגלו, באהבה ואחוה ושלום.

איבערהויפּט איז חבה יתירה נודעת לה צו דער ישיבה גדולה וואָס שטייט אין שפיץ פון דעם חשוב'ער ראש ישיבה שליט"א, וועלכער איז באַקאַנט צווישן תושבי עירינו אַלס אַן אמת'ער דמות פון אַ ת"ח מופלג וירא אלקים, און זייענדיג אן אפטער מתפלל אין דעם הערליכן צענטער פון בית המדרש עבודת ישראל קאָזניץ, זענען די מתפללי ביהמ"ד טאַקע נהנה מאור תורתו בכל עת מצוא.

אַצינד, צו דער פריידיגער מאָמענט, ווען די ישיבה האָט זיך אַריבערגעצויגן צו דעם נייעם לאָקאַל, איז געפראַוועט געוואָרן בקול רנה ותודה דער מעמד מרומם קביעת מזוזה, ביינזאם מיט דער הנחת אבן הפנה פאר דעם היכל התורה החדש, מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסן ציבור ידידי הישיבה, און פילע תושבי העיר וועלכע האָבן אַ קשר מיט דער ישיבה און מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

עס האָבן אויפגעטרעטן חשוב'ע רבנים, הרה"ג רבי דוד ראַבערטס שליט"א, הרה"ג רבי אשר דוד מאי שליט"א מחשובי רבני מאנסי, הרה"ג רבי יונתן דיינה שליט"א ראש ישיבת אור התורה, הגאון רבי שלמה פייוול שוסטאל שליט"א ר"י תפארת ירחמיאל לעיקוואוד, וועלכע האָבן אַלע אַרויסגעהויבן שבחו ותהלתו פון די הרבצת התורה וואָס ווערט פראַקטיצירט בין כותלי הישיבה.

נאָכ'ן גיסן דעם אבן הפנה און הערן די וואַרימע ווערטער פונעם ראש ישיבה האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין פריילליכע ריקודים של מצוה, מיט געהויבענע געפילן, און מיט אַ ווייטערדיגע גרייטקייט צו שטיין צו הילף לרומם קרן התורה לשם ולתפארת.

כל דכפין ייתי ויאכל:

# קידוש ה' ווען רייזיגער ציבור תושבי העיר זענען נהנה פונעם גרויסארטיגן חלוקה לכבוד פסח

## רייע פון צענדליגער קארס שלענגלען זיך ביז פארנט פון די יו.זשעי.סי. הויפטקווארטיר פון וואו עס איז פארטיילט געווארן באקסעס, וויין, גרעיפ זשוס, אייער, עפל, צוויבל, און פיל נאך ווערדטפולע פראדוקטן לכבוד יו"ט

**די חלוקה איז צוגעשטעלט געווארן אויפ'ן אינציאטיוו פון די יו.זשעי. סי. און די באורד אף טראסטיס מיט די הילף און השתדלות פון העסקן הנמרץ נדיב לב מוה"ר שמעון ישראל פאזען הי"ו מחשובי תושבי העיר, ובניו החשובים שיחי' וואס האבן זיך אוועגעגעבן במסירת נפש פאר אידן אויף צרכי יו"ט פסח מוקדש לע"נ אביו הרה"ח ר' אברהם יעקב ב"ר פנחס יהודה ע"ה, תנצב"ה**













# געלונגענע קמחא דפסחא קאמפיין דורך "קופת עירינו" סוקסעספול צוזאמגעשטעלט צענדליגער טויזנטער דאללער און פארטיילט פאר נצרכי תושבי העיר



מוה"ר יצחק אלחנן פעלדמאן הי"ו ווילעוס טראסטי האט זיך אוועקגעגעבן במסירת נפש פאר די קופת עירינו ביים צוזאמשטעלן די טשעקס אין די יו.זשעי.אפיסעס









# אַקטועלע האוזינג קאָנפערענץ פּראָגעס און ענטפערס סעסיע

**דורכגעפירט דורך די פּאַראייניגטע אידישע קהלות, די יו. דזשעי. סי. מיט דער באַטייליגונג פון תושבי העיר, פּאַרלאָפענעם ניטל נאַכט, ווינטער תשפ"ב לפ"ק**

## איינלייטונג קאָמענטאַרן דורך ר' יואל שטערן הי"ו

א גוטן אָוועגט מורי ורבותי, מ׳זאל זיך אראפזעצן, טועם זיין, זיך מאכן היימיש, מ׳איז זיך צוזאמענגעקומען דא היינט נאַכט, און טאַקע אַ יישר כח פאר אַלעמען, חבירים ידידים, כולם אהובים כולם ברורים כל אחד בשמו הטוב יבורך, פארן נעמען די צייט אראפצוקומען דאָ, זיך משתתף זיין אין א קאָנפערענץ וואס איז וויכטיג פאַר אונזער עתיד העיר.

מ׳וועט דיסקאסירן אי"ה היינט נאכט אסאך טעמעס, בעזר השם, מיט א קלארקייט און מיט א רואיגקייט.

ס׳איז באמת א קידוש השם אז מיר האבן דא א שטאט וואו די לאקאלע תושבים קענען זיך צוזאמענגעקומען אינאיינעם מיט די עסקנים, כאיש אחד בלב אחד, און זיך אויסשמועסן, פרעגן שאלות און באקומען תירוצים.

ב"ה אַז יעדן פון די עסקנים קען מען אייביג טרעפן. קיינער איז נישט וויאזוי מען רופט עס "אוט אוו ריטש", אדער "אוט אוו טאָטש", נאר עס איז אייביג דא אן אפענע טיר, אן אָפענע אויער און אן אָפן הארץ, אויסצוהערן, זיך דורך צושמועסן און זיך דורך רעדן, ותשועה ברוב יועץ.

באמת איז דאָס טאַקע געווען די גאַנצע יסוד ווען מען האט געגרינדעט די "יו.דזשעי.סי." פאר דריי יאר צוריק, אַז ס׳זאָל זיין אַ כח פון עסקנות און גאָווערמענט, "פאָר די פּיפּל, ביי די פּיפּל" פון ביידע זייטן. יעדער תושב, יעדער יחיד האט א מיינונג, מען קען אריינרעדן און אריינזאגן, יעדער האט אן אוזן קשבת ב"ה. מיר פּרובירן און מיר בעטן פונעם גאַנצן עולם דאָ אַז מען זאָל אונז טאַקע האלטן דערביי, אז ס׳זאל ווייטער אזוי אנגיין בעזר השם ביז משיח׳ס טאג.

די היינט נאכטיגע אסיפה איז צוזאמענגערופן געווארן אלס אַ "האַוזינג קאָנפערענץ", אָבער באמת די סיבה פאַרוואָס די גאַנצע אסיפה איז צושטאַנד געקומען איז וויבאַלד מען טוט כסדר אָנפרעגן, סיי די עסקנים און סיי די ערוויילטע באַאַמטע פון דעם ווילעדש מיט אלע ערליי סאָרט שאלות, וואס און וויאזוי און ווען מ׳גייט דא קענען בויען.

ס׳איז באקאנט דער כלל אז פאר יעדן מענטש וואס פרעגט א שאלה, איז דא צען וואס פרעגן נישט. אז איינער קומט נישט אן צו פרעגן, און דער אנדערער מאַכט שוין אפ אן אייגענע מסקנא, און אויף דעם ווערן געבויעט גרויסע בריקן און גרויסע בנינים, מיט קאנסקעווענצן און פיינענשעלס, דאס קומט פשוט ווייל מענטשן פרעגן נישט און אלס א תוצאה מאכט מען גיך אפ אייגן געשאצטע מסקנות, סיי אין כמות סיי אין איכות, אויף אַלע סאָרט אופנים, באַזירט אויף לויזע מסקנות וואָס מען האָט געהערט אין קאַווע שטיבל, אדער וואָס מען געשמועסט אין בית המדרש, און וואס מ׳האט געהערט אויף די גאס, און רוב מאָל פאַנגט זיך דאס פשוט נישט אן, נישט בלויז די מעשה נאר בכלל דער גאנצע יסוד אונטער די גאנצע זאך איז לא היה ולא נברא.

דעריבער איז גאר א וויכטיגע זאך אז מען זאל זיך איינמאל אין א שטיק צייט צוזאַמענעמען און זיך אויסשמועסן, אַז יעדער איינער זאל קענען פרעגן סיי וואס ער וויל. ס'איז לאו דווקא האַוזינג וואס איז למעשה די ברענענדיגע טעמע, נאר מ'קען פרעגן סיי וואָספאַראַ שאלה בנוגע די רוחניות און גשמיות אין דער שטאָט. מיר ווען פרובירן צו ענטפערן מיטן בעסטן, השי"ת זאָל אונז חונן דעת זיין צו ענטפערן פאר יעדן איינעם בטוב טעם ודעת.

## וואָס איז דער סוד הונטער די אומגלויבליכע הצלחה פון בלומינגראוו?

א וויכטיגע זאך צו פארשטיין פאר מען פאנגט אָן איז: וואס איז בלומינגראוו? איז בלומינגראוו דער נאָמען? איז עס די לאָקאַציע? וואס איז די קאָנצעפּט פון בלומינגראוו? און פאַרוואָס איז מען בכלל אנגעקומען אויף בלומינגראוו?

אויב פאר די הייזער? דוכט זיך אז ס'איז קיינער נישט אהערגעקומען ווייל דא איז געווען די מערסטע קוואַליטי הייזער... ס'איז דא ארום קרית יואל געגנטער וואס האבן געהאט נייערע שענערע בעסערע הייזער, און ס'איז געווען די זעלבע מאַרקעט בערך ווען ס'האט זיך אנגעפאנגען דאס אויסוואנדערונג ארויסצומופן צו די אנדערע געגענטער. די געווענליכע הויז דאָ אין געגענט איז אַלט לכה"פ 40-50 יאָר אויב נישט עלטער. דער וואַסער סיסטעם דארף אַ גרויסן תיקון, דער סוער סיסטעם דארף א גרויסן תיקון.

און ס'זאל קלאר געשטעלט ווערן אז דאָס זענען זאַכן וואָס מערסטנס מענטשן וואס האבן זיך דא אהערגעצויגן האבן געוואוסט, בעפאָר זיי האבן געמאכט זייערע יסודות'דיגע באשלוסן אין וואס זיי גייען אַריין. אין יעדע הויז וואס א איד האט זיך אריינגעצויגן האט מען געדארפט אריינלייגן שווערע געלטער, ס'זאל זיין נוצבאר פארן פשוטן געברויך, די אלטע הייזער האבן זיך יעדע הויז פאר זיך זייערע אייגנאַרטיגע פּראָבלעמען.

דעריבער פרעגט זיך די ברענעדיגע שאלה: וואס האט געצויגן אינגעלייט, טייערע אנשי שלומינו, חסידי'שע אינגעלייט, יראים ושלמים, אַהערצוקומען דא וואוינען?

דער ענטפער איז אָבער אַז בלומינגראוו איז נישט די געדאנק אז ס'איז א געגענט. ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'קען אנכאפן מיט דער האנט, בלומינגראוו איז א קאַנצעפּט, אַ געוויסע מענטאַליטעט פון א סביבה, א קאָמיוניטי פון נחשונים, פון עסקנים, וואו יעדער איינער איז פאר זיך אַ כח היחיד, און קאָלעקטיוו זענען מיר צוזאַמען אַ כח הרבים.

בלומינגראוו איז געבוירן געוואָרן דורך אידן וועלכע זענען ווי מען רופט עס "אַרויס פון דער באַקס", וואָס ווען עס קומט אונטער אַ פּראָבלעם, לאָמיר עס אָנרופן דאָס מאָל "האַוזינג", הייבט מען נישט אויף די הענט אַז ס'איז שוין סייווי פאַרפאַלן... אדער אז מ'וועט זיצן און ווארטן אז ביז מ'וועט עפעס ערלעדיגן וועט מען גארנישט טוהן.

יעדער איינער קען זיך ארומקוקן אויף די שכינים וועלכע זענען אהער געקומען וואוינען, זענען אַלע געווען מענטשן וואס זענען ארויסגעגאנגען פון א געוויסע "באַקוועמליכקייט זאָנע" און פון א געוויסע מסגרת, און לאו דוקא ווייל זיי האבן געזוכט צו אנטלויפן פונעם "סיסטעם", אָדער חלילה צו אנטלויפן פון א רוחניות'דיגע סביבה, פונקט פאַרקערט! זיי האבן געזוכט ווי זיי קענען קומען אויף א פלאץ טאקע ווי ס'איז דא א חסידי'שע סביבה און ווי ס'איז דא א פּאָטענציאַל אז חסיד'ישקייט און אידישקייט זאל וואקסן און בליען טאַקע מיט'ן גאַנצן כאַניאָקישקייט, אָן קיין "פיער פּרעשור", סיי ביי די קליידונג, סיי ביי די הייזער, סיי מיט דער גאנצער באַוועגונג, ווי מ'זעט עס בחוש אַז בלומינגראוו איז שוין אַ געגנט וואָס שטייט שוין זעקס יאָר און ס'איז נישטאָ אפילו באופן ארעי קיין איין רעסטוראַנט אָדער סיי וועלכע אַנדערע גשמיות'דיגע זאַך וואָס קומט געווענליך מיט אין אַ אידישע געגנט.

מ'האט עס געקענט זעהן אויף אַ מורא'דיגן פאַרנעם, ווען מ'האט איבערגענומען דעם "פלעונינג באורד" און דעם "זאונינג באָורד" א האלב יאר צוריק, און ס'געווען כמה וכמה בקשות פון אלע סאָרט שיכטן ביים עולם. אָבער די ערשטע בקשה, העכער אַלעם איז געווען אַז מ'זאָל קענען בויען שולן! קיינער איז נישט געקומען פאר אַנדערע זייטיגע זאַכן, דער עיקר איז געווען בלויז רוחניות!

אָט די געשטעל, דער טיף מענטש, האָט געצויגן אַז אידן זוכן טאַקע אהערצוקומען פון איבעראָל.

און איך באַציה זיך בעיקר צו די ערשטע 200 תושבים וועלכע האָבן זיך אַהערגעצויגן. איך פערזענליך וואוין שוין דאָ ב"ה אביסל מער ווי דריי יאָר, איך קען נישט זאגן אז איך האב זיך אהערגעצויגן מיט מסירת נפש, אז איך האב עפּעס מקריב געווען זיך אַהערצוציען, ווייל בשנת תשע"ז בערך, ווען איך האב געקויפט מיין דירה, האָט מען שוין געקענט זען, ווי מען רופט עס, "די רייטונג אן די וואל". ס'האט שוין געמאכט "סענס". מ'האט געוואוסט ס'איז א שאלה פון צייט. יאָ ס'איז געווען שוועריגקייטן מיט'ן מעיאָר און מיט די אַדמיניסטראַציע, טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות, מען האָט געטיילט דאָ ווייעלעישענס אויף רעכטס און לינקס, און אַנדערע שוועריגקייטן, אָבער מ'האָט געוואוסט אַז ס'איז אַ שאלה פון צייט.

דאָ איז די רעדע פון אַזעלכע אידן, ווי מיין שותף לדבר מצוה, הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, און נאך אסאך אנדערע אידן וואָס זיצן דאָ, כל אחד בשמו הטוב יבורך, וואס האבן זיך אהערגעצויגן איין יאר אדער צוויי יאר פריער, אין אן ארץ לא זרועה, ווען איך בין אהערגעקומען האב איך שוין געהאט דעם ערשטן שבת א שול, א מקוה, איך האב געהאט אפילו אן אָפּציע צי איך וויל גיין צו די שול אָדער אין יענע שול. אָבער די דאזיגע אידן זענען אהערגעקומען אן גארנישט! זיי האבן געוואוסט איין זאַך, זיי קומען אהער זיך צו פירן בתורה ועבודה! מ'גייט בויען שולן פון סקרעטש! פון וואו וועט מען נעמען געלט? קודם טאנצט מען אריין מיט א מסירת נפש! מ'וועט מאכן א מקוה! מ'האט באמת געשוויצט און אריינגעלייגט בלוט און שווייס און דמים תרתי משמע ביז די געגנט איז געווארן וואס ס'איז היינט.

אָט די מסירות נפש וואס דעמאלט איז געווען, דער באגריף אז א מענטש וואס האט פארשטאנען ער קומט פון א געגנט וואס איז מסודר, און ער איז גרייט ארויסצוגיין און זיין אן עסקן, ניצן זיין כח היחיד, ווייל ער זוכט עפּעס בעסער פאר זיין רוחניות, פאר זיינע קינדער און פאר זיין משפחה, אויף דעם איז אונזער געגנט געבויט געוואָרן! דאָס איז בלומינגראוו! און אויף יענע מסירת נפש וואס די מענטשן האבן אריינגעלייגט האט זיך געגרינדעט אונזער שטאט!

דאָס איז טאקע די פאַרלאַנג פארוואס מענטשן קומען היינט אַהער, פאַרוואָס נאך קהילות און בתי מדרשים זוכן דא אַהערצוקומען. דאָס איז אין קורצן אַ יסוד וואָס בלומינגראוו איז און פאַרוואָס מענטשן ווילן אַהערקומען וואוינען.

* * *

ס'זענען אריינגעקומען אסאך שאלות איבער אַלע טעמעס פון האַוזינג, פרייזן, סופליי און דימענט. לאָמיר טאַקע אַראָפלייגן אַלע שאלות אויפ'ן טיש, וואָס מענטשן האָבן שוין אַריינגעשיקט ביז אַהער. מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן יעדע שאלה און נאכדעם וועל מיר מאכן א סיכום, א סך הכל איבער דעם פראבלעם, און וואס מען קען דא טון.

סיי ווער ס'האט א שאלה קען אהערקומען און עס דא פרעגן, אויב מען איז נישט באקוועם עס צו פרעגן הויך קען מען עס אראפשרייבן אויף א צעטל, און ארויפשיקן, און מ'וועט עס פארליינען, און מ'וועט יעדן ענטפערן מיטן גרעסטן קלארקייט בעזר השם, ובשם השם נעשה ונצליח.

אצינד וועל איך איבערגעבן די מייק פאר הר"ר יצחק, ער וועט אי"ה זיין דא דער "מאדערעטער" היינט נאַכט, און ער וועט פארליינען די שאלות.

## די ריכטיגע ציפערן פון "סופליי און דימענד" דאָ אין בלומינגראוו

## ר' יצחק עקשטיין הי"ו:

**ר' יצחק עקשטיין:** א גוטן אָוונט. מען האט מיר שוין גארנישט איבערגעלאזט עפעס צו צולייגן.

עס זענען אריינגעקומען אין די לעצטע צוויי-דריי טעג שאלות פון מענטשן, דורך אימעיל און דורכ'ן טעלעפאן, און פערזענליך. עס זענען געווען זייער אסאך שאלות וועלכע זענען געווען ענליך איינס צום צווייטן, ווייל זייער אסאך מענטשן האבן די זעלבע שאלות, און ווי פארשטענדליך, וועט מען נישט פרעגן יעדע איינציגסטע שאלה נאכאמאל און נאכאמאל, נאר מען פרובירט צו מאכן א שטיקל סיכום פון אלע שאלות אינאיינעם.

**די ערשטע שאלה: מענטשן פילן ווי אונז, די "יו.דזשעי.סי.", דער ווילעדזש, דער פלענינג באורד, און דער זאונינג באורד, ווייסן אליינס נישט ווי ברענעדיג גרויס עס איז דער פארלאנג פאר דירות, און וויפיל עס גייט נאך שטערקער ווערן אינעם עתיד.**

**מיר האלט אין איין רעדן אז מיר גייען זיך קאנצעטרירן אז מ'גייט זיך דא אויסשפרייטן אין דער ברייט, נישט גיין בלויז אין דער הויך, נישט איבערטוהן די טעותים וואס אנדערע האבן געמאַכט.**

**פרעגט זיך די פראגע: ווי אזוי קענען מיר זאגן אזא זאך אז מען גייט זיך אויסציהען אין דער ברייט, אז עס איז דא גענוג פלאץ? ווער זאגט אז מיר ווייסן אפילו ווי גרויס עס איז דער סופליי. עס דארף אלעמאל גיין "סופליי ענד דימענד", סופליי קען זיין נעמען מיר אן אז עס איז דא גענוג ב"ה, אבער דער דימענד איז דאך פיל העכער ווי דער סופליי, אויב אזוי וואספארא חשבונות מאכט דער ווילעדזש כדי צו קענען זאגן, אז מען קען זיך אויסשפרייטן אין דער ברייט, אפשר דארף מען יא שוין אנהייבן גיין אין דער הויך?**

**ר' יואל שטערן:** דער ענטפער אויף דער שאלה איז, ווען מען קוקט צוריק אויף קרית יואל, איז געווען אין די פארגאנגענע יארן זייער פרעדיקטעבל כדי צו קענען מאכן א פראויסשאצונג וואס גייט זיין דער פארלאנג איין יאר און נאך א יאר אין די קומענדיגע פינף יאר, אין די קומענדיגע צען יאר.

עס איז זייער א פשוט'ע זאך פארוואס, ווייל קרית יואל האט א געוויסער צאל מוסדות, און עס איז דא א געוויסער ציפער, אַ געווענליכער פראָצענט פון נאטורליכע וואוקס, וויפיל מיידלעך עס האבן חתונה יעדעס יאר, און געווענליך זענען די דעוועלאפערס געווען זייער אקוראט מיט זייערע פאראויסזאגונגען, און אַזוי אָנגעהאַלטן דעם פאַסיק ווי מען רופט עס אין אידיש, פון סופליי און דימענד. עס האט אבער געהאט א פראבלעם, אז עס איז געווען, און עס איז נאך אלץ פאַרהאַן א מאָנאָפּאָל, וויפיל הייזער צו רעליסן אויף איינמאל. דעריבער איז קיינמאל נישט געווען גענוג הייזער אין קרית יואל.

**ר' יצחק עקשטיין:** לאמיך דיך איבערהאקן, מיר פרעגן נישט אויב עס איז דא קאנטראל אדער נישט, די שאלה איז דא, וואס איז דער סופליי און דימענד, ד.ה. צו מיר באגרייפן גענוג שטארק וואס דער פארגעזענער פארלאנג וואס דא גייט זיין במשך די קומענדיגע יארן, אז מיר זאגן אז מיר האבן סופליי עס צו קענען נאכקומען.

**צי מיר קאנטראלירן יא, צי מיר קאנטראלירן נישט, דאס איז א שאלה פאר זיך, וואס פון דעם וועלן מיר רעדן ווייטער. עס איז א באזונדערע שאלה פאר זיך, יעצט איז די שאלה פון וואו ווייסט מען וואס זענען די ציפערן?**

**ר' יואל שטערן:** דער ענטפער אויף דער שאלה איז הא בהא תליא, ווייל דא אין בלומינגראוו איז עס נישט באגרעניצט צו א געוויסער מוסד. אבער קודם לאמיר נעמען און אויסשמועסן 'שטח', קרית יואל איז איינס און א האלב מייל גרויס אין שטח, און עס האט גענומען פערציג יאר אנצופילן קרית יואל. יא מען האט טאקע געבויעט אין די הויך, מיט דעם אלעם האט גענומען פערציג יאר אנצופילן קרית יואל און מען בויעט ווייטער ב"ה. בלומינגראוו, איז פינף מאל דער סייז, און דאס איז בלויז אין דער ווילעדזש, נאך בעפאר מיר רעדן אפילו פונעם טאון.

והשנית אפילו ווען מיר זאלן אין באטראכט נעמען, אז מען בויעט בלויז אין דער ברייט, פונדעסטוועגן איז דער מענטאליטעט פון די מענטשן היינט צוטאגס, ובפרט די תושבי בלומינגראוו טאקע נישט צו גיין אין דער הויך. פון דעם האבן מיר גערעדט פריער, און דער ציל איז טאקע זיך וואס מער אויסצושפרייטן. עס איז אפשר נישט אזוי באקוועם אויבן אויף, אבער דער עולם איז מער "אָפּן מיינדעט" און "אַרויס פון דער באַקס", מען האט נישט מורא ארויסצוגיין פון אונטער דער מאמענ'ס פארטוך, און זיך ארויסציהען אביסל ווייטער.

דעריבער די פלאקערדיגע ברענדיגע שאלה וואס פלעגט פלאגן די יהדות החרדית פון גרעיטער ניו יארק פאר לאנגע יארן, איך מאך חתונה מיין ערשטע קינד, איך קען נישט אוועקשיקן, ווי שטעלט מען אוועק די קינדער וואוינען, עס איז דא א געוואלד מיט טרויעריגע וויצן איבער די פיש אויף שבת, מיט אלע אנדערע שטותים. אבער דער מציאות הדברים איז, ווען עס קומט סוף חודש און מען דארף באצאלן די רענט, צו דער לעקטער ביל, אדער דער מארגעדזש, צו נאך א קינד ווערט געבוירן דאן שטימען נישט די אלע שיינע גערעדעכצער, נאר מען דארף טוהן תכלית.

און דאס איז טאקע איינס פון די שיינקייטן פון דער בלומינגראוו מענטאליטעט, אז מען האט זיך טאקע אויסגעשפרייט, דער בלומינגראווער תושב און מחותן וועט בעז"ה מוטיגן זיינע קינדער, זיי זאלן אים נאכטוהן, זיי זאלן נאכטוהן די טאטע מאמע וועלכע געבן דעם ריכטיגן חינוך פאר די קינדער, אז מען דארף זיך אויסשפרייטן, ס'איז געזונט סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

דא וואוינען ברוך ה' היינט ביי אונז דא אין בלומינגראוו, כמה וכמה אינגעלייט, וועלכע האלטן קנאפע צוויי-דריי יאר נאך דער חתונה, און יעדער איז ב"ה העכסט צופרידן, די עלטערן, די שוויגער עלטערן, און די פארפעלקער זעלבסט, ברוך ה'.

דאס איז ווען מען רעדט בלויז פון דער ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו, ברוך ה' די "יו.דזשעי.סי." רעפרעזענטירט נישט נאר דער ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו, עס טוט רעפרעזענטירן, און עס וועט בעזהשי"ת רעפרעזענטירן, יעדן איד וועלכער עס וועט זיך אהערציהען, צו עס איז אין דעם ווילעדזש אדער אין דער גאנצער טאון אוו בלומינגראוו. מען האט אריינגעלייגט דערין אסאך ארבעט, מיט אסאך מחשבה, און מיט אייער הילף און מיט דער אחריות און עסקנות פון אלע אידן וועלכע זיצן דא, האט מען אריינגעגוועלט ב"ה מיט עטליכע וואכן צוריק, אונזער געטרייער עסקן מו"ה ר' אלימלך שמשון שווארץ הי"ו, וועלכער זיצט היינט אינעווייניג אלס דער ערשטער אידישער קאונסילמאן אין דעם טאון אוו בלומינגראוו. איך מיין אז עס איז איבריג צו זאגן, אז עס איז בלויז די התחלה, ועוד ידינו נטויה בעזהשי"ת.

דעריבער, אויסצופירן וואס מיר האבן אנגעהויבן צו ענטפערן איבער סופליי און דימענד, בעצם איז דער פארלאנג גרעניצלאז, ס'איז בלי ראשית ובלי גבול בליעה"ר, אבער מיר האבן איין שטארקע מעלה, בלומינגראוו איז נישט געבינדן צו קיין קהלה אדער א מוסד, אזוי ווי יעדער איינער זעהט שוין היינט צו טאג, ממילא איז ממש נישט מעגליך ארויפצולייגן א ציפער און זאגן וויפיל עס איז דער דימענד, ווייל ווי דער עולם האלט מיט וויפיל ישיבות, און וויפיל קהילות זענען אהער געקומען אין די לעצטע פאר וואכן, און וויפיל פרישע האנדלן אין די טעג צו עפענען פאר זיך א שטיקל געגנט, א שטיקל שיכון, צוצושטעלן זייער באגער אויפצושטעלן א געיגנט פון ערליכע שטובער יראים ושלמים, נישט קיין חילוק אויף וועלכן שניט, און דאס איז בכלל נישט געבינדן אינעם ווילעדזש, מען קוקט שוין אין גרויסן אינעם גאנצן טאון, און אין וואשינגטאנוויל אויך.

דעריבער איז נישט מעגליך אראפצולייגן א ציפער דערויף, דער שטח איז ריזיג גרויס ב"ה, אבער אין דער זעלבער צייט קען מען אויך זאגן, אז דער סופליי איז אויך גרעניצלאז, טאקע פאר דעם ווייל עס ווערט נישט געפירט דורך א קהלה און דורך א מוסד, עס ווערט געפירט דורך די ווילער, דורך די איינוואוינער, וואס זיי ווען נאך אלעם באשליסן ווער די פירערשאפט זאל זיין, און וואספארא פאליסיס די פירערשאפט זאל מאכן. און אגב ס'איז כדי צו באטוינען אז דער 'שטח' פון דער טאון אוו בלומינגראוו איז ריזיג גרויס, 35 סקווער מייל, משיח זאל אוודאי קומען פאר דעם.

## וויאַזוי בלומינגראוו וועט קענען "סופלייען" דעם וואַקסענדן פאַרלאַנג

**ר' יצחק עקשטיין:** ביז יעצט איז געווען דער פארלאנג פאר די אידן וועלכע זיצן דא און זייערע קינדער און אייניקלעך, וואס דו זאגסט אז דאס באדייט נאכנישט אז ס'ווערט אונזער נייער דימענד, ווייל זיי זענען געווארן אויסגעלערנט פון זייער עלטערן אוועקצוגיין פון וואו מען איז צוגעוואוינט צו וואוינען, און זיי קענען וואוינען וואו זיי ווילן, וואו עס קוקט אויס גוט פאר זייער באשלוס, ממילא קען מען טאקע זיך שטענדיג ווייטער אויסשפרייטן. אבער היינט צוטאָגס איז שוין פאַרהאַן אסאך א גרעסערע פארלאנג, ווייל אז פרישע קהלות וועלן אהערקומען, מיינט דאס א פילפאכיגע דימענד וואס וועט יא פארלאנגען צו בלייבן אין זייער שכונה, שטעלט זיך די פראַגע, ווי אזוי וועלן מיר סופלייען דעם פאַרלאַנג, אויב מען קען נאר בויען א הויז אויף צוויי עיקער?

ווי מען רעדט כהיום לויט די יעצטיגע זאונינג, קען מען בויען איין הויז אויף צוויי עיקער. אז מ'נעמט אין חשבון 35 סקווער מייל, וויפיל קען מען עס שוין צעטיילן, וויפיל דירות קען מען שוין דא ארייננלייגן, אויב בלויז איין הויז אויף צוויי עיקער וואס מ'קען יעצט בויען, און עס קומען דא אהער פרישע קהילות, ווי למשל וויזשניץ-וויליאמסבורג קומט אצינד אהער און זיי גייען דא בויען דירות, און עס זענען דא אויך אנדערע וועלכע ווילן אויך, אבער אויב עס איז נישטא קיין סופליי, עס איז דא א פארלאנג און עס ווערט נאך גרעסער דער פאַרלאַנג, האבן מיר ווייטער א דימענט אן קיין סופליי?

**ר' יואל שטערן:** מען מוז אביסל צוריקצוגיין כדי צו ענטפערן די שאלה. אביסל לענגער ווי זעכצן יאר צוריק, וואס יעדער איינער וואס זיצט דא קען דאס זיך אליינס איבערצייגן, נאך איידער עס האט אפילו עקזיסטירט אזא זאך, ווי דער ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו, יעדער איינער איז מכובד ארויפצודרייוון דעם ווארלי הייטס געגנט, אן אויסרעכענען די פרטיות'דיגע גאסן, און אריינפארן אין ווירדזשיניע געגנט, אין דער לעיק שאור געגנט, און אזוי זענען דא נאך אסאך אנדערע געגנטער וואס איז נאכנישט באזעצט פון אידן, זעט מען, אז דעמאלס האט יעדער גוי פארשטאנען, אז מען האט שוין געהערט אזא זאך ווי א פריוואטער הויז אויף א פערטל עיקער, מען האט פארשטאנען, אז פופצן פוס פון זייט צו זייט, איז א נארמאלער setback מען האט פארשטאנען אסאך אנדערע זאכן אן אריינצוגיין אין טעכנישע פרטים.

דער מצב ווי מיר זענען יעצט, ווי דו ברענגסט ארויס וואס דאס איז דער אמת לאמיתו, אז כהיום טוט נישט די זאונינג ערלויבן, מער ווי א הויז אויף 2 עיקער, דאס איז צושטאנד געקומען נאכדעם טאקע ווי עס איז געווען די גרויסע דאגה פון פן ירבה, און די גוים האבן זיך צוזאמגעזעצט צו מאכן א ווילעדזש, און צו מאכן נייע שטרענגע זאונינג געזעצן, טאקע בלויז כדי צוריקצוהאלטן פון אונז דעם פן ירבה.

אבער ברוך ה' מיר שטייען היינט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, ורוח הקודש אומרת כן ירבה. אן דעם וואס מען זאל גיין טוהן ראדיקאלע זאכן, ווי למשל גרויסע פינף שטאקיגע מולטי-לעוול אפארטמענט הייזער און קאנדאו'ס, מיר רעדן פשוט מ'זאל צוריקגיין צו דער זאונינג וואס איז געווען איידער מען האט געשאפן דעם ווילעדזש, אזוי ווי מיר האבן יעצט דערמאנט די אלע געגנטער, וואס דאס איז פשוט וואס דער גוי האט פארשטאנען אלע יארן און פארגינען פאר זיך אליינס.

איך בין נישט קיין אינדזשעניר און איך בין נישט קיין דעוועלאפער, אבער איך קען זאגן קלאר, אז מען וואלט געקענט בויען טויזנטער און טויזנטער הייזער, איך קען נישט זאגן קיין פונקטליכער סכום ווייל יעדער געגנט איז אנדערש, און יעדע לאט איז אנדערש, אלס ווענדט זיך ווי אזוי דער לאט איז, דער פראנט, דער בעק, די סעטבעקס, און עס איז דא נאָך פרטים, מען דארף איבערלאזן אסאך שטחים פאר ראודס, אבער בלי שום ספק, מען רעדט דא פון טויזנטער טויזנטער דירות כ"י, אפילו ווען מען זאל נאר בלויז צוריקגיין צו די ארגינעלע זאונינג געזעצן, וואס איז געווען דא אין דעם יאר 2007 איידער די גוים האבן געגרינדעט דעם ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו.

און דאס פארענטפערט די שאלה איבער דעם וואקסנדן פארלאנג

אז יעצט קען מען נישט בויען דא, ווייל מען קען נאר בויען בלויז איין הויז אויף צוויי עיקערס, און דאס איז אויף וואס מיר האבן אויפגעשטעלט דער comprehensive committee מיט וואס דער עולם איז באקאנט, וואס זיי ארבעטן יעצט איבערצומאכן בעזהשי"ת דעם גאנצן זאונינג קאוד.

**ר' יצחק עקשטיין:** איך וויל נאר צולייגן איין קליינער באמערקונג, דאָס וואס דו האסט פריער געזאגט, אז בלומינגראוו, איז נישט א זאך וואס ווערט געפירטביי א קהלה, וואס דו זאגט א מאנאפאל. עס איז נישט אונזער חיוב צו צושטעלן סופליי טעכניש פאר קיינעם נישט. ווער עס וויל קומען וואוינען קומט וואוינען, קיינער האט נישט געהייסן קיינעם פון דא קומען דא וואוינען, און יעדער איינער קומט בלויז פון זייער אייגענער ווילן.

אוודאי מען וויל עס זאל זיך אויסברייטערן, מען זאל קענען דא וואוינען, מען זאל קענען אויפציהען דא בע"ה ערליכע דורות, מען זאל קענען האבן דא קינדער און אייניקלעך דא. אבער ווען א קהלה האט א שטאט, האבן זיי א פראבלעם אז זיי דארפן צושטעלן סופליי פאר זייערע מענטשן אין זייער שטאט. אבער ביי אונז אין בלומינגראוו, אז ס'איז נישטא קיין פלאץ קען מען גיין אין וואשינגטאנוויל, מען גייט אין טאון, מען גייט אין מאנראו, מען גייט אין טשעסטער, מען גייט איבעראל, קומט אויס עס איז נישט עכט אזא גרויסער פראבלעם, קיינער איז נישט געבינדן דא צו זיין און דא צו בלייבן, מ'קען נאכטוהן דעם ביישפיל איבעראל און אויסשפרייטן אידישע ישובים עשר פעמים ככה בס"ד.

# די אַנטוויקלונגען אויפ'ן פראָנט פון נייע דעוועלאָפּמענטס

**ר' יצחק עקשטיין: לאמיר גיין צו דער קומענדיגער שאלה: מענטשן שמועסן, אז מיט דער היינט-נאכטיגער זאונינג קאנפערענץ, ווייל די "יו.דזשעי.סי." פרובירן צו קאנטראלירן דעם סופליי און דעמענד. דערנאך קומט נאך א שאלה: מען הערט שמועות אז די דעוועלאפּערס באקלאגן זיך, אז מען לאזט זיי נישט בויען ווי אזוי זיי ווילן, לויט דעם אמת'ן געברויך פונ'ם ציבור, דהיינו מער א געדיכטערע זאונינג. אויב איז עס אמת פארוואס טוט מען דאָס? אויב איז עס נישט אמת וויאזוי קען מען דאס קלארשטעלן?**

**ר' יואל שטערן:** צו ענטפערן די שאלה, די "יו.דזשעי.סי." האט זיך פארבינדן אין די פארגאנגענע חדשים, זינט מען האט איבערגעמאכט דעם פלענינג באורד און דעם זאונינג באורד, מיט יעדן איינציגן איד וואס פארמאגט דא אין דער ווילעדזש א באדייטנדער סכום פון עיקערעדזש, דהיינו שטחים וואו מען קען דעוועלאפן פראפערטי, און מיר האבן מודיע געווען פאר די אידן אז מיר שטייען גרייט, בחפץ לב סיי וואס מען וועט דארפן מצד הנהלת העיר, אז מען זאל זיך נעמען בויען הייזער תיכף ומיד.

עס זענען געווען געוויסע דעוועלאפער, וואס מען האט געבעטן פון זיי געוויסע פארלאנגען, ווי למשל עס זענען דא געוויסע שטחים וועלכע זענען זייער רייך אין וואסער, און דער ווילעדזש איז אונטער וואסער באגרעניצונגען, דעריבער האט מען געבעטן, אז זיי זאלן עפעס צושטעלן פארן ווילעדזש, דהיינו מען זאל קענען אריינעמען יענעם שטח אונטער דער ווילעדזש וואסער דיסטריקט ווען מען וועט האלטן דארט, און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטן.

פון די דעוועלאפער'ס אויפ'ן 208 האט מען געבעטן אוועקצוגעבן שטחים אין אויסטויש פאר variances דהיינו מאכן בעסערע זאונינג אנטקעגן דעם, כדי מען זאל קענען ברייטער מאכן דעם 208 און עס זאל נישט אויסקוקן ווי אנדערע צושטופטע געגנטער, אבער עס איז געווען די "יו.דזשעי.סי." וועלכע זענען געגאנגען צו יעדן דעוועלאפער, און געשטופט און געבעטן און גענודזשעט ווי מען רופט עס, זאגנדיג, נו, "ווען גיט מען זיך דא א ריר", הייבט אן ארבייטן אויף סייט פלענס, שיקט אריין, לאמיר זען וואס מ'קען דא די בעסטע אויסארבייטן.

כהיום איז נישטא קיין איין איינציגער דעוועלאפער, וואס האט אריינגעגעבן אפילו בלויז א preliminary אפליקאציע, וואס זאל עטוואס זאגן וואס זיי פלאנירן צו טוהן מיט זייער שטח. וואס יא? די אלע דעוועלאָפּערס זענען אצינד נאך פארנומען ווי אזוי זיי קענען פארברייטערן זייערע שטחים, איינקויפן נאך און נאך ארום און ארום, און וויפיל מען דערמאנט און מען בעט, מ'זאל שוין אנהייבן ארבייטן אויף דעוועלאפמענטס איז ביז דערווייל איז נאכנישט אריינגעקומען קיין איין אפליקאציע, צו די ווילעדזש פלענינג אדער זאונינג באורדס.

בנוסף לזה, איינס פון די פריאריטעטן וואס איז געווען פאר דער ווילעדזש ווען מען האט איבערגענומען די פירערשאפט, מיט בערך פופצן חדשים צוריק אין סעפטעמבער 20' דאס איז געווען עטליכע טעג פאר ראש השנה תשפ"א, האבן מיר זיך אראפגעזעצט מיט דער אינוועסטאר גרופ פון clove wood וואס דאס איז דער דעוועלאפמענט וואס האלט שוין למעשה די ווייטסטע אין פראגרעס, כדי צו זעהן וואס זיי דארפן, אז דער פראיעקט זאל זיך קענען אנהייבן רירן, און מ'זאל שוין קענען אנהייבן בויען תיכף ומיד. מיר האבן ברוך ה' אסאך גערוקט יענעם פראיעקט פאראויס, אין א משך פון צוויי חדשים האבן מיר זיי גערוקט מער ווי דריי יאר אין פראגרעס, ד. ה. זאכן וועלכע עס האט זיי פריער גענומען א גוטע דריי יאר צו ערלעדיגן, מיר וועלן נישט אריינגיין אין פרטים דא, אבער פארשידענע עיכובים וואס די פריערדיגע אדמיניסטראציע האט זיי ארומגעשלעפט, האט מען דא מסדר געווען אין צוויי חדשים.

די וויכטיגסטע פון אלעם איז געווען צו פארמאכן די פובליק הירינג אויף די DEIS דאס איז די ר"ת פון draft environmental impact statement כדי אז די דעוועלאפערס זאלן קענען ענדליך אריינגעבן זייער FEIS וואס איז דער final approval of SEQRA וואס דאס איז די לעצטע זאך פאר זיי קענען באקומען א באשטעטיגונג אויף זייער פראיעקט.

מיר האבן באקומען טעלעפאן רופן, פון אונזערע "גוטע פריינד" פון אינדרויסן, סענאטארן און אסעמבלי לייט, אן צו דערמאנען קיין נעמען, אז מיר זאלן עס נישט טוהן, ווייל עס גייט זיך נישט גוט ענדיגן, מיר זאלן נישט פארמאכן דעם פובליק מיטינג, מען זאל בשום אופן נישט לאזן רוקן דעם פראיעקט פאראויס.

די עסקנים זענען געגאנגען בניגוד, פון דער גאנצער דרוק וואס איז אריינגעקומען פון אינדרויסן אין טאון, עס איז געווען פונקט א יאר צוריק, היינט איז יאנואר 6 למספרם, עס איז געווען א יאר צוריק יאנואר 4 למספרם איז פארגעקומען א מיטינג וואס האט גענומען 2 שעה, מיט 200 באטייליגטע פון די גרעסטע שונאי ישראל וועלכע זענען געקומען פון אלע עקן, פון ראקלענד קאונטי, פון אלסטער קאונטי, פון סאליווען קאונטי, יעדער האסער און אַנטיסעמיט וועלכע האבן געקענט לאַביאירן, זענען אָנגעקומען צו יענעם פובליק מיטינג און געסטראַשעט אז זיי וועלן קלאגן דעם ווילעדזש, און זיי גייען און זיי גייען...

די אידישע טראסטי'ס, מען דארף ארויסברענגען זייער שבח, זיי זענען נאך אלע געווען ניי אין זייער אמט, זיי האבן נישט אריינגעטראכט אין וואס זיי טרעטן אריין, זיי האבן אבער געוואוסט איין זאך, מען רעדט נישט דא פון ראטעווען ביימער, מען רעדט דא פון ריכטיגע אַלט-פארצייטישער שנאת ישראל, און יענעם יאנואר 4 האט מען פארמאכט דעם מיטינג, וואס דאס האט געגעבן די גרינע ליכט פאר דער clove wood גרופ, אז זיי זאלן קענען אריינגעבן זייער FEIS און גיין ווייטער.

עס איז היינט יאנואר 6 א יאר נאָכדעם, און דער FEIS איז דערווייל נאכנישט אנגעקומען, און וויפיל מיר האבן פרובירט, צו שטופן די clove wood אינוועסטירער, זיי זאלן שוין ווייטער רוקן דעם פראיעקט, איז דאס נאך ווייטער סטאק, איך וועל נישט אריינגיין פארוואס און פאַר ווען, עס האט גארנישט דערפון א שייכות צו דער ווילעדזש אדער צו דער "יו.דזשעי.סי." אדער צו וועלכע אנדערע זאכן, עס איז א גרויסע קאמפיליצירטע אינוועסטארס גרופ, מיט אסאך אינעוויניגסטע ענינים, וואס איז נישט אונזערע געשעפטן, אבער מיר קענען נישט צווינגען קיין פראפערטי אייגענטימער, אדער דעוועלאפער צו בויען. ווי מען זאגט אין אידיש, 'מען קען נאר ברענגען דעם פערד צום וואסער, מען קען אים נישט מאכן טרינקען'. למעשה ווארטן מיר נאך אז זיי זאלן אריינגעבן דעם FEIS.

## וואָס גייט אַלץ אַריבער ביז אַ דעוועלאָפּמענט ווערט געבויעט

**די פריערדיגע תשובה איז מער ווייניגער, אז די פּלענס און די פּלענער פון די אלע שטחים וואס אידן פארמאגן, זענען נאכנישט גרייט, ווייל די פּלענס דארפן אדורכגיין די פּלענינג באורד און די זאונינג באָורד און אַנדערע לעגאַלע און טעכנישע קאָמפּליקאַציעס וועלכע פּאַרציען זיך זייער לאַנג.**

**די שאלה בלייבט אָבער, אַז מען קען דאָך טון אסאך זאכן איידער מען באַקומט דעם אפּראוועל מען קען אויסהאקן ביימער, א.א.וו. עס איז דא אסאך ארבעט וואס מען קען טוהן ביי די אלע שטחים, פּארוואס טוהען זיי דאס נישט, מען לאזט זיי עס נישט טוהן? זיי ווילן עס נישט טוהן? ווי אזוי ארבעט די זאך?**

**ר' יואל שטערן:** איך וואלט געוואלט בעטן הר"ר לוי יצחק שווארץ הי"ו, פון גרינס אוו טשעסטער, בלומינגראוו סליפינג האטעל. ער זאל מסביר זיין וואס גייט אלץ אדורך ביי א דעוועלאפמענט פון אנהויב ביז'ן סוף.

**ר' לוי יצחק שווארץ:** יישר כח פאר'ן מיר געבן די געלעגנהייט צו רעדן. ר' יואל האט מיך אנהויב וואך גערופן אז ער וויל פרעגן קשיות ווי אזוי מיר ארבעטן, ווייל אזוי ווי ער גייט אויפטרעטן פאר'ן ציבור וויל ער זיכער מאכן צו זיין גוט אינפאָרמירט.

אזוי שמועסנדיג זאגט ער מיר, אפשר קום דו עס זאגן, פארוואס דארף איך עס נאָכזאָגן... דעריבער האב איך מיר געמאכט עטליכע נאוט'ס בעיקר אויף דעם חלק וואס מיינט דעוועלאפמענט'ס היינט, ר' יואל האט שוין געזאגט, אז אסאך מענטשן פארמאגן פראפערטיס און מען האט נאכנישט אריינגעגעבן.

דער פראצעדור, פון נעמען א רויע פראפערטי און זיך זעהן בויען הייזער דארטן, זענען דא ווייניג מענטשן וועלכע האבן אן אהנונג, וואס מען דארף אדורכגיין און וויפיל צייט עס דארף אדורכגיין, צו קענען זעהן א שאוול אויף דער ערד.

די ערשטע זאך ווען א מענטש וויל בויען א פראיעקט, דאַרף ער צוערשט האבן א שטיקל געדאנק און א דיזיין וואס וויל ער בויען, ער האט הונדערט עיקער למשל, וואס וויל ער מאכן אויף די הונדערט עיקער. ווען ער האט שוין דאָס, דארף ער מאכן א סוירוועי, ער דארף גיין צו א דיזיינער און ער דארף אויסשטעלן א שטיקל מהלך.

דאס אליינס איז א פראצעדור, וואס קען נעמען חדשים, און נאכדעם דארף מען גיין צו אן אינדזשעניר, און דער אינדזשעניר הייבט אן צו זאגן, דא איז דא זייער א הויכער בארג, דא איז דא א שטיק wetland דא איז דא א וואסער און א stream און עס ארבעט נישט, מען דארף מאכן ראָודס.

דער אינדזשעניר נעמט א פלען און הייבט עס אן צו דיזיינען, באזירט אויף דיין קאנצעפט, אויף דיין געדאנק וואס דו האסט אים געגעבן, הייבט אן ער אן צו דיזיינען ראודס און גאסן, דאס איז א פראצעדור וואס דארף נעמען מינימום, ביי א גרויסע קאָמפּאַני - די קליינע לאָקאַלע פירמעס האבן ניטאמאל גענוג אַרבעטער עס צו קענען ארויסשטופן אזוי שנעל - אבער אפילו ביי א גרויסע קאמפאני, איז עס א פראצעדור וואס דארף נעמען מינימום זעקס חדשים.

ווען מען האט שוין דאס קען מען גיין צו דער פלענינג באורד, און מען קען געבן פאר דער פלענינג באורד א conceptual plan וואס אפילו אין א פריינטליכע געגנט, מיר רעדן נישט פון אנדערע טאונס, מען רעדט פון דא וואס איז אידן, און קיינער וועט נישט קומען צעשטערן יענעמ'ס פראיעקט ווייל מען האט אים נישט ליב, מען דארף אים נישט האבן דא. עס איז א פראצעדור וואס זיי דארפן עס אנקוקן און זאגן מיר ווילן דאס אדער מיר ווילן אביסל אנדערש, אפשר מאכסטו עס איבער, אבער לו יהא זיי זאגן אז זיי נעמען אן דיין געדאנק דיין קאנצעפט, און מען הייבט אן דעם פראצעדור.

**אויב דו קענסט דא געבן פאר'ן עולם ווי לאנג האט גענומען פון ווען איר האט אנגעהויבן צו ווארטן ביז עס איז געווען א שאוועל אויף דער ערד?**

**ר' לוי יצחק שווארץ:** עס איז נישט אינגאנצן א גוטער משל, ווייל "גרין אוו טשעסטער" האט מען שוין געקויפט מיט final approval און פלענס.

גרין אוו טשעסטער'ס פריערדיגער בעל הבית, האט אנגעהויבן דעם פראצעדור אין 1988 למספרם. דעמאלס האט ער אנגעהויבן צו טראכטן וואס ער וועט טוהן מיט דער פראפערטי, ער האט אנגעהויבן צו דיזיינען פלענס.

די פיינעל עפראוועלס האט ער באקומען אין 2013, וואס דאס איז געווען שוין נאך א קאמף אין געריכט. דער קאמף אין געריכט האט זיך אנגעהויבן אין '07 ווען דער קאונטי האט צוריקגעוויזן זיין cluster plan אבער נאך איידער דער געריכט קאמף האט עס גענומען פון '88 ביז '07 נאך פאר מען האט זיך צעקריגט.

מיר האבן געקויפט די פראפערטי נאוועמבער '17 און מיר האבן אנגעהויבן צו בויען אין יאנואר אדער פעברואר '18 ווי דער עולם ווייסט. ביי א געוויסער פונקט, האט פאר די גוים נישט געשמעקט אז אידן קומען אריין, און מיר זענען געגאנגען אין געריכט, מיר האבן געקלאגט, און מיר האבן געמאכט א סעטלמענט, דער סעטלמענט איז געשעהן פאראיאר פעברואר '21 מיט עלף חדשים צוריק.

עס איז געשעהן עלף חדשים צוריק, האבן מיר נאכנישט געקלאוזט

קיין איין הויז, און מיר האבן נישט אויפגעהערט צו בויען קיין איין טאג אויך נישט.

**וויפיל הייזער איז יעצט דא, עלף חדשים איז דא זינט דער סעטלמענט, און מען האט שוין געבויעט פאר'ן סעטלמענט, מען האלט יעצט מען האט אנגעהויבן 17' האט מען געקלאוזט 18' 19' 20' 21' מען האלט שוין 22' עס איז געווען א שטיקל פאנטשער אינמיטן, עס איז נישט געווען קיין לאנגע זאך... וויפיל דירות זענען יעצט דא צו פארקויפן.**

**ר' לוי יצחק שווארץ:** אפילו איך זאג דא פארקויפן דירות, קען איך נישט פארקויפן קיין איין דירה, ווייל צו פארקויפן דירות דארף מען האבן אן home owners association .

אין קרית יואל מאכט מען א קאנדא, אבער דא דארף מען האבן אן home owners association וואס אן home owners association דארף ווערן באשטעטיגט ביי דעם אטוירני דזשענעראל, און נאר צו ווערן באשטעטיגט ביי דעם אטוירני דזשענעראל גייט אריין וואכן און חדשים פון אַרבעט, מען דארף שרייבן אזא דיקער "שולחן ערוך" להבדיל פון געזעצן. מענטשן האבן געשריבן א condo book offering plan און דאס שיקט מען אריין צו דער סטעיט, און זיי שיקן צוריק קאמענטס, אז מען דארף נאכמער מאכן און נאכמער מאכן. אויסער דעם דארף מען האבן וואסער.

**ר' יצחק עקשטיין: וויפיל דירות זענען דאָ, יעצט גרייט ?**

**ס'איז בעצם שוין דאָ** פופציג דירות. אָבער בלויז עטליכע דירות זענען שוין "רעדי". ביי א געוויסער פונקט ווען דער home owners association וועט זיין פארטיג, וועלן מיר האבן צוואנציג דירות גרייט. איך האָף דאָס וועט זיין אויף פסח.

**ר' יצחק עקשטיין: די סיבה פארוואס מען האט געפרעגט די שאלה, איז נישט כדי צו טשאלענדזשן, די סיבה פארוואס מען האט געפרעגט די שאלה, ווייל זייער אסאך מענטשן פרעגן, און דאס איז אויך געווען איינס פון די שאלות וועלכע זענען אַריינגעקומען:**

**אונזער מעיאָר, מר. קאלאדזש, און די ערשטע צוויי טראסטים, זענען אריינגעקומען דא מיט 15 חדשים צוריק, און מיט א יאר צוריק זענען אריינגעקומען נאך צוויי טראָסטים. בערך א יאר צוריק האט מען געטוישט דעם גאנצן פלענינג באָורד און דעם גאנצן זאונינג באָורד.**

**מענטשן וואס זענען נישט באַהאַוונט - איך בין אויך איינער פון די איך בין נישט באהאוונט אין קאָנסטראָקשאָן - פרעגן, פארוואס נעמט עס אזוי לאנג, מיר זענען שוין דא אין ווילעדזש, עס איז אלעס אידן, און עס איז אלעס אידן וועלכע זוכן נישט צו שטערן קיינעם, עס זענען אידן וועלכע ווילן עס זאל ווערן דעוועלאָפּמענטס, אויב אזוי פארוואס אין דער וועלט איז נאך נישטא קיין דירות ? פארוואס קען מען נאר יעצט קויפן אין בלומינגראוו דירות וועלכער זענען אלט פערציג-פופציג יאר ? פארוואס בויעט מען נישט ?**

**איינס פון די תירוצים, אפילו מיר זאלן נעמען** clove wood **וואס איך האלט אז עס איז זייער א שלעכטער משל, ווייל איך ווייס נישט צו דער עולם ווייסט,** clove wood **דעוועלאפמענט אליינס איז גרעסער ווי גאנץ קרית יואל, אויב אזוי שטעלט אייך פאר אז מען וויל נעמען א שטח וואס איז אזוי גרויס ווי גאנץ קרית יואל, און גרעסער, און מען וויל זיך אנהייבן ארומשפילן צו דעוועלאפן די פראפערטי, וואס קרית יואל האט געדויערט אויפצובויען פערציג יאר, שטעלט אייך פאר, ווי לאנג דאס גייט נעמען, צו אויפבויען** clove wood **דעוועלאפמענט, אפילו ס'איז שוין דאָ אַלע אפראוועלס וועט עס אויך נעמען א גוטע פיר פינף יאר ביז ער וועט האבן א הויז גרייט צו קלאוזן.**

**ר' לוי יצחק שווארץ:** איך קען נישט רעדן פון קיין שום ספעציפישע דעוועלאפמענט, ספעציעל נישט פון קיין אנדערע דעוועלאפערס, אבער וואס איך האב יא געוואלט ארויסברענגען, אויף דעם פונקט וואס דו זאגסט אז מענטשן פרעגן פארוואס בויעט מען נישט, הלמאי מיר זענען דאך בעל הבית דא.

ווייל איך אבער ארויסברענגען א פונקט, אז כאטש די ווילעדזש פלענינג באורד, און די ZBA און דער ווילעדזש באורד האבן זייער אסאך מאכט צו באשטעטיגן אדער צוריקווייזן דעוועלאפמענטס, אבער ווען מען רעדט פון צייט, ביז א דעוועלאפמענט ווערט באשטעטיגט, איז דער חלק פון דער ווילעדזש וואס דאס דארף מען אויך אדורכגיין איז זייער א קליינער חלק וואס דער דעוועלאפער דארף אדורכגיין, כדי צו קענען זעהן די שאוועל אויף דער ערד.

אזוי ווי איך האב אנגעהויבן, א מענטש האט א קאנצעפט, און דער ווילעדזש איז מסכים צו דער conceptual plan איז די ערשטע זאך וואס דער ווילעדזש וועט טוהן איז, מיר גייען הייסן מאכן א SEQRA וואס דאס איז די ראשי תיבות פון state environmental quality review act וואס טייטש ווען א מענטש וויל בויען א פראיעקט, און ער וויל קענען בויען דארף מען איבערקוקן און מאכן שטודיעס (studies)אויף דער ענווייראמענט, וואס ווערט אריינגערעכנט אין דער ענווייראמענט, זייער אסאך זאכן [דאס איז געזאגט געווארן ביי יעדער זאך וואס רופט זיך א major development] עס רעכנט אריין טרעפיק, סקול באסעס, סקולס, ענווייראמענט, אויב עס איז דא א טוירטל אדער א שלאנג אדער עפעס וואס קען זיין א סכנה, אא"וו פוהל מיט שטודיעס וואס עס דארף אדורכגיין.

יעדע שטודיע האט זיך זיין צייט פון יאָר. פאר סקול באסעס קען מען דאך נישט מאכן קיין שטודיעס זומער ווייל עס זענען נישט אפן קיין סקולס, טרעפיק קען מען יא קוקן זומער ווייל עס איז דא דעמאלס מער טרעפיק, א.א.וו. דאס איז אלעס פארלאנגט ביי דער סטעיט. דאָס זעלבע מיט סוער און וואסער, אויב עס איז דא גענוג וואסער אין דער גראונד, זאכן וועלכע האבן באמת נישט קיין שייכות מיט דער לאקאלער מוניציפאליטעט, חוץ פון דעם וואס זיי דארפן עס איבערקוקן אויב דו האסט טאקע גוט געמאכט לויט די געזעצן פון דער סטעיט.

דעריבער איז דער מציאות אַז א SEQRA דארף צו נעמען מינימום א יאר, אויב יעדער איז מסכים מיט אים. מען שרייבט אן SEIS א DS און א דרעפט, וואס דער קלענסטער דרעפט איז גרויס ווי להבדיל פיר בענדער גמרא, עס איז זעקס זיבן אינטשעס דיק אזא בוך.

לאמיר זאגן אז יעדער איז מסכים. הייבט מען אן צו פרעגן וואס טוט זיך מיט סוער און וואסער, איז דא סוער און וואסער? אויסער אויב איינער וויל בויען א הויז אויף דועלק, אדער אויף ווירדזשיניע, וואו עס לויפט שוין אדורך א sewer main אדער א water main אָבער געווענליך האָט קיין איין פראפערטי נישט קיין סוער און נישט קיין וואַסער, עס איז נישטא אזא זאַך.

דארף מען אריינשלעפן א sewer main וואס אויף דעם דארף מען באקומען DEC באשטעטיגונג. דאס איז שוין ווען די טאון אדער די ווילעדזש האט סוער.

עס איז כמעט נישט דא היינט א טאון, וואס האט גענוג סוער,

צו קענען אונטערשטיצן גרויסע דעוועלאָפּמענטס. דעריבער דארף דער ווילעדזש צובויען נאך א סוער פלענט, אדער דארף דער דעוועלאפער בויען א סוער פלענט, און פול מיט אזעלכע זאַכן.

עס איז דא streams אויף די פראפערטי מען דארף crossline א stream יעדע איינס פון די זאכן דארף באקומען א DEC באשטעטיגונג, א DEC באשטעטיגונג נאך פאר קאוויד, איז א מינימום פון א צוויי יאר פראצעדור. עס געדויערט צוויי יאר אדורכצוגיין זייער סיסטעם, זיי זאלן עס איבערקוקן, און געבן קאמענטס, און צוריק קומען, דאס איז א מינימום פון צוויי יאר.

אויסער DEC קומט צו army corps, ווי לדוגמא, ווען איינער ווייל קראסן א stream, כמעט יעדע פראפערטי האט א stream, עס איז כמעט נישטא קיין פראפערטי וועלכע האט דאָס נישט, ספעציעל דא אין אפסטעיט, וואו עס זענען דא שיפע פראפערטיס. דארף מען באקומען באשטעטיגונג פון דער army corps, וואס נארמאל פלעגט עס נעמען זעקס חדשים, אבער זינט קאראנע, איז נישטא קיין army corps עס איז אפגעשפארט. דעריבער ווען זיי גייען זיך עפענען, מען ווייסט נאכנישט ווען, גייען זיי אנהייבן וואו זיי האלטן ביי מערץ '20, קומט אויס א ציפער אויף דעם קען מען בכלל נישט אראפלייגן.

נאכדעם איז דא וואסער, דער ווילעדזש האט א וואסער סיסטעם, וואס קען נישט אויסהאלטן קיין גרעסערע דעוועלאפמענטס, דעריבער אדער דאַרף מען - ווי ר' יואל האט שוין פריער געזאגט - שאפן מער וואסער פאר דער ווילעדזש, וואס דעמאלס דארף דער ווילעדזש אדורכגיין דעם פראצעדור פון צולייגן נאך קוועלער, וואס דאס דארף אויך אדורכגיין דער DEC און דער גאנצער מעשה.

**ר' יצחק עקשטיין: איינער פרעגט א שאלה, דו ביסט מסביר פאר'ן עולם אז די גרויסע דעוועלאפמענטס דארף האבן צופיל רעגירונג באשטעטיגונג, פארוואס לוינט זיך נישט פאר א דעוועלאפער צו נעמען א גרעסערע פראפערטי און עס צו צעטיילן אין קלענערע פאזעס, subdividing די פראפערטי, און אזוי פארמיידן SEQRA.**

**ר' לוי יצחק שווארץ:** די אלע זאכן דארף מען טוהן ווען מען וויל צעטיילן די פראפערטי, מען קען נישט בויען קיין פראפערטי, נאר ווען מען מאכט א סוב דיוויזשאָן, אבער כדי צו מאכן א סוב דיוויזשאן דארף מען אדורכגיין דעם גאנצן פראצעדור.

**איינער פרעגט אויפ'ן טעלעפאן ליין, פארוואס אין קרית יואל איז נישטא די אישו פון SEQRA, פאַרוואָס פאר אונז דארף מען עס האבן וואס אין אנדערע פלעצער איז עס נישט דא.**

**ר' לוי יצחק שווארץ:** דער תירוץ אויף דעם איז עס איז יא דא אין קרית יואל, ווען איינער וויל בויען איין בילדינג, אפילו ווען עס זענען וואוינען דארט פערציג מענטשן, און עס איז דא אויף דער גאס אין פראנט פון דעם א סוער ליין און water main קען מען בויען, אזוי ווי איינער וואס וויל בויען אויף דועלק, וואס דעמאלס דארף ער נישט אדורכגיין דעם פראָצעדור. אבער דא רעדט מען דאך פון בלומינגראוו, וואס אין בלומינגראוו בויעט מען דאך נישט קיין פערציג יוניטס אין א בילדינג, ממילא האסטו גארנישט אויפגעטוהן.

**ר' יצחק עקשטיין:** א בילדינג אויף סאטמאר דרייוו קען טאַקע בויען ווייל סאטמאר דרייוו האט מען שוין געבויעט מיט יארן צוריק, וואס איז שוין דעמאלס געווען SEQRA און אנדערע זאַכן. אבער א היינטיגע פראַפערטי, אזוי ווי שכונת ויואל משה, האט ער אויך געדארפט גיין צו SEQRA און עס האט זיך טאקע אויפגעהאלטן א לאנגע צייט.

**ר' לוי יצחק שווארץ:** צוריק צום ענין. מען האט שוין געענדיגט די צוויי יאר וואס מען איז געזעסן ביי דערDEC און מען האט שוין באשטעטיגט די אלע שטודיעס פאר דער סוער און פאר דער וואסער, DEC האט געגעבן זייער באשטעטיגונג. דארף מען יעצט גיין צו דער קאונטי, די קאונטי דארף באשטעטיגן די קוואליטעט פון די וואסער.

די קאונטי קוקט נישט אן דיין אפליקאציע איידער דו האסט אן ענדגילטיגע באשטעטיגונג פאר די אלע אנדערע זאכן, פאר דיין סוער און פאר דיין וואסער, קומט אויס דו ביסט אדורכגעגאנגען צוויי יאר פון דעם, ביסט אדורכגעגאנגען זעקס חדשים פון פלענינג, עס איז דא פלעצער וואו מען דארף יא מאכן א פובליק הירינג, עס איז דא פלעצער וואו מען דארף נישט מאכן קיין פובליק הירינג, אויף דיין conceptual plan מען איז געגאנגען צו דער קאונטי און אין דער קאונטי געדויערט 4 צו 6 חדשים צו באשטעטיגן די קוואליטי פון די וואסער, זיי דארפן מאכן טעסטס וואס עס ליגט אין די וואסער, אויב עס ליגט מער זאכן ווי נארמאל.

מען האט שוין באקומען באשטעטיגונג פון דער קאונטי, מען האלט שוין בערך דריי און א האלב יאר, דעמאלס גייט מען צוריק צום פלענינג באורד, דעמאלס קומט מען צוריק, צום ווילעדזש אוו בלומינגראוו פלענינג באורד, עס איז היימישע אינגעלייט, און זיי זעהען מיין פלאן, און אויב זיי זענען מסכים צו מיין פלאן איז גוט, און אז נישט, וואס עס איז זייער א נארמאלע זאך אז זיי זאלן נישט מסכים זיין צו דעם פלאן אזוי ווי עס איז. ער קען דיר זאגן, דער ראוד איז טויזנט פוס לאנג, און עס האט א דעד ענד. עס האט נישט קיין זין, צו מאכן טויזנט פיס לאנג פאר א דעד ענד, פארוואס זאל עס נישט זיין זעקס הונדערט פוס לאנג, מען באקומט זייער נארמאלע קאמענטס, וואס עס ליגט נישט קיין שום שלעכטיגקייט דערין, און יעדעס מאל וואס ער גיבט דיר אזא קאמענט, דארפסטו אויף די נעקסטע פלענינג באורד מיטינג זיך אדורכקומען. און אז מען איז זיך שוין יא אויסגעקומען. דארף מען מאכן א פובליק הירינג, וואו יעדער איינער קען געבן קאמענטס, און בלויז "ביי דעפאלד" דארף עס נעמען עטליכע חדשים, עס ליגט נישט קיין שום שלעכטס דערין, ווען מיר האבן באקומען א באשטעטיגונג פאר sleep in צו בויען א זאל, האט עס גענומען 3-4 חדשים ביי פלענינג.

**ר' יצחק עקשטיין: האסט דערמאנט דעם זאל, איך האב נישט געפלאנט צו רעדן דערפון, אבער היתכן עס איז דא א זאל באשטעטיגט און מען בויעט עס נישט.**

**רבי לוי יצחק שווארץ:** נאכדעם וואס מען האט באשטעטיגט דעם זאל, דארף מען מאכן פלענס און עס ארייגעבן אין דער בילדינג דעפארטמענט, און דער בילדינג דעפארטמענט דארף באשטעטיגן דעם זאל.

דער דייבינג באורד באשטעטיגט פאר א סייט פלען, א סייט פלען, איז אן outline פון א בנין, דו גייסט עס בויען אזוי ברייט אזוי טיף, דאס טוען זיי באשטעטיגן, פארשטייט זיך ווער דארף עס אדורכקוקן, ווער גייט געבן א storm order עס זענען דא זאכן וואס דער פלענינג באורד קומט, אבער דער למעשה'דיגער בנין דאס באשטעטיגט דער בילדינג דעפארטמענט, און דער בילדינג אינספעקטאר.

דאס אליינס, איך ווייס נישט אויב דער עולם האט געזעהן די פלענער, עס זענען ארומגעפארן בילדער, עס איז נאכנישט ענדגילטיג אבער אזא בילדינג איז נישט קיין גרינגער פראצעדור, עס ליגט ביים ארכיטעקט און מען ארבעט דערויף, און מיר האפן בקרוב ועט מען קענען אנהייבן צו בויען, אבער נישט פאר דעם זענען מיר דא היינט.

**רבי לוי יצחק שווארץ:** רוב טאונס, איך האף דא וועט עס נישט געשעהן, אבער אין רוב טאונס, ווען דו וועסט זאגן, דיין SEQRA איז שוין געענדיגט געווארן צוויי יאר צוריק, מען האט געמאכט טוישונגען

מען איז געגאנגען צו דער העלטה דעפארטמענט, מען איז געגאנגען צו סוער, מען האט פון יעדן איינעם באקומען נאך באשטעטיגונגען, DEC עס האט גענומען נאך צוויי יאר, זאגן זיי דיינע שטודיעס זענען שוין אביסל אלט, מען דארף מאכן א supplemental... אויב מען וועט עס טוהן וועט עס נעמען נאך עטליכע חדשים.

דער פלענינג באורד האט באשטעטיגט דעם סוב דיוויזשאן, און מען קען נאך אלץ נישט בויען, מען דארף גיין צו דער קאונטי פיילן a realty subdivision plan די קאונטי דארף אויך באשטעטיגן a realty subdivision plan נאכדעם וואס דער פלען איז באשטעטיגט, דאס אליין איז א פראצעדור פון א גוטע פיר-פינף חדשים, איך ווייס נישט אויב איינער האט שוין צוזאמגערעכנט, וויפיל צייט עס נעמט אלעס צוזאמען, נאך די פיר-פינף חדשים, ווען מען האט שוין די ענדגילטיגע באשטעטיגונג, דאן קען מען אנהייבן צו בויען.

כדי מען זאל קענען אנהייבן צו בויען דארף מען גיין צו דער ווילעדזש באורד און דער מעיאר דארף סיינען מען דארף באקומען באשטעטיגונג פון זיין באָורד.

נאכדעם איז דא א זאך וואס רופט זיך אן NI א notice of intent מען שיקט אריין פאר דער DEC אז מען גייט אנהייבן דער פראצעדור וואס מען האט באשטעטיגט מיט עטליכע יאר צוריק, און יעצט גייט מען למעשה אנהייבן צו ארבעטן, און מען דארף זיי צו וויסן טוהן דערפון, און זיי האבן דרייסיג טאג צו זאגן ניין איך בין נישט מסכים.

ביז דרייסיג טאג געווענליך זאגן זיי גארנישט, און אויב האבן זיי גארנישט געזאגט, דאן קען מען אנהייבן צו בויען. צו בויען הייזער.

מען האט פריער געזאגט אז אין קרית יואל זעהט מען ווי מען בויעט הייזער נאך איידער עס איז דא אינפראסטרוקטור. אבער רוב מאל האט עס נישט קיין זין צו בויען הייזער, ווייל מען קען זיצן יארן מיט הייזער וואס זענען אויפגעבויעט, און מען קען גארנישט טוהן, ווייל כדי אז אראנדזש ענד ראקלענד זאל אריינקומען ברענגען געז און לעקטער, ווילן זיי זעהן אז מען האט געלייגט curbs אויף די ראודס, און צו לייגן curbs דארף שוין זיין סוער, וואסער drainage אא"וו.

איך האב נישט געמאכט קיין סך הכל, אבער אויבנאויף ווען מען קוקט אויפ'ן חשבון, דארף נעמען פיר פינף יאר ביז מען זאל אנהייבן צו זעהן הייזער וועלכע זאלן אנהייבן געבויעט צו ווערן. אזוי ווי איך האב געזאגט פריער, אז ווען מען רעדט פון טשעסטער, דארף מען האבן אן HOA פרעצעדור, כדי מען זאל קענען לעגאל פארקויפן.

**ר' יצחק עקשטיין:** א גרויסן יישר כח ר' לוי יצחק.

**ר' לוי יצחק שווארץ:** איך וויל פשוט צולייגן איין נקודה דער חילוק, קרית יואל האט א סוער דיסטריקט, וואס ווען עס הייסט אז עס גייט זיין סוער, עס גייט נעמען דריי יאר פינף יאר, זיבן יאר, צען יאר, קיינער ווייסט נישט ווי לאנג, אבער זיי זענען פארפליכטעט צוצושטעלן פאר יעדן איינעם סוער.

ווען מען הייבט אן צו בויען אין קרית יואל, נעמט מען א ריסק, אז עס קען נעמען פינף יאר, צען יאר, אבער מיט דעם אלעם ווייסן זיי, אז ביי א געוויסער פונקט, וועט זיין סוער אין קרית יואל.

אָבער אין אַנדערע געגנטער ווען אַ דעוועלאָפּער הייבט אן בויען, דארף ער מאכן זיכער איידער ער הייבט אן בויען אז ער וועט האבן סוער, ווייל עס איז דא א מעגליכקייט, אז ער זאל בכלל נישט האבן קיין סוער, צו זיין סוער פלען זאל נישט ווערן באשטעטיגט, אדער עס איז נישטא קיין capacity, דעריבער איז עס נישט דער זעלבער מציאות ווי אין קרית יואל.

דאָרט ווען א דעוועלאפער הייבט אן צו בויען, אפילו ער האָט נישט קיין סוב דיוויזשאן איז דא אן אחריות אז סוף כל סוף וועסטו האבן סוער, אָבער דא קענסטו נישט באקומען קיין סוב דיוויזשאן באשטעטיגונג, ווייל עס קען זיין אז דו וועסט קיינמאל נישט באקומען קיין סוער, און דאס איז א גרויסער חילוק צווישן קרית יואל און בלומינגראוו.

**ר' יצחק עקשטיין:** א גרויסן יישר כח. אסאך קלוגשאפט געלערנט היינט, דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט מצליח זיין סיי אין טשעסטער און סיי אין בלומינגראוו.

**איינער האט אריינגעשיקט א שאלה, איבער דער דורהאם, וויפיל פארקינג עס וועט זיין ביי דער דורהאם.**

**רבי לוי יצחק שווארץ:** צוועלף עיקער.

**ר' יצחק עקשטיין:** איינער האט אריינגעפרעגט, הא גופא קשיא, אויב עס איז א אידישע ווילעדזש, א אידישע פלענינג באורד, א אידישע סי. בי. עי. פארוואס קען מען נישט דא מאכן מיטינגס און מען זאל נישט מוזן אדורכגיין אלע פובליק זאכן, מאך עס איינס צוויי, און פארטיג, וואס זענען די אלע דרייסיג טעג, מען דארף פינף טאג צו שיקן אין דער פאסט.

דער ענטפער איז עס איז פארלאנגט ביי דער סטעיט, און דער ריכטיגער ענטפער איז ספרינג וואלי יוכיח, און מיר ווילן נישט עס זאל אריינקומען דא. זיי קענען לייגן א hold אויף דעם פראיעקט. אבער בכלליות דארף מען וויסן, אז די אלע זאכן וואס מען טוט, פלענינג, סי. בי. עי. בילדינג דעפארטמענט, מענטשן קוקן עס אסאך מאל אן אז עס איז שלעכטיגקייט, גיב א פערמיט, מאך דיך נישט נאריש, סעטל.

מען דארף אבער וויסן, עס איז דא אין שכינות אין די נייעס, עס איז נישט קיין סוד, אין ספרינג וואלי, איז אריינגעקומען די סטעיט פלענינג דעפארטמענט, ווייל זיי האבן געזעהן אסאך deficiencies , עס איז געשעהן נאכדעם פייערס ביי נוירסינג האומס, עס איז זייער נישט קיין געשמאקע זאך, וויפיל מען קען יעצט טוהן גייט מען דעמאלס גארנישט קענען טון לכאורה.

## די הימל שרייענדע שטייגענדע פרייזן אין בלומינגראוו

לאמיר אַצינד אַדרעסירן די צעטלעך וואס מען האט געהאנגען פאר די היינט נאכטיגער אסיפה, איבער די פרייזן פון בלומינגראוו.

דער מציאות איז איבער די פרייזן, איך האב געקויפט דא א הויז פאר זעקס יאר צוריק, איך האב געצאלט פאר מיין הויז, 350 טויזנט דאלאר, ווען איך וואלט געוואלט אוועקמופן, קען איך פארקויפן מיין הויז פאר קרוב צו א מיליאן דאלאר, עס מאכט נישט קיין טראפ סענס. וואס גייט דא פאר?

מיר אלע וואוינען שוין דא, און רוב פון אונז האבן שוין געקויפט הייזער אין וועלכע מיר וואוינען, דער עיקר מענטשן וועלכע באקלאגן זיך דערויף זענען מענטשן וועלכע וואוינען נאכנישט דא, עס זענען דא דא אויך מענטשן וועלכע זענען רענטערס, און ווילן קויפן א הויז, און זיי וואוינען שוין דא, זיי זענען אריינגעגלידערט אין דער קאמיוניטי, און זיי ווילן זייער שטארק קויפן און עס איז זייער טייער. עס איז זייער ווייטאגליך.

דעריבער די ערשטע שאלה וואס איך האב באקומען אויף

**דעם נושא איז געווען פארוואס טאקע צאלן געוויסע מענטשן אזוי סאך געלט כדי צו קויפן קליינע match box הייזער אין בלומינגראוו, ווייסן זיי עפעס וואס מיר ווייסן נישט? איך וויים נישט צו די שאלה איז פאר ר' יואל, צו די שאלה איז פאר'ן עולם, אויב איינער האט אן ענטפער זאל ער מיר ביטע ענטפערן, איך וויים נישט, דו ווייסט?**

**ר' יואל שטערן:** ניין, איך האב אויך נישט קיין ענטפער דערפאר.

**ר' יצחק עקשטיין:** דער תירוץ איז סופליי ענד דימענד.

**ר' יואל שטערן:** סופליי ענד דימענד, איז א לייכטער תירוץ, מען גיט א ווארף א טערמין, סופליי ענד דימענד, די שאלה איז וואס טוט אונטערטרייבן סופליי ענד דימאנד.

לאמיר נעמען א משל, פאר וויפיל קען איך פארקויפן דעם הוט, וויפיל איך קען? איך וועל דיר זאגן פאר וויפיל איך קען, פאר וויפיל מען איז גרייט צו צאלן דערפאר. עס איז דא אזא זאך וואס לאמיר זאגן אז דער בעש"ט הק' איז געגאנגען מיט דעם הוט, איז דא א געוויסער קלייענטעל דערפאר, וועלכע גייען פאר אנטיקן, ספעציעל פאר דער קדושה, עס זענען דא גרויסע לייברעריס, וואס פארקויפן כתבים מיט ספרים.

אבער דא רעדט מען נישט פון די זאכן, עס איז נישט א טייערער מעטאל, אזוי ווי יעדער פארשטייט אז אן אונס גאלד איז טייער, אן אונס זילבער איז טייער, פארוואס צאלט א מענטש דא די הימל שרייענדע פרייזן, אזוי ווי יצחק האט געזאגט פאר שוועבעלעך פושקעס, וואס איז דער פסיכאלאגיע הינטער דעם, פארוואס איז דאס, און ווער קאנטראלירט עס, און ווער קען עס אראפברענגען.

ווער עס איז שולדיג איז דא א גאנצע ליסטע, איך וועל אנהייבן פותחין בכבוד אכסניא, דער זמיגראַדער רבי זאל זיין געזונט, ווען איך בין געווען ביי אים פאר סוכות אנצואווואונטשן פאר יום טוב, האט ער אונז פארגעהאלטן, אז מענטשן באשולדיגן אים, אז ער איז שולדיג אין די הויכע פרייזן ווייל ער איז דא אהער געקומען, און אזוי ווי ער איז דא אהער געקומען, זענען די דירות געווארן טייערער...

איך זאג אייך ווארט ביי ווארט וואס דער זמיגראַדער רבי האט אונז געזאָגט. ער האָט זיך געשפירט זייער געטראפן דערפון, ער האט געזאגט, איך בין עפעס א ריעל עסטעיט מענטש, וואס ווילן מענטשן.

עס איז געווען זייער אינטערעסאנט צו הערן אזעלכע ווערטער פון אים, און איך האב אים געזאגט, אין אמת'ן אריין איז דער רבי טאקע שולדיג אין די גאנצע זאַך. איך וויל זאגן פאר'ן רבי'ן וואס נאך דער רבי איז שולדיג, דעם קומענדיגן מאל וואס דער רבי קומט אויף שבת און אויף יום טוב זאל דער רבי קומען פריער, און ער זאל זיך אפשטעלן אויפ'ן 208 און זעהן וויפיל הונדערטער, הונדערטער קינדער צאן קדשים, קומען פון חדר און פון סקול, דער רבי איז שולדיג אין דעם אויך... האט ער הנאה געהאט.

מיר האבן דעמאלס גערעדט, וואס קען מען טוהן, זיך ארויסציהען גיין אהער און גיין אהין סופליי ענד דימענד, מען האט אים דעמאלס געטראגן אויף "בארנס ראָוד" איך וויל נישט פארקריכן פון דער זאך. עס איז דא א גאנצע ליסטע פון שולדיגע, דער ווילעדזש איז שולדיג, די דעוועלאפער'ס זענען שולדיג, דער יו. דזשעי. סי. איז שולדיג, אלע מיני תירוצים. דער עכטער תירוץ איז אזוי ווי מען האט גערעדט פריער, דער הוט איז ווערד מאקסימאל, וויפיל איינער איז גרייט צו צאלן דערפאר, עס איז לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב, איך קען נישט פארקויפן דעם הוט פאר מער ווי צוויי הונדערט דאלאר, קיינער קויפט עס נישט אפ פאר מער ווי דעם, און פאר דעם אויך נישט.

מענטשן האבן געבויעט געוויסע בנינים אויף וויפיל זיי האבן זיך פארגעשטעלט אז א פראפערטי גייט זיין ווערד, אן קיין שום צעטל, און אן קיין שום גאראנטי מיט'ן מויל, אויף סיי וואס, אבער אזוי ווי דא איז אזא גוטער געגנט, טוהען מענטשן וואס האבן גארנישט מקריב געווען דא, וואס זיי זענען גראדע נישט גרייט, זיך ארויסצוציהען און זיך אביסל אויסשפרייטן און שוויצן פאר זייער אייגענער טובה, די מענטשן ווילן קומען צו שולחן עורך און זיי זענען גרייט צו צאלן דערפאר א פרימיום.

עס איז וויכטיג ארויסצוברענגען, ווען מען רעדט פון דעוועלאפערס, אינוועסטארס, און בראוקערס, וואס איז דער חילוק צווישן א שוסטער, און א דאקטאר, און א בראקער, און א טראק דרייווער, יעדער פון זיי שטייט אויף פריה און גייט צו דער ארבעט, עס איז באמת נישט קיין שום חילוק, יעדער פון זיי האט איין מטרה ווען ער גייט אינדערפרי צו דער ארבעט, כדי צו מאכן פרנסה, און ווי מער אלץ בעסער.

דער דזשאב פון יעדער פון די סארט מענטשן איז צו מאכן געלט כשר געלט. זיי אדווערטייזן זיך פאר וואס זיי טוהען, דאס איז זייער אויפגאבע, און א בראוקער וואס וועט פארקויפן א הויז, פאר ביליגער וויפיל ער קען עס פארקויפן איז אן ערנסטער נאַר, זייער פשוט, דאס איז זיין פרנסה, פארוואס זאל ער עס אוועקגעבן פאר א צווייטן. ער איז זיך נישט געגאנגען בארגן ביי קיינעם, ער איז נישט געגאנגען אוועקנעמען פון קיינעם.

ווייטער דער היים אייגנטימער, צו דער דעוועלאפער, צו דער אינוועסטאר, ער האט א געשעפט דא, איך וויל וויסן ווער אין דער ווילעדזש האט געקויפט א הויז, אין די פארגאנגענע פופצן יאר, און ער איז עס גרייט אויפצוגעבן, נישט מיט קיין פארלוסט און נישט פאר קאסט פרייז, נאר פארקויפן מיט צען פראצענט ריווח, ברענגט מיר דעם מענטש אהער, דער ענטפער איז אז עס איז נישטא קיינער, עס איז זייער פשוט. א מענטש האט געקויפט א זאך, צו איז עס כדי צו נוצן צו איז עס פאר אן אינוועסטמענט, ער האט עס געקויפט דייקא פאר דעם, און ער איז האדם העושה בתוך שלו, ער האט אלע רעכטן, שולדיג זענען די צאלערס. ווער עס באצאלט פאר דער פראפערטי, ער טרייבט ארויף די פרייז.

אן אחריות'דיגער מענטש, און עס איז דא אזעלכע וואס האבן עס געטוהן, וועלכע קויפן פראפערטי פאר דעם, איינער וואס איז גרייט צו שוויצן, און אויפטוהן אביסל פאר זיך פאר זיינע שכנים, פאר אידישקייט, וועט טראכטן וואס זיין שריט איז, ווען ער באצאלט יעצט כך וכך פאר א הויז, וואס דאס גייט טוהן פאר זיין חבר פאר זיין שכן, פאר'ן ברודער, אין דער גמרא רופט מען עס מייקרים את השער.

דער דעוועלאפער, און דער אינוועסטאר, קען מיט זיין בעסטן ווילן נישט פארקויפן זיין פראפערטי, אויב האט ער נישט קיין קויפער. אז עס וועלן נישט זיין קיין קויפערס וועט דער מארקעט אראפגיין, א גרויסער חלק דערפון איז, און דאס קומט צוריק צו סופליי ענד דימענד, אז עס איז נישטא יעצט קיין נייע דירות.

אבער דאס איז נישט קיין שום ספק, אז אביסל ארויסציה פון כמעט יעדער זייט פון דעם ווילעדזש, סיי צו עס איז אין דער ווילעדזש, צו נעבן דער ווילעדזש, צו אין טאון, זענען דא מער ווי גענוג, סופליי און סופליי אויף גאסן וועלכע זענען געאייגנט פאר אידן, מען וואוינט נישט אפגערוקט איינער פונ'ם צווייטן דריי פיר עיקער גערוקט, וואס עס פארלאנגט זיך בסך הכל אביסל מסירות נפש.

דא זיצן א פיר-פינף בראוקער'ס ביים טיש, מען קען צוגיין צו די בראוקערס, עס זענען דא גענוג און נאך הייזער וועלכע זענען ממש א שפאן ארויס וואס יעדער קען קויפן, נאר קיינער וויל נישט שוויצן.

די פארקויפער וועלן זיין מער ווי פרייליך, צו פארקויפן די הייזער

דארטן, דער סופליי איז דארט גענוג, עס זענען נאר נישטא די קונים. און יעדער פארשטייט, איך וועל נאר נעמען א משל, דארט שטייט א אינגערמאן, ר' ישעי' בראַך הי"ו, וואס ער איז געווען דער נחשון אויף דער ווירדזשיניע עוועניו געגנט. און ווען ער איז געגאנגען שבת צופרי אין בית המדרש האט ער געדארפט קלעטערן ביז דער קאזשניצער שוהל.

**ר' יצחק עקשטיין:** ער האט אריינגעמופט אין קרית יואל, יעדע וואך.

ר' יואל שטערן: דאס האב איך שוין נישט געוואוסט, אבער ווען ער איז יא דא געווען די ערשטע שבתים האט מען אים דערשראקן מיט דער קאר, עס קומט זיך פאר דעם אינגערמאן אסאך קרעדיט, ער איז נישט געווען סעלפיש, און ער האט געמאכט א קלוגער פינאנציעלער באשלוס, אויסער וואס ער האט געמאכט א רוחניות'דיגער באשלוס, האט ער געמאכט א באשלוס וואס האט געהאלפן בויען די שטאט.

עס פארלאנגט זיך נאך אזעלכע מענטשן וועלכע האבן דעם ארגינעלער בלומינגראווער מענטאליטעט. די סארט מענטשן, וועלן אין דעם קורצן טערמין, לינדערן דעם מצב אין וועלכן מען שטייט יעצט.

**ר' יצחק עקשטיין: איינער האט געפרעגט, עס איז אמת אז די עסקנים אין בלומינגראוו פרובירן צו קאנטראלירן דעם מארקעט פרייז, זיי מאכן אפ, דער זאל קויפן קודם און דער נאכדעם. וואס קענט איר באשטעטיגן?**

**ר' יואל שטערן:** די יו. דזשעי. סי. אדער דער ווילעדזש, ווי אזוי מען וויל עס אנרופן, איז נישט אין דער דעוועלאפמענט ביזנעס, כהיום איז נישטא קיין איין אפליקעישאן וואס זאל אפילו קענען ווערן צוריקגעוויזן, עס איז אלעס פובליק אינפארמאציע, און איינער וואס גיט אייך אן אפליקאציע פאר סיי וואס, צו עס איז פאר אן עקסטענשאן, צו פאר א נייע הויז, קען מען אריינרופן אין ווילעדזש האל, און לויט'ן געזעץ דארף דער ווילעדזש ארויסגעבן יעדער דאקומענט.

דער ווילעדזש האט נישט קיין שום אגרימענט מיט קיין שום דעוועלאפמענט, אויף סיי וואס, חוץ פון דעם אז מיר טוהען צואיילן אויף ווי ווייט מעגליך, אז מען זאל קענען אנהייבן צו בויען.

דא איז נישט קיין געגנט וואס האט געוויסע קהילה'ישע אינטערעסן, וויאזוי צו קאנטראלירן, יעדער איז ווערלקאם צו קומען און בויען וויפיל ער וויל כל זמן עס איז אויסגעהאלטן נארמאל און אידישליך.

**ר' יצחק עקשטיין: פארוואס זאגט מען אז איידער דער 'קאמפּראהענסיוו פלען' איז גרייט קען מען נישט אנהייבן צו בויען, און דערווייל הערט מען כסדר עפּראוולס.**

**נישט לאנג צוריק האט מען באשטעטיגט א נייע חתונה זאל, שפעטער האט מען געהערט אז מען גייט בויען א נייער ביזנעס סענטער, וויזשניץ האט געבויעט הערליכע בנינים פאר זייער ישיבה, דא הערט מען אז זיי גייען בויען א נייער שיכון, ווי אזוי קען זיין אז דאס אלעס איז געווארן באשטעטיגט נאך איידער דער קאמפּראהענסיוו פלען.**

**ר' יואל שטערן:** די ערשטע זאך וועל איך מיך באציהען צום שיכון, וואס דער שיכון איז א דבר שלא בא לעולם, די וויזשניצער קהלה האט געקלאוזט אויף דער פראפערטי מיט אפאר קארגע טעג צוריק, און לויט אונזער אינפארמאציע, און זיי זענען מיט אונז בקשר טאג טעגליך. און אזוי ווי ר' לוי יצחק האט ארויסגעברענגט, זיי פרובירן צו נוצן די בעסטע אינדזשעניר וואס זיי קענען, זיי האבן שנעל איינגעזעהן, אז די לאקאלע אינדזשענירן, וועלן זיי נישט ברענגען לתכלית הנרצה שנעלערהייט, די וויזשניצער קהלה האט אפאר גרויסע דעוועלאפערס צווישן די ראשי הקהלה, און זיי ברענגען אריין גרויסע כחות, צו קענען פרעזענטירן א פלען פאר'ן ווילעדזש, ווי אמשנעלסטן.

לאמיר רעדן בנוגע אַנדערע עפראוולס מען האט זיך באצויגן צו דער סטאונגערט נאדלער די ערשטע זאך, דער סטאונגערט פראיעקט, וואס איז שוין אין פלענינג באורד דריי אדער פיר יאר, דער פראיעקט האט שוין געהאלטן פאר באשטעטיגונג, ווען דער ווילעדזש האט זיך געטוישט אין 20' צו א אידישער אדמיניסטראציע, מען האט אויסגעבלוטיגט די אידן, מען האט זיי געהייסן פרעזערווירן פופציג פראצענט פון זייער שטח, און קלענער מאכן דעם פוטפרינט בכמות ובאיכות פון דעם בנין.

האבן מיר זיך דעמאלס אראפגעזעצט די ערשטע זאך, מיט'ן דעוועלאפער וועלכער איז שוין געווען מיד און פארווייטאגט, ער האט זיך שוין געוואלט זעהן זיצן מיט געלט און פארקויפן די פראפערטי, און ער זיצט מיט אינדזשענירן, האבן מיר אים געזאגט, ברחל בתך הקטנה, דו בויעסט נישט, דו גייסט בויען אזוי ווי היינט צו טאג, דער ווילעדזש דארף האבן אסאך מער און אסאך בעסער, דו וועסט אי"ה צוריקקלייגן דעם שטאק וואס דער פריערדיגער פלענינג באורד האט אראפגענומען, און דו וועסט מאכן דיין בילדינג מסתמא קרוב צו דאפלט גרעסער, יא אוודאי דארף עס זיין אויסגעהאלטן לויט'ן געזעץ, אבער דאס אידיש געלט און צייט וואס דו האסט פארשוועדעט מיט די אלטע אדמיניסטראציע כאטש דו ביסט שוין מיד, לוינט זיך צו ווארטן דעם באזונדערן יאר וויפיל עס גייט נעמען צו ענדיגן די איבערגעארבעטע פלענער.

די פראפערטי האט שוין געהאט באשטעטיגט וואסער, עס האט שוין געהאט באשטעטיגט סוער, עס האט שוין אלעס געהאט פריער, מען האט נאר געדארפט צוריק צולייגן דעם שטאק, און אראפרוקן דעם בילדינג אַביסל. די פראפערטי איז שוין באשטעטיגט, און זיי גראבן שוין, אזוי ווי יעדער איינער וואס פארט אויף דעם 208 קען עס זעהן.

מען האט געפרעגט איבער דעם זאל, ווי אזוי אזא פראיעקט קען באקומען באשטעטיגונג, דער זאל איז ענליך צו א דעוועלאָפּמענט, אפילו נישט צו קיין קליינער פראיעקט, ווען מען נעמט אין חשבון וואס א זאל דארף.

דער פראפערטי פון דעם סליפ אין האטעל, האט גענוג סוער, מיט וואסער נאך איידער מען האט געקויפט די פראפערטי, מען האט בסך הכל צוגעבויעט א שטאק אויף דעם ביז איצטיגן האטעל, זיי האבן פרעזערווירט סיי דעם סוער און סיי דעם וואסער, עס האט נישט קיין major environmental impacts , פארקינג איז דא גענוג, ממילא איז באשטעטיגונג פאר דער פראיעקט, געווען א לייכטע זאך און דער ווילעדזש האט עס טאקע אדורכגעשטופט ווי אמשנעלסטן.

נאכדעם האט מען זיך באצויגן צו דער וויזשניצער ישיבה, די וויזשניצער ישיבה ווען זיי האבן געבויעט די בנינים האט עס באלאנגט פאר א גוי, און דער גוי האט שוין געהאט באשטעטיגונגען פאר סטרוקטורן ארויפצובויען ווי די צוויי בנינים זענען ארויפגעקומען, זיי האבן פשוט געדארפט זיכער מאַכן אַז דער בנין זאל זיין אויסגעדרייט מער אויף רעכטס, צו מער אויף לינקס, אז עס זאל שטימען לויט ווי דער גוי האט עס געמאכט.

והשנית, דער ווילעדזש האט באצאלט זייער א טייערער septic וואס פאר דעם האט מען באקומען פון דער קאונטי באשטעטיגונג, זיי האבן אינוועסטירט אין דעם septic צענדליגער טויזנטער דאלארן, כדי צו זיכער מאכן אז עס איז גוט און עס איז פיין. גרויסע אינדזשענירן זענען אראפגעקומען, וואס דאס האט זיי געגעבן די מעגליכקייט, צו באקומען באשטעטיגונג אויף דעם בנין, סיי ווייל זיי האבן שוין געהאט סיי plans approvals איידער זיי האבן געקויפט די פראפערטי.

## וואָס האָט דער געוועגליכער בלומינגראוווער הויז פאַרדינט פון די נייע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע

**ר' יצחק עקשטיין:** עס איז יעצט אריינגעקומען א שאלה, מען רעדט דא אגאנצן צייט פון אנהויב ביז יעצט, אביסל האט מען גערעדט פון סופליי און דעמענד וואס איז נוגע אביסל. אבער דער עיקר וואס מען רעדט, איז איבער מענטשן וועלכע וואוינען נישט דא, מענטשן וועלכע האבן געקויפט פראפערטיס צו מאכן געלט, אינוועסטארס, און אזוי ווייטער.

דא וואוינען היינט אין בלומינגראוו איבער פיר הונדערט משפחות קע"ה, דער ענד- יוזער וואס וואוינט דא אין בלומינגראוו, וואס האט ער בענעפיטירט פון דער נייער אדמיניסטראציע וואס פירט שוין דעם ווילעדזש פאר די לעצטע פופצן חדשים, פון דעמאלס וואס האט דער ענד - יוזער בענעפיטירט, וואספארא טוישונגען האט מען געמאכט, וואס העלפט פאר'ן תושב דא.

**רבי יואל שטערן:** דער בענעפיט וואס מען האט אריינגעברענגט, איז די זאונינג געזעצן, מען האט געמאכט פאר די בתי מדרשים מען זאל קענען בויען, קודם קען מען ארויפבויען אנשטאט 25 פוס אין דער הויך, ביז 35 פוס. די פוטפרינט פון א בילדינג האט מען אויסגעברייטערט ביז 5 טויזנט סקווער פוס פוטפרינט, כל זמן מען קומט נאך די setback פאַרלאַנגען.

דאָס צו בעסער מסביר זיין: א הויז וואס יעצט לאמיר זאגן האט עס אינגאנצן א 1800 צו א 1500 סקווער פוס פוט פרינט, אפילו ווען עס איז צוויי שטאק, וואס דאס מיינט אז עס איז 2 מאל 1500 סקווער פוס, וואס דאס קומט אויס 3000 סקווער פוס די גאנצע הויז, אין אזא פאל, ווען דער פוט פרינט איז 1500 קען ער אויסברייטערן זיין הויז ביז 5000 סקווער פוס פוט פרינט, כל זמן עס איז דא 20-20 פוס פון די זייטן, און 40-40 פון פארנט און פון הינטן.

צו דער זעלבער צייט הגם דער זאונינג קאוד איז נאך נישט אינגאנצן געטוישט, ד. ה. אין דער זאונינג איז נאך נישטא קיין allowance פאר "מוטער און טאכטער", ווייל דאס פארלייגט מען זיך אריינצולייגן ווען מען מאכט איבער דעם comprehensive plan אבער עס איז דא ברוך ה' א אידישער חסידי'שער פלענינג באורד און זאונינג באורד, אידישע הערצער אינ'ם ווילעדזש, און יעדער מענטש קען דא קומען, און אפלייען פאר "א מוטער און טאכטער".

עס איז טאַקע נישט אין דער זאונינג קאוד, ד. ה. ער וועט דארפן גיין צו דער ZBA און דער ZBA וועט אדורכקוקן די אפליקאציע, און אויב וועט עס מאכן סענס, ד. ה. אז עס קומט נאך די setbacks און עס האלט אן דעם כאראקטער פון דער געגנט, עס קוקט נישט אויס ווי ערגעץ אנדערש, על פי חשבון וועט ער באקומען א באשטעטיגונג.

הר"ר יושע ביטמאן זיצט דאָ מיט אונז, אויב איינער וויל קען ער אים פרעגן, אז יעדער אפליקאציע וואס אמאל פלעגט מען פשוט צוריקווייזן אונטער דער אלטער אדמיניסטראציע, אבער יעצט הגם עס איז נאכנישט דא אין דער קאוד, קען מען אריינגעבן אן אפליקאציע, עס זיצן דארט חסידי'שע אינגעלייט מיט א ווארים הארץ, און אויב מאכט עס סענס, וועט עס בעזהשי"ת ווערן באשטעטיגט.

**ר' יצחק עקשטיין:** אין קורצן, ארויסצוברענגען וואס דער ענד - יוזער האט באקומען איז: אמאל האט מען געקענט אַרויסבויען ביז דריי הונדערט סקווער פוס יעדעס יאָר. נאכדעם האט מען עס געטוישט צו זעקס הונדערט סקווער פוס אויפ'ן גאנצן לעבן און פאַרטיג. נאך די מאראטאריום האט מען געמאכט זעקס הונדערט סקווער פוס, און דאס איז עס, אויב דו האסט א הויז פון 1800 סקווער פוס, קענסטו צובויען זעקס הונדערט פוס living space, ד. ה. אויף איין שטאָק און מער גאָרנישט.

עס האָט זיך פשוט נישט געלוינט צו מאכן אזא קליינער עקסטענשאן, ביז זעקס הונדערט פוס, דאָס איז חוץ די אלע אבערוועגס, וואס רוב בלומינגראוו, רוב שטאט וואו די אידן וואוינען האט מען זעקס הונדערט סקווער פוס אויך נישט געקענט בויען.

למשל וואו איך וואוין אויף ווירדזשיניע עוועניו, ווען איך וואלט געוואלט ארויסבויען זעקס הונדערט פוס, וואלט איך דורכגעגאנגען פלענינג, עס איז נישט געווען אז מען קען צו די בילידינג אינספעקטאר, מען וואלט געדארפט גיין פלענינג און אדורכגיין דעם גאנצן פראצעדור. אבער יעצט אז איינער וויל ארויפבויען א 5000 פוס'יגע footprint דארף ער בסך הכל זיך דורכקומען מיט דעם בילדינג אינספעקטאר, און ער קען בויען, ער האט נישט די אלע פראבלעמען.

## ווען קומט שוין אַ גראָסערי אין שטאָט ?

**רבי יצחק עקשטיין:** איינער פרעגט ווען גייט זיך עפענען די לאנג ערווארטעטע פעפערמינט גראסערי דארף ער יעצט אדורכגיין SEQRA פון דער סטעיט, וואס מען האט פריער גערעדט דא ווי לאנג דארף עס נעמען פיר יאר, צו דארף מען טוישן זאונינג פאר דעם, ווי לאנג גייט זיך שלעפן דער פראצעדור, ביז די גראסערי וועט זיין אפן.

**רבי יואל שטערן:** עס איז דא דערויף צוויי ענטפערס, פעפערמינט פון הר"ר יואל ראָטה הי"ו, וואס מען קען זאגן אז אין אמת'ן אריין איז ער אן אונזעריגער, ער איז אן עסקן לטובת בלומינגראוו, ער לאזט זיך קאסטן פילע געלטער, ספעציעל ווען עס קומט אין די ערבי ימים טובים, קמחא דפסחא, ער פלאנט אי"ה צו בויען דא אַ "סטעיט אָוו די אָרט" סופערמארקעט, פון צוואנציג טויזנט סקווער פוס. עס זאל זיין אויסגעשטאטעט מיט אלע זאכן וואס א אידישע שטאט דארף צו האבן פון פיש ביז פלייש, אלעס וואס א אידישע שטאט דארף צו האבן אין א סופערמארקעט.

ווי יעדער פארשטייט, אז אזא פראיעקט קען נעמען א שיינע פאר יאר פונ'ם פלאנירן, ביז'ן דיזיינען, ביז'ן באשטעטיגן, ביז'ן בויען. ביז דערווייל דארף דער עולם דא האבן וואו צו קויפן, עס נעמט מינימום א האלבע שעה אריינצופארן קיין קרית יואל הין און צוריק, ווען עס איז נישטא קיין טרעפיק, און דער עולם קומט און מען גייט, ספעציעל ווען עס איז א קורצער ערב שבת, דעריבער ארבעט מען יעצט מיט רבי יואל טאקע, אז ער זאל קענען אויפבויען, אויף איינעם פון זיינע פראפערטיס דא, עס זאל זיין נאנט צו יעדן איינעם א צייטווייליגער shad לאמיר עס רופן, וואס זאל זיין קרוב צו פינף טויזנט סקווער פוס גרויס, וואס בעזהשי"ת קען עס שוין זיין אפן אויף דעם זומער, וואס דאס וועט בעזהשי"ת דינען אלס דער צייטווייליגער לאקאציע, ביז ווי לאנג דער בנין המפואר, ווערט פארטיג.

## די פלענער פון אויסברייטערן דעם פארנומענעם 208 ראָוד.

**ר' יצחק עקשטיין:** וואס טוט זיך מיט'ן אויסברייטערן דעם 208, די וואך איז געווען א שטארקע קאנטראווערסיע, עס

**איז געווען אין אלע צייטונגען, איך ווייס נישט ווער עס האט עס אריינגעלייגט, מיר קומען אים אלע א גרויסן יישר כח, פאר ווער עס איז, עס האט געמאכט א שטיקל ווינט אין גאס.**

**מענטשן זענען געקומען פרעגן וואס איז די מעשה מיט אייער גאנצער אויסברייטערונג פון דעם 208 עס איז דא דא עפעס, עס איז אמת, עס איז נישט אמת, וואו האלט עס, וואו ווייט איז עס, וואס איז דער גאנצער eminent domain עס איז עפעס א נייער סאבדזשעקט. וואס טוט זיך מיט דעם.**

**ר' יואל שטערן:** דער 208 איז sore spot א מקום מוכן לפורעניות פאר יארן לאנג, נאך פאר אפילו דער ווילעדזש איז אפילו געגרינדעט געווארן, ווער עס האט אביסל געטוהן אין דער סוגיא ווייסט, אז עס איז דא אסאך עקסידענטס ספעציעל ביי דער מאַונטן ראָוד.

**ר' יצחק עקשטיין:** יעצט איז געווען אויפ'ן וועג אהער.

**ר' יואל שטערן:** לכל הפחות עטליכע מאל א וואך איז ליידער דא דארטן אן עקסידענט. דער 208 איז א ביין אין האלז פאר גאנץ אראנדזש קאונטי.

צו פארשטיין דעם טרעפיק וואו די מענטשן קומען און וואו זיי גייען, די אלע דערפלעך און שטעטלעך, וועלכע וואוינען דא אין דער געגנט, לאמיר עס רופן טשעסטער, טאון או"ו בלומינגראוו, וואשינגטאנוויל, קאלוואל, דיוויטער, זייער אסאך פון די מענטשן האבן נישט קיין לאקאלע פרנסות און זיי פראן יעדן אינדערפרי אריין אדער קיין ראקלענד קאונטי אדער אין ניו יארק סיטי צו ארבעטן, און אנצוקומען צום 17 און צום טרואוועי, אריינצופארן און צוריק אהיים קומען פון דער ארבעט, דארף מען אריינשטופן אין דעם קליינעם 208.

ביז היינט איז נישט געווען קיין ווירקזאמע פירערשאפט אין די לאקאלע מוניציפּאַליטעטן, וואס הגם זיי האבן פרובירט, צו זיי האבן געזאגט אז זיי פרובירן, זיי האבן אבער נישט געהאט די טיכטיגקייט ווי עס רופט זיך, און די ריכטיגע פאליטישע השפעה און דרוק און רצון און אמביציע צו שטופן די זאך פאראויס. אַצינד שטייען מיר פאר דעם פּראָבלעם, און ווי מער מענטשן ציהען זיך אריין ווערט דער פראבלעם גרעסער און גרעסער.

דעריבער איינס פון די ערשטע איניציאטיוון דאס צו טוהן, האט זיך די ווילעדזש פירערשאפט אַריינגעלייגט, קודם אויף דעם טראַפיק לייט ביים 208 וואס יעדער ווייסט, אז עס צו באשטעטיגן נעמט זייער לאנג.

אבער אנצוהייבן אויסצוברייטערן דעם 208 לאמיר נישט רעדן פון eminent domain לאמיר רעדן מרצונם הטוב פון די פראפערטי אייגנטימער, כמעט יעדער דרויסנדיגער דעוועלאפער, דארף אנקומען צו געוויסע טובות, עס רופט זיך געוויסע variances ווען ער גיבט אריין אן אפליקאציע, איינער וויל קענען מאכן א בעסערע פוטפרינט, איינער וויל קענען צובויען א שטאָק, א.א.וו.

עס איז אייביג דא מיט וואס צו פארהאנדלען ווען מען גייט צום טיש, און אזוי ווי געשמועסט, די ווילעדזש אדמיניסטראציע ארבעט מיט יעדן איינעם און פרובירט צו צושטעלן, אין דער צייט וואס ביידע צדדים פארשטייען, אז די קאמיוניטי, דער עולם דארף הנאה האבן, און דער דעוועלאפער וואס בויעט קען אויך הנאה האבן, עס איז נישט קיין שום סתירה.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן לשבחם פון stove way group וואס זיי בויען שוין רבי יחזקאל שווימער וואס בויעט דא אויף ביזנעס פארק, וואס פון דער ערשטער מיטינג וואס מען האט זיך אראפגעזעצט און מען האט אפגעמאכט די דעטאלן, יעדער פון זיי האט געמוזט האבן געוויסע variances און זיי האבן גלייך פארשטאנען, אז עס איז פאר זייער אייגענער בענעפיט, אראפצוגעבן א שטיקל שטח פאר'ן 208 ווייל מען דארף דאך קענען אנקומען צו זייער ביזנעס, מען קען דאך נישט בלייבן זיצן אין טראַפיק, וואו מען קומט נישט אן.

בנוסף צו דעם רעדט דער ווילעדזש שוין מיט קרוב צו ניינציג פראצענט commercial property owners דורכאויס דעם גאנצן span פונ'ם 208 בנוגע אריינצוגיין אין די דעוועלאפער'ס שטחים אראפצוגעבן פראפערטי. עס דארף אויך ארויסגעברענגט ווערן לשבח, ר' לוי יצחק שווארץ מיט ר' יוסף לאנדא, וואס פאר זיי איז עס א ריכטיגע הקרבה, ווייל די לענג פון דער פראפערטי ציהט זיך אויף גאר, גאר א לאנגער שטח, אבער ביידע פון זיי, די אינוועסטאר'ס און די דעוועלאפער'ס גרופּ פון סליפ אין האטעל, האבן פארשטאנען סיי ווי וויכטיג עס איז פאר זיי אליינס, און ווי אויך ווי ווייט עס איז וויכטיג סיי פאר דער סעיפטי פון דער קאמיוניטי און פשוט פאר באקוועמליכקייט, מענטשליכקייט, נארמאלקייט, האבן זיי געזאגט מיר זענען גרייט בחפץ לב אַראָפּצוגעבן. מען האלט נאכנישט ביי קיין דעוועלאפערס אגרימענט, אבער דאס איז א זאך וואס וועט בעזהשי"ת געשעהן.

אויף דעם לאנג טערמיניגן עתיד, איז דאס א מציאות וואס וועט אי"ה אבסאלוט געשעהן. דער ווילעדזש לייגט אריין גרויסע כחות, אז עס זאל געשעהן. און מיר זענען דאנקבאר פאר אלע פראפערטי אייגנטימער וועלכע וועלן זיך צושטעלן.

## איבער דעם טראַפיק לייט אויף די 208 רד.

**ר' יצחק עקשטיין: עס איז אריינגעקומען א שאלה, דער רויט לייט איז באשטעטיגט געווארן, מיט די הילף פון דעם סענאטאר וואס ער איז אויף דער DOT קאמישאן, און זיין ווארט האט זייער שטארק געהאָלפן. פאַרוואָס איז עס נאָכנישט אינסטאַלירט.**

דער ענטפער דערויף איז אַז דער DOT האט א פייפליין פון פראיעקטן, זיי זענען backed up מיט צוויי הונדערט פראיעקטן וואס זיי דארפן נאך טוהן, און מען רעדט דא פון ניו יארק סטעיט DOT מען רעדט נישט פון דער regional .

די ניו יארק סטעיט DOT האט בערך צוויי הונדערט פראיעקטן מיט וואס זיי זענען הינטערשטעליג, און מיר זענען איינס פון די צוויי הונדערט, קומט אויס ליידער נעמט עס לענגער ווי געפלאנט, מיר זיצן יעצט בעצם מיט דער DOT צו זעהן אויב עס איז שייך אז פריוואטע אינוועסטארס זאלן עס קענען מאכן, וואס נארמאלערהייט לאזן זיי עס נישט טוהן, ווייל געווען מוז עס ווערן געמאכט מיט זייערע ארבעטער. אבער עס איז דא אזא זאך ווי אן אויסנאם ווייל עס איז דא א פראיעקט וואס ארבעט נעבען דער site, אז זיי זאלן עס קענען מאכן דורך דער אינספעקשאן פון דער DOT.

## איבער אויסברייטערן נאָך לאָקאַלע ראָודס

**25) די קומענדיגע שאלה איז אויב עס איז שייך אויסצוברייטערן די לאקאלע ראודס..... אין דער ווילעדזש, למשל hi mill road וואס איז א הויפט אדורכפארנדע גאס, וואס פארבינדט ביידע געגנטער, קען עס די ווילעדזש טעכניש אויסברייטערן.**

**רבי יואל שטערן:** דער ענטפער איז יא, עס קען זיין אויף א

פאר מיני מהלכים, דהיינו, עס זאלן זיך צוזאמנעמען א געוויסער צאל איינוואוינער פון דער גאס און ארייינשיקן א פארלאנג אז דער ווילעדזש זאל עס אויסברייטערן, אדער קען דער ווילעדזש אפמאכן אז פאר דער סעיפטי פון דער גאס, דארף מען אויסברייטערן די גאס.

עס זענען דא געוויסע מהלכים, מען האט פריער דערמאנט א ווארט eminent domain וואס גייט אן אפילו ווען מען רעדט נישט פון אוועקנעמען א הויז, ווען מען רעדט פון פראפערטיס, דער ווילעדזש האט אזוי ווי עס איז יעצט אויף יעדער גאס א right of way דוכט זיך מיר צווישן פינף און זיבן פוס אריין אויף יעדער פראפערטי נאך דער curb מעג דער ווילעדזש צונעמען, און טעכניש באלאנגט עס פאר דער ווילעדזש, עס רופט זיך אן eaz דאס מיינט א right of way פון דער ווילעדזש פאר סיי וואס די ווילעדזש וועט עס דארפן.

זעלבסטפארשטענדליך אויב זאל עס קומען דערצו, און עס וועט זיין א פארלאנג דערפאר, וועט זיך דער ווילעדזש אראפזעצן מיט די איינוואוינער פון hi mill road און עס אויסארבעטן און זיכער מאכן אז יעדער איינער בענעפיטירט דערפון נישט נאר די אדורכפארער נאר אויך די איינוואוינער, פאר וועמען וועט מען זעהן צו צושטעלן אנשטאט די פאר פוס וואס מען נעמט אראפ.

## דער אויסשטעל פון "מוטער און טאָכטער" הייזער

**ר' יצחק עקשטיין: איינער האט ארייינגעשיקט א שאלה וואס איז דער ענדגילטיגער ציל וואס דער ווילעדזש אדמיניסטראציע און דער יו. דזשעי. סי. וואס איז דער ענדגילטיגער ציהל פון די זאונינג, ווי אזוי ארבעט מען אז דער זאונינג זאל אויסקומען נאך דער comprehensive plan אויב מען ווייסט שוין, אויב עס איז דא עפעס.**

**ר' יואל שטערן:** צו ענטפערן די שאלה, די שאלה איז נישט עכט אדרעסירט צו דער יו. דזשעי. סי., די יו. דזשעי. סי. מאכט נישט אליינס קיין באשלוסן, די באשלוסן ווערן געמאכט ביי די מעטינגס, די יו. דזשעי. סי. זענען בסך הכל ערוויילטע שלוחי ציבור, עס זענען געווען וואלן, וואס דער ציבור האט געוועלט, און וואס דער ציבור וויל אז דער געגנט פון בלומינגראוו זאל אויסקוקן.

די יחידי'שע מיינונגען סיי פון דער ווילעדזש באורד, און סיי פון דער יו. דזשעי. סי. באורד, איז אינגאנצן נישט נוגע ווען עס קומט צו מאכן אזעלכע באשלוסן. מיר זענען אלע שלוחי ציבור, און דער ציבור דארף באשליסן, און דער ציבור האט שוין באשלאסן. איך רעד פון דעם ציבור אידן וועלכע זענען דא געווען פאר שולחן עורך, וועלכע האבן געשוויצט פאר דעם געגנט, און זיך מוסר נפש געווען פאר דער געגנט. דער ציבור וויל זעהן "מוטער און טאכטער" semi attached אביסל פריוואטע הייזער, דער ציבור וויל נישט זעהן דערווייל multi family און אנדערע איך האב נישט קיין פונקטליכן נאמען דערפאר וואס מען זעהט אין אנדערע געגנטער, דער עולם פארשטייט די קוואליטעט פון מה טובו אהליך יעקב, וואס דאס מיינט אויפצושטעלן א געזונטע שטוב ברוחניות ובגשמיות.

**ר' יצחק עקשטיין: אויב מען קען בעסער ערקלערן וואָס באַדייט דאס "מוטער און טאכטער"semi attached און אויף וויפיל שטח.**

**ר' יואל שטערן:** "מוטער און טאכטער" און semi attached איז טעכניש דאס זעלבע עס האט נאר פאַרשידענע סאָרט נעמען.

דער געדאנק איז אז עס איז צוויי דירות און מען רופט עס "מוטער און טאכטער דירה" וועט זיין איינס .... אין דעם שטח, און שטח ווייז וועט ער האבן א double attached דירה, אז אויב קען זיין לאמיר זאגן, אז מען קען בויען ביז 5000 סקווער פוס פוטפרינט, און עס זאל נאכקומען אלע setbacks ד. ה. עס זאל נישט זיין איין פענסטער אריין אין דעם צווייטן, אזוי ווי מען זעהט ליידער לעצטנס אסאך. און כל זמן עס איז דא 15 פוס פון די זייטן, 30 צו 40 פוס וויפיל מען וועט אפמאכן, פון פארנט און פון הינטן, מיט סיידוואקס אין דער פראנט. דאס איז אן עקסטערע פראיעקט, וואס דער ווילעדזש טוט דערוועגן עס זאל זיין סיידוואקס אין גאנצן ווילעדזש בעזהשי"ת, טראכט מען צווישן א פערטל עיקער, און א דריטל עיקער. מען קען נישט לייגן אויף דעם אויך נישט קיין סאליד זאך, ווייל יעדער פראפערטי איז אנדערש.

**ר' יצחק עקשטיין: עס זענען דא אסאך מער שאלות וויפיל מען קען אנקומען דא, איך פרוביר עס צוזאמצושטעלן וויפיל מעגליך, עס איז ארייינגעקומען דא אן אימעיל, וואס זי שרייבט אין ענגליש,**

to whom this may concern' first I would like to congratulate the entire team of askonim for being a role model for our community can be build a deep respect may you continue with all your activities and benefit the yidishe .kinder

Second and more important wondering if possible to make a plan how to keep the housing prices in blooming grove affordable to have a nice decent house for an affordable price and not going out of control as we see locally. If you guys can accomplish that you will be .remembered for ever

best of luck

**ר' יואל שטערן:** אזוי ווי מיר האבן געשמועסט פריער די יו. דזשעי. סי. איז נישט קיין דעוועלאפינג ביזנעס מיר פארמאגן נישט קיין ריעל עסטעיט, מיר זענען בכלל נישט פארמישט, אין סיי וואסערע דעוועלאפמענטס אדער קאנסטראקשאן. מיר וועלן טוהן כל מה שבידינו, וואס דאס איז איינס פון די קריטישע יסודות אויף וואס די יו. דזשעי. סי. איז אויפגעבויעט געווארן, אז עס זאל דא בעזר השי"ת נישט קענען ווערן קיין מאנאפאל, נאר יעדער איד וואס וועט וועלן בויען זאל קענען בויען תיכף ומיד.

**ר' יצחק עקשטיין:** צו צולייגן דאס וואס דו האסט פריער געזאגט איבער semi attached און "מוטער און טאכטער" עס איז דא איין פונדאמענטאלער דיפערענץ צווישן די צוויי semi attached זענען צוויי פראפערטי אייגנטימער, צוויי דיד"ס, צוויי מארגעדזשעס, דאס זענען צוויי באזונדערע זאכן, "א מוטער און טאכטער" איז איין זאך, עס איז א טעכנישער חילוק.

## פאַרוואָס נישט יעצט בויען צושטוּפּט ?

**איינער האט געהאט דא א שאלה, לאמיר זיך נישט פאפן, די פאפולעישאן קע"ה וועט סיי ווי געדעקט ווערן אין די קומענדיגע צען יאר, מען זאגט אז דער ציבור דאפלט זיך יעדע זיבן יאר בליע"ה, ד. ה. אז אין צוואנציג יאר גייט בלומיגראוו ממילא אויסקוקן ווי די געדיכטע קרית יואל, צו מען וויל צו מען וויל נישט וועט דאס דער ציבור סיי ווי**

**שטארק פארלאנגען, אויב אזוי פארוואס זאל מען עס נישט שוין פארזעהן, און ארבעטן מיט דעם אויפ'ן ברייטן עתיד, ווי איידער דאס צו פרובירן פארשטאטערן, און ארויסטרייבן דעם עולם צו קויפן ווייטער.**

**מער ווייניגער וואס ער פרעגט איז, לאמיר אנהייבן צו בויען אזוי ווי אין אנדערע פלעצער פארוואס ווארט מען מען גייט עם סיי ווי טוהן לאמיר עס שוין טוהן.**

**ר' יואל שטערן:** מיר ווילן זאגן א שטארקער סטעיטמענט. איך רעד פאר מיר, און איך מיין, ר' יצחק, איך קען רעדן פאר דיר אויך.

כל זמן מיר זענען דא אין טשארדזש דא, וועט מען טוהן וואס דער ציבור וויל, וואס דערווייל איז דאס נישט וואס דער ציבור וויל, נישט קוקנדיג אויף דעם שאצונג וואס דער יחיד האט געמאכט, אדער שטעלט זיך פאר, אדער ער רעדט זיך איין.

דער ציבור האט זייער קלאר ארויסגעזאגט וועלכע הייזער זיי ווילן דא האבן, און כל זמן, אז עס וועט זיין א ווירקזאמער הנהגה, וואס מיר קומען זיך צוזאם, און מיר זיצן דא היינט ביינאכט, און זיך אויסשמועסן ווי גוטע ברידער איינער מיט'ן צווייטן, וועט מען אויסהערן דעם ציבור, און מען וועט טוהן וואס עס איז מעגליך.

יעצט אויב מען וועט אנקומען אין צוואנציג יאר ארום, אז דער איבערוויגנדער מערהייט פון דעם ציבור וועט וועלן דערפאר, וועט עס זיין א שאלה פאר זיך. עס וועט זיך אלעס ווענדן וואס דער ציבור וועט באשליסן, און על פי חשבון, ווער עס זעהט די האוזינ"ג טרענ"ד פון די לעצטע יאר צוויי קוקט נישט אויס, ווי עס זאל אמאל אנקומען דערצו, בעזהשי"ת.

## פאָנדינג פאר סוער און וואַסער אינפעסטראקטור

**ר' יצחק עקשטיין:** עס איז אריינגעקומען א שאלה אין אן אימעיל, ווי אזוי וועט דער ווילעדזש פאנדן סיי די לאקאלע סוער און וואַסער סיסטעמען.

עס איז דא גרענטס פון פעדעראל אדער סטעיט. פרעזידענטביידען האט יעצט אדורכגעפירט אן אינפראסטרוקטור ביל, ווען מיר קענען אויך באקומען דערפון. דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר האבן מענטשן וואס ארבעטן אויף דעם, און מיט'ן אייבערשטנס הילף וועט אנקומען געלט פון דעם, און דאס איז דער וועג ווי אזוי מען גייט באצאלן די סיידוואקס, און גרעסערע פראיעקטן. און סוער איז אויך פאַרהאַן פעדעראל פאנדינג וואס מען קען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ארבעטן דערויף, עס איז דא אויפ'ן ראדאר, און דאס איז אויך א חלק פון דער comprehensive plan וואס מען דארף טוהן.

## די שפאָגל נייע – עמערדזשענסי רעספאַנס דעוויזיע

**נאך א שאלה: די נייע הצלה גאראדזש גייט דינען אלס אן הצלה אדמיניסטראציע באזונדער אדער אונטער דער זעלבער קערפערשאפט ווי קרית יואל הצלה.**

**ר' יואל שטערן:** איך וויל זיך באציהען, צו דעם וואס עס רופט זיך הצלה גאראדזש, דער בנין איז געווארן געבויעט כדי צו זיין גרייט פאר emergency response וואס דער ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו האט געגרינדעט און עס גייט אויך דינען אלס די הויפטקווארטירן פאר דער אכסניא פון דער יו. דזשעי. סי. וואס דערווייל זענען מיר אין גלות...

עס דארף דא דערמאנט ווערן מיר זענען נישט אין גלות, נאר מיר זענען ביי הר"ר משה האַלפערין הי"ו, וואס מאכט אונז פילן ווי אינדערהיים, וואס די לעצטע צוויי יאר, האבן מיר געהעריג אפגעדינגען דארטן דעם אפיס, מיר לאזן אים אריין, מען רעדט פון א געהעריגע אכסניא, מיט וואס מען דארף נאר האבן, און עס קומט זיך פאר רבי משה האלפערין באמת א גרויסן דאנק. אפגערעדט פון די גאר שטורמישע צייטן בשעת מען האט געפירט די וואל קאמפיינען וואס רבי משה איז געשטאנען גרייט ביד רחבה וברוח נדיבה, צוזאמען מיט שותפו בדומה לו רבי אליעזר יחזקאל שווימער, וועלכער איז אונז אקעגנגעקומען.

אבער אזוי ווי יעדער איינער ווייסט, אז היינט איז שוין די יו. דזשעי. סי. פארמישט אין פיל מער זאכן, זענען געקומען צוויי חשוב'ע נדיבים, הר"ר אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו און הר"ר מענדל שווימער הי"ו וועלכע פלאנירן אויך צו בויען דירות, און זיי פארשטייען און וויסן, אז א קאמיוניטי דארף צו האבן געוויסע קאמיוניטי סערוויסעס, און זיי זענען אונז אקעגנגעקומען מיט דער קריטיש וויכטיגער פונקציע צו האבן א פלאץ וואו צו פארקן דעם הצלה אמבולאנס.

רעדנדיג פון דעם עמערדזשענסי רעספאַנס דיוויזיע איז וויכטיג צו דערמאנען פאר'ן עולם וואס איז געשעהן ליידער אין דעם ווילעדזש אין דעם לעצטן יאר, ווען די פייער דעפארטמענט האט פארלוירן צוויי נפשות צו פייערן, זאכן וואס וואלטן געקענט בדרך הטבע פארמיטן ווערן, סיי די נפשות וועלכע זענען פארלוירן געווארן, און סיי די בנינים וועלכע זענען פארברענט געווארן, זענען גענצליך פארניכטעט געווארן און עס איז געווען א פוהלער שאדן.

די יו. דזשעי. סי. האט אין די לעצטע צוויי יאר פרובירט לפנים משורת הדין, און למעלה וויפיל דער געוועגליכער מענטש קען זיך נישט פארשטעלן, אנצוקניפן א נארמאלע באציאונג, אזוי ווי יעדער געדענקט וואס עס איז געווען אמאל ווען דער פייער דעפארטמענט איז אנגעקומען צו א פייער און מען האט טעראריזירט דעם עולם. מען האט איינגעזעהן זייער שנעל, אז ווען מיר פירן דעם ווילעדזש, קען מען מער נישט באשולדיגן, דער גוי, דער גוי, מען דארף טוהן צו דער זאך.

די יו. דזשעי. סי. האט פארמירט דעמאלס אזא מין גרופע, וואס רופט זיך emergency response division וואס דער גרופ וועט אי"ה זיין א סערטיפייד גרופ וואס וועט ענטפערן צו יעדער סארט עמערדזשענסי, בשם הכולל, דער גרופ וועט זיין אויסגעשטאט מיט אלע כלי מכשירים, און צוגעהערן כדי צו קענען רעאגירן צו סיי וואספארא עמערדזשענסיס, עס פארלאנגט זיך אסאך technicalities און לעגאלע פראצעדורן, וואס מען ארבעט דערויף. עס פארלאנגט זיך אויך א תורה'דיגער הינטערגרונט, וואס דאס איז אויך מער ווייניגער מסודר, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן אידישליך און על פי תורה, וואס אזעלכע זאכן גרעניצן זיך אסאך מאל מיט קאמפליצירטע שאלות אין הלכה.

אזוי ווי עס שטייט יעצט דינט דער גאראדזש, פאר דעם אמבולאנס פון דער קרית יואל'ע הצלה, אז עס זאל זיין גרייט פאר ווען מען דארף עס האבן.

▪ ▪ ▪

**ר' יצחק עקשטיין: עס זענען דא צוויי קשיות וועלכע זענען אריינגעקומען יעצט, איינער פרעגט ווי אזוי קען מען שטופן די דעוועלאפערס אז זיי זאלן אנהייבן בויען.**

דער ענטפער איז, מען האט גערעדט דערפון עטליכע מאל היינט נאכט במשך פון דער פראגע און ענטפער סעסיע, מיר פרובירן דאס מערסטע וואס מיר קענען.

אבער די דעוועלאפערס, אינוועסטאר'ס, אייגענטימער, ווי אזוי איר ווילט זיי רופן, זיי זענען בעל הבית אויף זייער געלט, זיי טוהען וואס זיי פארשטייען צו טוהן מיט זייער געלט, און עס איז א פראצעדור, עס איז א זאך וואס נעמט צייט, און אפילו ווען איינער זאל באקומען pullback וואס יעדער באקומט, ווער עס וויל בויען, קומט דער ווילעדזש אקעגן אין וואס מען קען אקעגן קומען, און דאן נעמט עס אויך עטליכע יאר. דעריבער מיר שטופן די דעוועלאפער'ס זאלן אנהייבן בויען אבער עס נעמט צייט.

■ ■ ■

**נאכדעם פרעגט נאך איינער אויב די נשים צדקניות וועלן האבן א וועג צו וועלן אויף דעם comprehensive plan אויסשטעל, ד. ה. אויב עס וועט זיין דערויף אן אפיציעלער רעפערענדום. אויב עס וועט זיין א רעפערענדום, וואס לכאורה וועט עס זיין.**

**ר' יואל שטערן:** לעגאל דארף עס זיין.

**ר' יצחק עקשטיין:** דאן וועט עס זיין פאר יעדן איינעם, נישט נאר דא אין זמיגראד, נאר עס וועט זיין אין ווילעדזש האל, וואס יעדער רעגיסטרירטער וויילער אין דער ווילעדזש קען וועלן דערויף.

דאס איז היינט נאכט, עס איז דא נאך אסאך שאלות, אבער רוב פון די נושאים איבער וואס מען האט אריינגעשיקט שאלות איז מען אנגעקומען דערצו.

■ ■ ■

## עפילאָג דורך הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו

איך מיין מען דארף מאכן א רעזאלוציע אז מען זאל מאכן אזא קאנפערענץ איינמאל א יאר, כדי צו האלטן די transparency פון דער ווילעדזש און דער יו, דזשעי. סי. לכל הפחות יעדער ניטל נאכט דארף מען איינפירן אזא זאך...

אויסער דעם דארף מען וויסן אז יעדע צוויי וואכן מאנטאג, איז דא א פובליק מיטינג אין ווילעדזש האלל, און וואס מען וויל פרעגן קען מען דארט פרעגן.

נאכדעם איז דא יעדע צוויי וואכן א מיטינג ביים פלענינג באורד, ביים ZBA באורד. מען קען צושטעלן אן איבערזעצער פאר ווער עס קען נישט קיין ענגליש, דאס אז דער ציבור נעמט א טייל אין די ווילעדזש מיטינגס איז זייער וויכטיג, עס איז דא zoom עס איז גרינג מיטצוהאלטן מען דארף נישט אראפקומען מען קען בלייבן אין אפיס, ביי יעדער איינציגסטער מיטינג וואס איז דא אין ווילעדזש, אדער פלענינג אדער זאונינג, נעמען אנטייל אין גרויסן פילע מענטשן וועלכע וואוינען נישט דא, וואס זענען א גאנצן צייט פארנומען ווי אזוי מען קען אפשטעלן ווי אזוי מען קען משוגע מאכן און פרעגן דאס און דאס, עס איז זייער א וויכטיגע זאך אז עס זאלן א טייל נעמען דערין די מענטשן וועלכע וואוינען דא, מענטשן וועלכע האבן למעשה אן אינטערעסע אין דעם ווילעדזש.

איך וואלט מיך נאר געוואלט באדאנקען פאר די אלע וועלכע זענען געקומען, סיי דא און סיי אויפ'ן טעלעפאן, פאר אראפנעמען צייט פון זייערע פארנומענע סקעדזשולס, אראפצוקומען דא און ארויסהעלפן דא. יעדער איינציגער יחיד וואס איז דא געקומען גיט אונז חיזוק אנצוגיין ווייטער, דאס ווייזט אז דער עולם איז פאראינטערעסירט, אז דער עולם וויל אונז האלטן פאראנטווארטליך, און דאס איז גוט און געזונט פאר דער געגנט. כה יתן ה' וכה יוסיף ובשם ה' נעשה ונצליח!

בס"ד

### לוח הזמנים לעיר קרית יואל ניסן תשפ"ב

| | יום | יום לחודש | ספירת העומר | פרשיות ימים טובים | עלות השחר | הנץ החמה | סוף זמן ק"ש מג"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן תפלה גר"א | חצות היום | מנחה גדולה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה קטנה מג"א | פלג המנחה מג"א | הדלקת הנרות | שקיעת החמה | צאת הכוכבים ר"ת | Day Month |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | חמישי | יג ניסן | | בדיקת חמץ | 5:07 | 6:19 | 9:01 | 10:20 | 10:44 | 12:57 | 1:37 | | 5:32 | 7:10 | | 7:36 | 8:48 | Apr. 14 |
| | ששי | יד ניסן | | סו"ז אכילת חמץ 10:19, שריפת חמץ 11:38 | 5:05 | 6:17 | 9:01 | 10:19 | 10:43 | 12:57 | 1:37 | | 5:33 | 7:11 | 7:22 | 7:37 | 8:50 | Apr. 15 |
| | שבת | טו ניסן | | א דפסח | 5:04 | 6:16 | 9:00 | 10:19 | 10:43 | 12:56 | 1:37 | 2:16 | 5:33 | 7:12 | | 7:38 | 8:51 | Apr. 16 |
| | ראשון | טז ניסן | א | ב דפסח | 5:02 | 6:14 | 8:59 | 10:18 | 10:42 | 12:56 | 1:37 | 2:16 | 5:34 | 7:13 | | 7:39 | 8:52 | Apr. 17 |
| | שני | יז ניסן | ב | א דחוה"מ | 5:00 | 6:12 | 8:58 | 10:17 | 10:41 | 12:56 | 1:37 | 2:16 | 5:34 | 7:14 | | 7:40 | 8:53 | Apr. 18 |
| | שלישי | יח ניסן | ג | ב דחוה"מ | 4:59 | 6:11 | 8:57 | 10:17 | 10:41 | 12:56 | 1:36 | 2:16 | 5:35 | 7:14 | | 7:41 | 8:54 | Apr. 19 |
| פסח | רביעי | יט ניסן | ד | ג דחוה"מ | 4:57 | 6:09 | 8:56 | 10:16 | 10:40 | 12:56 | 1:36 | 2:16 | 5:36 | 7:15 | | 7:42 | 8:55 | Apr. 20 |
| | חמישי | כ ניסן | ה | ד דחוה"מ, עירוב תבשילין | 4:56 | 6:08 | 8:55 | 10:15 | 10:39 | 12:55 | 1:36 | 2:16 | 5:36 | 7:16 | 7:28 | 7:43 | 8:56 | Apr. 21 |
| | ששי | כא ניסן | ו | שביעי של פסח | 4:54 | 6:06 | 8:55 | 10:15 | 10:39 | 12:55 | 1:36 | 2:16 | 5:37 | 7:17 | 7:30 | 7:45 | 8:57 | Apr. 22 |
| | שבת | כב ניסן | ז | אחרון של פסח, יזכור | 4:53 | 6:05 | 8:54 | 10:14 | 10:38 | 12:55 | 1:36 | 2:16 | 5:37 | 7:18 | | 7:46 | 8:58 | Apr. 23 |
| | ראשון | כג ניסן | ח | אסרו חג | 4:52 | 6:04 | 8:53 | 10:13 | 10:37 | 12:55 | 1:36 | | 5:38 | 7:18 | | 7:47 | 8:59 | Apr. 24 |

# ”קלאָוואָוד” דעוועלאָפּמענט גרופּע שפּאַנט פּאָראויס אין ריכטונג פון באַשטעטיגן לאַנג - ערוואַרטעטע מאַסיווע דירות פּראָיעקט

אין אַ באַגריסענדע ווענדפּונקט האָט די ”קלאוו וואוד” דעוועלאָפּמענט גרופּע, ענדגילטיג אַריינגעגעבן די א.ג. ”פיינעל ענווייראָנמענטאַלע אימפּעקט סטאָדיס”, וואָס איז אַ וויכטיגע שטאַפּל פּאָראויס אין דעם פּאַרצווייגטן פּראָצעדור וואָס פּאַרשפּרעכט בעז”ה צו דעוועלאָפּן אַ גרויסע צאָל רחבות'דיגע און פּריוואַטע הייזער אויף דעם גרויסן שטח אין האַרץ פון די היימישע ווילעדזש אָוו בלומינגראוו.

די 'קלאוואוד' דעוואלאפּמענט איז ליידער געווארן טרויעריג באקאנט אין די פארגאנגענע יארן, אלס א סימבאל פון אָפענע אנטיסעמיטיזם ווען די אידן - פיינט אין דער אומגעגנט האבן אין לויף פון די לעצטע 15 לאַנגע יאָרן! געטון אלעס אין זייער מעגליכקייט, אנווענדענדיג יעדע סארט טאַקטיק, מיט אומצאָליגע שיקאָנירונגען און געלט אויספּרעסעריי, צו אָפּהאַלטן און שטערן דעם דעוועלאָפּמענט, אויס זארג פון דעם באוואוסטן ”פּן ירבה”.

איינס פון די בייזוויליגע **מאכינאציעם דורך די געוועזענע באַהערדע איז געווען צו איינפּאַך אויסציען די פּובליק הירינגס פאר לאַנגע יאָרן, אַזש עס האָט געקענט געדויערן אַזויפיל ווי אַכצן חדשים צווישן איין 'הירינג' אין דער אַנדערער, בשעת די הירינגס האָבן ניטאַמאָל געברענגט קיין שום זאַכליכע רעזולטאַטן, מען האָט נישט ערהאַלטן קיין נייע קאָמענטאַרן און נישט פּאָראויסגערוקט גאָרנישט, בלויז ווידעראַמאָל אַרומגעשלעפּט די צייט און דאַן באַשטימט נאָך אַ זיצונג פאר לאַנגע חדשים שפּעטער, וחוזר חלילה. אַלעס צו פּאַרזיכערן אַז דאָ ווערט קיינמאָל נישט געבויעט קיין פּרישע הייזער פּאַר אידישע קינדער.**

אָבער לא לעולם חוסן, בחסדי השי”ת, באַלד נאָכדעם וואָס די ווילעדזש פירערשאַפט איז איבערגענומען געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע, איז געגעבן געוואָרן די גרינע ליכט זיך צו רוקן פּאָראויס מיט דעם פּאַרצויגענעם פּראָיעקט. די היימישע באָורד מיטגלידער האָבן געטון צו דער זאַך, אַרויסצוהעלפן לינדערן דעם דירות מאַנגל, און ס'איז מיט עטליכע חדשים צוריק שוין ענדליך פארמאכט געוואָרן די ”פּובליק



קאמענטארן" מעגליכקייט, אז דער פראיעקט זאָל קענען פאראויסגיין ווייטער, אָן קיין אָפּהאַלט.

אַצינד, נאָך אַ פאַרצווייגטע טעכנישע פּראָיעקט, האָט די גרופּע פּרעזענטירט צום ווילעדזש די "פיינעל סטעיטמענט", מיט אַלע אומצאָליגע דעטאַלן אַרום דעם שטח און איר אויפבוי וויזיע. לויט די רעגולאַציעס וועט די ווילעדזש אַצינד האָבן ניינציג טאָג צו איבערגיין דעם באַריכט און פאַרזיכערן אַז די פּלענער טוען טאַקע נאָכקומען אַלע פּאָרשריפטן פון ענווייראָמענט, סוער, טראַפּיק, העלטה, טראַנספּאָרטאַציע, א.א.וו. וואָס לויט דעם וועט דאָס ווערן אַקצעפּטירט אָדער אָפּגעזאָגט.

גלייכצייטיג האָט די דעוועלאָפּמענט גרופּע אַפּעלירט פאר אַ פּערמיט צו קענען אָנהויבן דאָס שניידן דיביימער אויף אַ גרויסע טייל פון דעם פּראַפּערטי פאר די פאַזע נומער איינס פון דעם גרויסן פּראָיעקט.

דאָס אָפּשניידן די ביימער איז צו דער זעלבער צייט אויך זייער וויכטיג פאַר'ן ווילעדזש, אַז מען זאָל קענען אָנהויבן באַהעפטן די ריזיגע קוועלער אויף דעם שטח צום ווילעדזש וואַסער באַנוץ און אַזוי אַרום אַהערשטעלן אַ געבענטשטע וואַסער סופּליי פאר אַלע איינוואוינער.

ווי שוין באַריכטעט האָבן די אייגנטומער פון דעם פּראַפּערטי, נאָך אינטענסיווע פאַרהאַנדלונגען, מיט אַ צייט צוריק איבערגעשריבן בטוב לבם פאַר'ן ווילעדזש די רעכטן פון די ריזיגע וואַסער קוועלער, און אַזוי אויך דער שטח פון הונדערט פיס אַרום און די אריינגעג צו די קוועלער, אַז די ווילעדזש זאל האָבן אַ פולקאָמע צוטריט צו קענען שטענדיג מעינטענען און מענעדזשן די קוועלער, פאר גענוג וואַסער בשפע, לשובע ולא לרזון.

די גרופּע וועט באַזונדער פינאַנצירן דעם גאַנצן פּראָיעקט, אַז דאָס זאָל נישט קאָסטן פאר די היזיגע שטייער - צאָלער, און וועט בפּועל ברענגען אַ נייע גאָלדענע עפּאָכע אין דער שטאט, ווען צום ערשטן מאָל אין אַריבער 20 יאָר, וועט די געגנט אַרויסגיין פון דעם "וואַסער רעסטריקשאן" סטאַטוס, מיט אַן ענדלאָזע שפע פון מאַסיווע קוועלער וואָס וועלן פּראָדוצירן קריסטאַל - ריינע וואַסער, מיט אן אויסטערליש זויבערע קוואַליטעט.

אין די יעצטיגע טעג פאָקוסירט די אַרבעט צו פלאַך מאַכן די פּראַפּערטי פון ביימער, וואָס וועט ערמעגליכן צו אָנהויבן ציען די מאַסיווע וואַסער ליניעס פאַר'ן געברויך פון דער שטאָט, און דאָס זעלבע וועט דאָס פאַרלייכטערן און גרייט מאַכן דעם באָדן פאר די פּלאַנירונגען פון סייט און בילדונג פּערמיטן צו פּאָרזעצן מיט די ערשטע פאַזעס פון דעם גרויסאַרטיגן "קלאוו-וואד" פּראָיעקט, וואָס גייט פּאָראויס מיט אַסאַך סייעתא דשמיא, צו אויפשטעלן הונדערטער פרישע בתים נאמנים בישראל.





# דראַמאַטישע וואַלן אויסגאַנג באַשטעטיגט ווידעראַמאָל מאַכטפולן כח פון "בלומינגראוו באחדות" און צעמענטירט גאָלדענע וויזיע פון דער שטאָט פאר דִי קומענדיגע פיר יאָר

## געטרייע שלוחי הציבור, הרה"ח המרומם מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א, און העסקן המרומם מו"ה יצחק פעלדמאַן הי"ו, ווידער ערוויילט אַלס טראָסטיס, אינאיינעם מיט'ן מעיאָר מר. קאלאדזש יר"ה, אַדאַנק ריזיגער בלאַק וואוט פון המוני תושבי העיר, וואָס איבעראַשט נאָכאַמאָל אַלע פּאָליטישע קאָרידאָרן

**אומגלויבליכע קאָאָרדינאַציע און זעלטענע פאַראייניגונג פון הונדערטער תושבי העיר, וועלכע פולן איבער שפּאָגל - נייע יו. דזשעי. סי. הויפּטקוואַרטירן דורכאויס "עבסענטי בעלעט" בליץ דרייוו ווערט געקרוינט מיט איבעראַשנדע ערפאָלג העכער אַלע פּראָגנאָזן!**

"יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם!" איז געווען דער וואונטש און דער לויב געזאַנג אין די גאַסן פון בלומינגראוו ווען בעז"ה האט דער כח האחדות פון דער שטאָט צום וויפילסטן מאָל געבראָכן אַלע פריערדיגע רעקאָרדס מיט דער הילכיגער געווינס פון די היימישע קאַנדידאַטן צום ווילעדזש אָפיס, ביי דעם פאַרלאָפענעם וואַלן פאַרמעסט, ערב תענית אסתר העעל"ט, וואָס האָט ב"ה אַנטשידן דעם עתיד פון בלומינגראוו פאר די קומענדיגע לאַנגע יאָרן לטובה ולברכה.

איבערהויפט האָט זיך אַרויסגעשיילט ביי דעם יעצטיגן קאַמפּיין, די הערליכע קאָלירן פון "בלומינגראוו באחדות - בלומינגראוו בתפארתה", וואָס איז געקומען צום אויסדרוק ביי דעם סוקסעספולן "עבסענטי בעלעט" בליץ דרייוו, מוצש"ק ויקרא און זונטאָג צו העעל"ט, אין דעם הערליכן שפּאָגל- נייעם הויפּטקוואַרטיר פון די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו, די יו. דזשעי. סי. פאַראיין.

דער עמערדזשענסי בליץ דרייוו איז ווירקליך צושטאַנד געקומען פון איין מינוט אויף דער אַנדערער, נאָכדעם וואָס אלאמירנדע קראַנטע אינפאָרמאַציע איז אָנגעקומען אַז די פיינטליכע עלעמענטן רוען נישט קיין מינוט, און גרייטן זיך מיט אַלע קרעפטן צו איבערראַשן די אידישע איינוואוינער, דורך אַרויסברענגען אַ מאַסיווע "רייט-אין" קאַמפּיין, וואָס זיי ווילן נוצן צו אַרויסשטויסן די סימפּאַטישע ווילעדזש באַאַמטע און צוריקברענגען די טרויעריג באַרימטע אידן- פיינט, וועלכע זאלן האָבן די פולקאָמע מעגליכקייט צו חלילה אונטערדרוקן און זיך איזדיקעווען אויף די אידישע שטייער צאָלער במשך די קומענדיגע פיר יאָר, היל"ת.

דורכאויס די לאַנגע שעות פון מוצאי

שב"ק און זונטאָג ביז חצות הלילה, האָבן די אויגן זיך פשוט נישט געקענט זעטיגן פון די הערליכע סצענעס, וויאַזוי אַזויפיל הונדערטער תושבי השכונה, מענער, נשים צדקניות, און זייערע ערוואַקסענע שטום בארעכטיגע זון און טעכטער, שטראָמען אָן אויפהער, כולם נקבצו באו, צו זיך אָנשליסן מיט דעם שיינענדיגן כח הרבים און מקיים זיין דעם "איש את רעהו יעזורו", מיט אַזאַ ווארימקייט, מיט אַזאַ אחדות און אַנטשלאָסנקייט, צו פאַרזיכערן דעם עתיד פון די אידישע בלומינגראוו, לחזק ולהתחזק בעד עמינו ובעד ערי אלקינו.

(זאל טאַקע באַמערקט ווערן אַ הערליכער אַנעקדאָט וואָס כאראקטיזירט אַמבעסטן די שיינקייט פון אונזער שטאט, אַז ממש אין דער זעלבער צייט וואָס דער ערשטער שטאָק און דער גאַראַדזש פון דעם בנין האָט געווירבלט מיט דעם גרויסן עבסענטי דרייוו, איז דער אויבערשטער שטאָק, מיט אירע קאָנפערענץ און אָפיס צימערן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס אַ פיבערהאפטיגער קאַמענד צענטער, וואו ס'איז אָנגעפירט געוואָרן אַ מאַסיווער קאַמפיין צו אויפטרייבן ריזיגע געלטער נאָך די פריצייטיגע און שאָקירנדע פטירה פון אחד המיוחד מחשובי תושבי עירינו ז"ל.

אָט דער הערליכער שילוב פון עסקנות מיט צדקה וחסד האָט ווי ריכטיג אָפגעשפיגלט די אייגנאַרטיגקייט און פראַכט פון בלומינגראוו המעטירה, וואו מיר זענען אַלע ברודער, אין פריידן און אין ליידן, השי"ת זאל אודאי העלפן אַז פון היינט און ווייטער טאַקע בלויז אויף שמחות און בשורות טובות.)

## מרבים העם לבוא; אן ענדלאָזער שטראָם פון אחריות'דיגע תושבי העיר

דורך די געטרייע יו. דזשעי. סי. איזווירקליך אַנגאַזשירט געוואָרן אַ פולקאָמע שטאַב פון געטרייע עסקנים און עסקניות, חשוב'ע תושבי העיר, וועלכע האָבן זיך אָפגעגעבן מיט אַלע פולזייטיגע לאָגיסטישע דעטאַלן און אָפגעוואַרט די אָנקומענדע בסבר פנים יפות, צו פאַרזיכערן די מאַקסימאַלסטע אַנגענעמע עקספּיריענס פאר יעדן תושב העיר וועלכער איז אַריבערגעקומען אָפגעבן זיין לעגאַלע "עבסענטי בעלעט" שטימע.

די עסקנים אויפ'ן אָרט האָבן אָנגעוויזן וויאַזוי צו שטימען און האָבן פראצעדירט די שטימען דורך אַ גענייטן טעכנאָלאָגישן סיסטעם וואָס איז ב"ה געקרוינט געוואָרן מיט ערפאָלג, שנעל און געשיקט, אָן דאַרפן אויפהאַלטן מענטשן קיין איבעריגע מינוט.

גלייכצייטיג איז פאַרטיילט געוואָרן געשמאַקע מטעמים פאר די יונגערע קינדער, וועלכע האָבן געהאַט די געלעגנהייט און די זעלטענע ערפאַרונג צו באַקומען אַ לעבעדיגן טור אין דעם אַמבולאַנס פון חברה הצלה דקרית יואל, וואָס שטייט גרייט אין דעם שפּאָגל נייעם גאַראַדזש, צו פאַרפיגן על כל צרה שלא תבוא.

אויך די עלטערן, די גליקליכע תושבי העיר, האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט צו כאַפּן אַ בליק מיט די אייגענע אויגן און זיך באַקענען מיט דעם נאָרוואָס פאַרענדיגן בנין מפואר וואָס איז עומד על תילה בנוי' מיט אַ פראַכט און גלאַנץ, זייענדיג אַן אמת'ער שטאָלץ פאר אונזער שטאט, וואָס ווערט נאָכגעפאָלגט מיט קנאה און שעצונג דורך אידישע געגנטער פון דער נאָנט און דער ווייט.

דער ציבור האָט אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט די סאָפיסטיקירטע דיספּעטשינג אָפּעראַציע, די פּרעכטיגע קאָנפערענץ צימער, די וויכטיגע אָפיסעס לטובת הכלל, די סטאָרעדזש צימערן, און די גאָר פאָרגעשריטענע קאמיוניקאציע אַפּאַראַטן וועלכע זענען שוין אין פולן דינסט פאר די הנאה און זיכערהייט פון די איינוואוינער.

מען האָט פון אַלעמען געהערט די אויסדרוקן פון התפּעלות און וואונדער, וויאַזוי בלומינגראוו האָט ווידערמאל געבראָכן אַ רעקאָרד זייענדיג פון די איינציגע היימישע ישובים איבער גרעיטאָר ניו יאָרק און ניו דזשערסי, וואו ס'איז איינפאַך אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצער בנין, ממסד ועד הטפחות, בלויז פאר דעם איינעם ציל, צו באַדינען די צרכי הציבור וצרכי העיר אויפ'ן בעסטן פאַרנעם.

דער שטראָם פון מענטשן האָט פאַקטיש נישט נאָכגעלאָזט דורכאויס אַלע שעות פון דעם מוצש"ק און זונטאָג, ביז אין די שפּעטע נאַכט שטונדן פון חצות הלילה, ווען מען האָט געשלאָסן דעם מעת לעת מיט אַן אומגעהויערע באַפרידיגונג און חיזוק, זעהנדיג פון דער נאָנט דעם פאַראייניגטן געפיל וואָס מאָטיווירט אונז אַלע תושבי העיר, להקהל ולעמוד על נפשינו בעצה אחת ובדעה אחת.

נאָכ'ן איבערקוקן די רעזולטאַטן פון דעם שטורמישן טאָג, האָט זיך אַרויסגעשטעלט דאָס אומגלויבליכע בילד אַז אַזויפיל ווי אַריבער זעכציג פּראָצענט פון דעם היימישן וואַל - כח האָבן דורכאויס דעם קאַמפּיין אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאר דעם קריטישן פאַרמעסט! דאָס איז למעשה געווען אַזאַ שטוינענדע סוקסעס,



וואָס האָט איבערראַשט און איז איבערגעשטיגן אויך די מערסט פּאָזיטיווע פּאָראויסשאַצונגען און האָט צום וויפלסטן מאָל געצייגט אַז בלומינגראוו טאָר מען נישט אונטערשאַצן, ווייל בלומינגראוו פאַרמאָגט דעם מאַכטפולן רעצעפּט פון "אהבה ואחוה, אחדות ושלום" וואָס איז דער סוד פון איר שיינענדיגע און וואונדערליכע הצלחה ביז משיח'ס טאָג.

## די פריידיגע אויסגאַנג רעזולטאַטן

און מחיל אל חיל! אָט מיט דעם שטוף, מיט דעם אַפּטימיזם און מיט דעם קוראַזש האָט מען געשפּאַנט פּאָראויס צו די גאָר קריטישע וואַלן פּאַרמעסט, דעם פאַרלאָפּענעם ערב תענית אסתר העעל"ט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט די פריידיגע בשורה אַז אַלע היימישע קאַנדידאַטן האָבן געווינען מיט שטוינענדע ציפערן פון אַן איבערוויגענדע מערהייט צו זיין די שליחי הציבור, און פאַרטרעטן אלע איינוואוינער פון אונזער ווילעדזש, מיט ישרות און אויפריכטיגקייט.

חסדי ה' כי לא תמנו! דער הילכיגער אויסרוף פון "בלומינגראוו באחדות", האָט ווידעראַמאָל איבערראַשט אלע פּאָליטישע קאָרידאָרן מיט'ן אַרויסברענגען אַ מאַסיוון פאַראייניגטן וואַל - קראַפט בלויז אַדאַנק די פאַראייניגטע אחריות'דיגע שטימע פון אַלע תושבי העיר, וועלכע האָבן ב"ה נאָכאַמאָל באַוויזן צו אַרויסברענגען אַזעלכע הערליכע ציפערן, וואָס וועט בלי ספק ברענגען אַ גאָר - גינסטיגע לאַנג - טערמיניגן אַפעקט פאַר אונז אַלע אויף לאַנגע יאָרן בעז"ה.

די אויסגאַנג פון דעם פּאַרמעסט האָט גאָר הויך אָפּגעהילכט אין די קאָרידאָרן פון אָלבאַני, וואו מען קוקט זיך צו מיט מייקראָסקאָפּישע איבערזיכטן אויף דעם וואוקס און אחדות פון אונזער ווילעדזש, וואָס איז לויט אַלע פּאָליטישע אַנאַליסטן אַן אויפגייענדע כח און אַ וואקסענדע פאַראייניגטע געמיינדע וואָס ציען די אינטערעסן פון יעדן פּאָליטיקאַנט אין אַמט, ווי דער פאַרשטענדליכער כלל אַז די איינציגסטע שפּראַך וואָס רעדט באמת צו פּאָליטיקאַנטן איז דער שפּראַך פון שטימען.









דער עצם מציאות אַז דורכאויס די פּאָליטישע פאַרמעסטן במשך די לעצטע צוויי יאָר איז אונזער וואַלכח דראַמאַטיש געשטיגן מיט אַריבער 051 שטימען, וואָס שטייגט בלויז ווייטער מיט יעדן פאַרמעסט וואָס גייט אַריבער, אָט דער רעאַליטעט שלאָגט טיפע וואָרצלען און האָט אן אומגעהויערן אָפּקלאַנג אומעטום.

עס צייגט אַז בלומינגראוו פאַרמאָגט אַ שטייפע און שטאַנדהאַפטיגע וויזיע, מיט וואָס יעדער פּאָליטישן וויל זיך רעכענען, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז די היזיגע איינוואוינער זענען פאַראייניגט און קאנצעטרירט צו אַרויסגיין שטימען אין די מאַסן, אַדאַנק אַ געניטע שטאט פירערשאַפט וועלכע אַרבעט צוזאַמען האַנט-ביי-האַנט מיט'ן ציבור, און עס לאָזט זיך נישט שילדערן וואָס פאַראַ לאַנג - טערמיניגע אַפעקט אָט די ערשיינונג וועט בעז"ה האָבן צו אָנקניפּן די פּאַסיגע באַציאונגען און עררייכן אונזערע וויכטיגע אינטערעסן, סיי פאַר'ן יחיד און סיי פארן רבים, ברוחניות ובגשמיות.

שטייענדיג נאָך אַזאַ הצלחה למעלה מן המשוער, איז געוועינליך אין פּלאַץ צו באַדאַנקן פאר די עסקנים וועלכע האָבן דאָס ערמעגליכט, אָבער אין בלומינגראוו איז דאָס עטוואָס אַנדערש, ווייל אין בלומינגראוו איז יעדער איינוואוינער אן עסקן... און דער דאַנק קומט זיך דעריבער פון אונז אַלעמען צוגלייך.

אין בלומינגראוו המעטירה איז יעדער "יחיד" אן אינטעגראלער טייל אין דעם הערליכן קאָלעקטיוון פאַראייניגטן "כח הרבים" וואָס איז נאָכאַמאָל געקומען צום אויסדרוק מיט אַזאַ פראַכט דורכאויס דעם פאַרלאָפענעם וואַלן קאַמפּיין חודש אדר ב' תשפ"ב, ועל זאת גאוותינו, ועל זה תפארתינו!

**אשרי העם שככה לו! בשם ה' נעשה ונצליח!**

חָזִית אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב - מיט שטוינענדע סייעתא דשמיא בכח הציבור ובכח האחדות

# אַריסטאָקראַטישע "הכרת הטוב" אויפנאַמע פאַר ניו יאָרק סטעיט גאָווערנאָר אָפּגעראָכטן אין היימישע ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראָוו

## גאָווערנאָר דרוקט אויס איבערראַשונג און שעצונג ביי גייסטרייכע באַנקעט איינגערישט דורך "יו. דזשעי.סי" אינאיינעם מיט היימישע אינוועסטירער און אישי הציבור אין פראַכטפולע "סליפ" האָטעל דאָ אין האַרץ פון בלומינגראוו המעטירה

## ראשי ועסקני העיר מטעם די פאַראייניגטע אידישע קהלות באַגריסן די גאָווערנאָר מיט פּאַסיגע הכרת הטוב פאַר אירע נאָבעלע טאַטן לטובת דעם וואוקס פון אונזער שטאָט און לטובת אחינו בני ישראל איבער גרעיטאָר ניו יאָרק

## אימפּאָזאנטע אָוונט קניפּט ב"ה אָן אויסנאַם- פּאָזיטיווע באַציאונגען מיט'ן גאָווערנאָר וואָס וועט בעז"ה ברענגען ווייטגרייכנדע רעזולטאַטן לטובה אויף לאַנגע יאָרן

אין די זאַלן פון דעם היימישן "סליפ" האָטעל, אין האַרץ פון דער שטאָט בלומינגראוו, האָט מען דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך ויקרא העעל"ט, אָפּגעהאַלטן אַן איינדרוקספולן, טראָץ באַשיידענעם, הכרת הטוב אויפנאַמע, ווען ס'איז אַנטפאַנגען געוואָרן מיט פּאַסיגן כבוד המלכות, די גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטעיט, פרוי האקאול יר"ה, אין אַ צייט וואָס זי גרייט זיך אויף אַ ווידערוויילונג קאַמפּיין, ווען ס'איז געווען די פּאַסיגסטע צייט צו אָפּגעבן איר ערליך - פאַרדינטע אַנערקענונג פאַר די אויסטערלישע הילף וואָס אונזער געגנט בפרט, און אחבנ"י בכלל, האָבן געניאָסן אַדאַנק איר פאַרשטענדעניש און מיטאַרבעט קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע.

די נאָבעלע באַנקעט איז צושטאַנד געקומען שטייענדיג בלויז אַ קורצע תקופה נאָכדעם וואָס פון אָלבאַני איז ערהאַלטן געוואָרן די גינסטיגע אַנטוויקלונגען, ווען גאווערנער האוקל יר"ה האָט פולקאָם וועטאָאירט דעם בייזוויליגן "פרעזערוועישאן" טעקס ביל, וואָס האָט זייער ערנסט באַדראָעט דעם גאַנצן עתיד פון בלומינגראוו אויף לאַנגע יאָרן.

### די וועטאָ וואָס האָט אַרויסגעשליידערט דעם העסליכן טעקס ביל

ווי עס געדענקט זיך איז דער "פרעזערוועישאן" טעקס ביל, פאַקטיש דורכגעשטופּט געוואָרן ביי די געזעץ געבער אין אָלבאַני, אַלס אַ בייזוויליגע מאכינאציע צו אָפּשטעלן דעם וואוקס פון בלומינגראוו חלילה. די פרישע גזירה וואָלט אַרויפגעלייגט אַזויפיל ווי 7 פּראָצענט "פרעזערוועישאן" טעקס אויף יעדע נייע הויז וואָס ווערט געקויפט אין דעם גאַנצן טאַון, דאָס געלט האָט געזאָלט גענוצט ווערן דורך דעם טאַון צו אָפּקויפן און פרעזערווירן גרויסע שטחים לאַנד אַז מען זאָל דאָרט נישט קענען בויען קיין פרישע הייזער פאַר לאַנגע יאָרן, וואָס באַדייט אַז דאָס געלט פון אידן וועלכע קויפן הייזער וואָלט גענוצט געוואָרן ווערן צו באַקריוודען אונזערע אייגענע אינטערעסן, אונטער דעם שלייער פון "פרעזערוועישאן" וואָס איז בסך הכל אַ שיינעם נאָמען פאַר אָפענע העסליכע דיסקרימינאַציע אין דעם 12'סטן יאָר הונדערט.

די געטרייע שלוחי הציבור אינערהאַלב די "יו. דזשעי.סי." האָבן בשעתו נישט גערועט און איבערגעדרייט יעדעס שטיינדל, מיט אַן אַקטיווע צוזאַמארבעט און אינטערוועניץ ביי פילצאָליגע אַגענטורן, לאביאונג גרופּעס און ערוויילטע באַאַמטע, מיט דער האָפענונג אַז דער פאָרשלאַג זאל חלילה נישט אונטערגעשריבן און באַשטעטיגט ווערן דורך די נייע גובערנאַטורן.

בחסדי ה' האָט מען ווירקליך דאַן באַקומען אן אָפענע אויער ביים גאָווערנאָר, וועלכע האָט באַלד פאַרשטאַנען אונזער ווייטאָג און זיך עפענטליך אַרויסגעשטעלט צו דערלאַנגען אַ הילכיגן וועטאָ, וואָס האָט בפועל אַרויסגעשליידערט דעם בייזוויליגן געזעץ, צו די דערלייכטערונג פון אידן איבער גרעיטאָר ניו יאָרק.

טראָץ דעם וואָס די גאָווערנאָר וואָלט זיך געקענט באַגעניגן מיט'ן בלויז איגנאָרירן און נישט אונטערשרייבן דאָס געזעץ, וואָס אַזוי אַרום וואָלט עס אויטמאטיש וועטאָאירט



**מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, און מוה"ר יואל שטערן הי"ו, גיבן איבער דעם הערליכן פלעק געשריבן צום גאווערנער אליץ דאנק פארן וועטאירן די פרעווערזעישאן טעקסט געזעץ**

United Jewish Community of Blooming Grove

**APPRECIATION**

To the Honorable
**Kathy Hochul**
Governor of New York State

This plaque is intended to convey, Gratitude deeper than words can say. For your steadfast commitment and empathy too, for your perseverance in seeing our veto through.

At a time when The United Jewish Community of Blooming Grove was enveloped in a precarious cloud of gloom - Hashem sent his messenger like a beacon of light to dispel the darkness.

We are blessed to have a Governor who is a true leader, a champion of Civil Liberties and Religious Freedoms, and on top of that a true friend, a Governor who is not intimidated or shy to step up against discrimination and injustice no matter the cut or color or how unpopular it may be, so long that the initiative is rooted in righteousness and fairness.

You have tirelessly and with great devotion invested yourself in our predicament specifically with vetoing the "Conservation Tax Bill - S1811" that was rooted in discriminatory intent.

We are inspired and impressed by your ability and vision to be able to see through this bill for what it really was and to act on it swiftly and with decisiveness.

This shows true leadership and representation all the way from the top and the community very much appreciates it.

Of the fundamental principles of Judaism is "Acknowledging Gratitude" - we call it "Hakoras Hatov", The Torah teaches us that "Gratitude is the greatest of virtues".

Madam Governor, as members of this flourishing community we can personally attest that you have truly earned our boundless gratitude and profound admiration for all that you have done for the community, and we would like to acknowledge, express, and commemorate our deepest respects and appreciation to your honor.

On behalf of the United Jewish Community of Blooming Grove, we have the honor and privilege to grant this award to you. May Hashem bestow you with many years of good health, joy and prosperity and may he afford you with great success in all your endeavors!

**Thank You!**

*Joel Stern* *Isaac Ekstein*

געוואָרן האָט זי אָבער אויסגעקליבן צו שענקן דערפאַר אַ דירעקטן שאַרפן וועטאָ וואָס פאַרבלייבט למשמרת, אַז דאָס זאָל שטעלן אַ פרעצעדענט פאַר די אידן האַסער אויך אויפ'ן עתיד, אַז די נייע סטעיט אַדמיניסטראַציע וועט נישט טאָלערירן קיין אַנטיסעמיטישע בילס.

## די ערהאַבענע הכרת הטוב באַנקעט

אָט דערפאַר איז די פאַרלאָפענע וואָך אָפּגעהאַלטן געוואָרן די איינדרוקספולע אויפנאַמע פאַר'ן גאָווערנאָר, קאמבאנירט מיט אַ פּאָליטישע "קאַמפּיין פאָנדרעיזער" צו אויפטרייבן שטיצע פאר איר ווידערוויילונג קאַמפּיין.

דער אָוונט איז געניט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו, די יו. דזשעי. סי., אינאיינעם מיט אַ גרופּע היימישע דעוועלאָפּער און אינוועסטירער פון דער אומגעגנט, זיך צו באַדאַנקן אויפ'ן עבר און אָנקניפּן וויכטיגע באַציאונגען וואָס וועט בעז"ה נאָך ברענגען אַסאַך פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט פאר אַ בליענדע האַוזינג מאַרקעט דאָ אין שטאָט.

ווי פאַרשטענדליך איז אַזאַ גייסטרייכער באַנקעט מיט אַזאַ מאַכטפולע פערזענליכקייט נישט צושטאַנד געקומען פון איין מינוט אויף דער אַנדערער. עס איז אַסאַך וואָכן פון אַראַנזשירונגען אַריינגעלייגט געוואָרן צו קאָנפערירן מיט די גאָווערנאָר געהילפן און אָפיסעס צו ערמעגליכן אַזאַ ערשיינונג, אַז די גאָווערנאָר זאל פערזענליך אַריבערקומען צו די היימישע בלומינגראוו, זיך טרעפן מיט אונזערע שתדלנים און פאַרטרעטער און הערן ערשטהאַנטיג איבער אונזערע געברויכן.

ווירקליך, מיט אַסאַך סייעתא דשמיא איז דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך ויקרא פאָרגעקומען דער היסטאָרישער מאָמענט, ווען די גאָווערנאָר איז אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך די ענגע צאָל געלאַדנטע אישי ועסקני הציבור וראשי העיר, וואו מען האָט איר פאַסיג באַגריסט מיט'ן ריכטיגן כבוד המלכות, ווי דער שטייגער פון אידישע קינדער בכל שנות גלותם.

אין נאָמען פון די "יו. דזשעי. סי." האָט אויפגעטרעטן דער באַגאַבטער איש המעש והפעולה, העסקן המרומם מו"ה יואל שטערן הי"ו, און דאַן האָט מען געהערט דאָס וואָרט פון האי איש חיל ורב פעלים העסקן המרומם מו"ה יצחק עקשטיין הי"ו, וועלכע איבערגעגעבן אונזערע טיפע געפילן פון דאַנק און אַנערקענונג פאַר'ן גאָווערנאָר, וועלכע איז אַרויס פון וועג צו אַראָפּשטעלן דעם דראַמאַטישן וועטאָ וואָס האָט ב"ה אָפּגעקלינגען מיט אַ גאָר הילכיגן מעסעדזש און איז געווען אַ דירעקטע אויסטערלישע הילף פאר טויזנטער אידישע שטייער צאָלער אין דעם עתיד.

ס'איז געווען קענטיג אַז די גאָווערנאָר איז געווען זייער באַאיינדרוקט און טיף באַרוישט פון די הערליכע אויפנאַמע. זי האָט באַטאָנט איר שעצונג צו די נייע פריש אויפבליענדע געגנטער, וואו דער היימישער ציבור שפרייט זיך ב"ה אויס מיט אַ הרחבת הדעת.

איבערהויפּט האָט די גאָווערנאָר באַהויפּטעט איר פערזענליכע אינטערעסע אין אַזעלכע ישובים אונזער שטאט בלומינגראוו, זייענדיג זעלבסט אַ "קאַונטי קלורק" דורכאויס איר פריערדיגע קאַדענץ, איז זי ערשטהאַנטיג באַהאַוונט מיט די שוועריגקייטן וואָס דעוועלאָפּער און אינוועסטירער גייען אַריבער ווען עס קומט צו בויען פרישע פּראָיעקטן און האַוזינג פאר ניו יאָרקער איינוואוינער.

די גאָווערנאָר האָט באַטאָנט אַז זי פאַרשטייט זייער גוט ווי וויכטיג ס'איז די טעמע פון האַוזינג פאַר'ן וואוקס פון אונזער ציבור בליעה"ר און זי האָט פאַרשפּראָכן אַז דאָס וועט זיין פון אירע העכסטע פּראיאריטעט נאָך איר ווידערוויילונג, צו טון אַלעס אין איר דיספּאָזיציע אַז האַוזינג פּראָיעקטן זאָלן קענען פאָראויסגיין מיט אַ גאַלאָפּ, מיט אַלע טעכנישע, לאָגיסטישע און פּאָליטישע איינצלהייטן.

עס איז אָפּן אָרט איבערגעגעבן געוואָרן אַ הערליכע אַנערקענונג פלעג אין נאָמען פון די אידישע געמיינדע אין בלומינגראוו, וואו מען טוט אויסדרוקן אונזער שעצונג פאר די אַקט פונעם גאָווערנאָר וועלכע האָט אונז אַרויסגעהאָלפן אין אַ צייט פון קריזיס און ערמעגליכט צו איינשפּארן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פון שטייער געלט פאר אידן וועלכע קויפן הייזער אין דער אומגעגנט.

די גאָווערנאָר איז דערפון געווען קענטליך זייער איבערגענומען זיך אויסדרוקנדיג אַז ס'איז זעלטן ווען זי באַקומט אַזאַ אָפיציעלע הכרת הטוב אויף אַזאַ הערליכן פאַרנעם. און מען האָט זיך געזעגנט אין אַ שטאַרק פּאָזיטיווע שטימונג, נישט איידער דעם גאָווערנאָר געהילפן און די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָבן זיך אויסגעטוישט פערזענליכע קאָנטאַקט און פאַרבינדונגס אינפאָרמאַציע וואָס וועט אי"ה נאָך ברענגען פילע גינסטיגע פירות אויף דעם לאַנג טערמיניגן צוקונפט, לטובת כל בני העיר.

**לב מלכים ושרים ביד ה', ובשם ה' נעשה ונצליח!**

# "יו. דזשעי. סי." רעאַגירט מיט אָפיציעלע קאָנטער – אַרגומענטן צום ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט אין היסטאָרישן געראַנגל צו באַזאָרגן מוסדות התורה מיט טראַנספּאָרטאַציע אין טעג ווען אַלגעמיינע פּובליק שולע איז פאַרשלאָסן

**ריכטער באַשטימט קומענדיגן כ"ו ניסן הבעל"ט יומא דהילולא של מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל ולמספרם אַפּריל 27 למספּרם, צו אָפּהאַלטן סעסיע מיט מינדליכע אַרגומענטן צווישן אַדוואָקאַטן פון וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט און פאָרשטייער פון די פאַראייניגטע אידישע קהלות – ולה' הישועה!**

אינערהאַלב דעם פאַרצויגענעם לעגאַלן קאַמף פאַר די וואוילזיין און רעכטן פון עלטערן אין בלומינגראוו, איז אין אַ מזל'דיגע שעה פּרעזענטירט געוואָרן צום געריכט, דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג פקודי, ערב ר"ח אדר ב', די אָפיציעלע קאָנטער- אַרגומענטן דורך די פּראָפעסיאָנאַלע לויערס וועלכע פאַרטרעטן די "יו.דזשעי.סי." אין דעם אַפּעלאַט געריכט פון ניו יאָרק סטעיט אין אָלבאַני.

דאָס קומט נאָכדעם וואָס די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" האָט באַשלאָסן צו פאָרזעצן זייערע אינטריגעס און האָבן אַפּעלירט דעם היסטאָרישן אורטייל, וואָס האָט זיי באַאויפטראַגט - אין אַ הילכיגע נידערלאַגע - יאָ צו באַזאָרגן טראַנספּאָרטאַציע פאַר קינדער וועלכע לערנען אין פּריוואַטע מוסדות, אויך אין די 21 טעג ווען די אַלגעמיינע פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.

## דער קאָסטבאַרער קאַמף דורכאוים די לעצטע תקופה

מיט נאָנט צו אַ יאָר צוריק איז עס געווען ווען די "יו. דזשעי.סי." האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם לאַנג - פאַרצויגענעם לעגאַלן געראַנגל צו באַוועגן די היזיגע "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" אַז זיי זאָלן באַצאָלן די טראַנספּאָרטאַציע קאסטן פאר די טעג פון דער מיד-ווינטער ריסעס, דער פרילינג ריסעס, די קאנפערענץ טעג ענדע זומער, די גראַדועישאן טעג און נאך עטליכע דאַטומס, וואָס קומט אויס 21 טאָג ווען די פּובליק שולעס זענען פאַרמאַכט אָבער אונזערע היימישע מוסדות התורה זענען יאָ אָפן. (דאָס רעכנט נישט אריין קיין לעגאלע חגאות, ווען מוסדות זענען נישט בארעכטיגט פאר טראַנספּאָרטאַציע).

תושבי העיר האָבן עס מיטגעהאַלטן פון דער נאָנט, וויאַזוי נאָכדעם וואָס די שלוחי הציבור, אין נאָמען פון אַלע עלטערן, האָבן צוערשט פּרובירט אַלע סאָרט באַמיאונגען און השתדלות זיך צו דורכקומען מיט די פאַרוואַלטונג פון דער סקול דיסטריקט אויף די טעמע, אָן ערפאָלג, האָט מען אַריינגעטראָגן די קלאַגע אין געריכט, כדי צו באשיצן אידיש געלט פון גיין לטמיון און אָפּשטעלן דאָס באַקריוודען היימישע עלטערן פון זייערע מינימאַלע רעכטן.

ווי עס געדענקט זיך גוט איז דעם אָנהויב ווינטער, נאוועמבער 18 למספּרם, ערשינען דער גינסטיגער באַשלוס פון דעם ריכטער מר. ריכטער פיטער לינטש פון דער אָלבאַני סופרים געריכט, וואָס האָט געשאָנקן אַ קלאָרע און היסטאָרישער געווינס פאר חרדי'שע עלטערן, מיט דעם אורטייל אז די פּובליק סקול דיסטריקטס זענען נישט באַפרייט פון דעם פליכט אין טעג ווען זיי זענען פאַרמאַכט. די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט איז דעריבער פאַרפליכטעט צוצושטעלן טראַנספּאָרטאַציע פאר אַלע נישט- פּובליק שולע סטודענטן דורכאויס אַלע טעג ווען די פּריוואַטע מוסדות זענען אָפן.

בשעתו איז דער באַשלוס פון געריכט באַגריסט געוואָרן אומעטום דורך כלל עסקנים און מנהלי המוסדות אַלס אַן אויסטערלישע לאַנג -טערמיניגן דורכברוך וואָס וועט בפועל אַפעקטירן נישט בלויז בלומינגראוו, נאר אויך אַלע הונדערטער מוסדות התורה איבער גרעיטאָר ניו יאָרק, און וועט פאַקטיש איינשפּאָרן צענדליגער מיליאָנען דאָלאַרן פאר חרדי'שע עלטערן לענגאויס ניו יאָרק סטעיט וועלכע שיקן די קינדער לערנען אין פּריוואַטע שולעס און וועלן באַקומען צוגעשטעלט טראַנספּאָרטאַציע פאר די טעג ווען די פּובליק שולעס זענען פאַרשלאָסן.

## דער געראַנגל קומט אן אין אַפּעלאַט געריכט

צום באַדויערן האָט מען דערוויל נאָכנישט געקענט געניסן פון דעם אורטייל, צוליב דעם וואָס די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט האָט באַלד דערנאָך געמאָלדן אַז זיי וועלן פּרובירן צו אַפּעלירן דעם אורטייל, וואָס באַדייט אויך אַז די "יו. דזשעי. סי." איז ווייטער געצווינגען צו זיין פאַרוויקלט אין די קאָסטבאַרע געריכטליכע סעסיעס.

דעם פאַרלאָפענעם יאַנואַר 14 למספּרם, האָט די סקול דיסטריקט אַריינגעגעבן זייערע פּאַפּירן צום אַפּעלאַט געריכט, מיט אַ פּרואוו צו אַנולירן דעם אורטייל. לויט די

באַשטימטע רעגולאַציעס, האָט דאַן די "יו. דזשעי. סי." באַקומען די געלעגנהייט צו ענטפערן און ערקלערן אונזער שטעלונג, און בשעה טובה ומצלחת האָט מען טאַקע דעם פאַרלאָפענעם ער"ח אדר ב', פּרעזענטירט אונזערע אַרגומענטן, דורך די פּראָפעסיאָנאַלע אַדוואָקאַטן, וועלכע שלאָגן אָפּ די לעכערליכע טענות פון דעם סקול דיסטריקט וואָס איז פאַקטיש באַזירט אויף אַ קרומען אויסטייטש פון דעם סטעיט עדיוקעישן געזעץ.

די געטרייע שלוחי הציבור אינוועסטירן אין די טעג אַסאַך צייט, געלט און כוחות, אינאיינעם מיט די לאָיערס און די לעגאַלע טיעם, צו אַריינגעבן אַ פּאַסיגע אַנטוואָרט להוציא כאור משפטינו, און געוויס האָפט מען אַז מיט'ן כח האחדות און מיט די ריכטיגע שתדלנות לטובת הכלל זאָל מען ווייטער זען סייעתא דשמיא, בחודש אשר נהפך לששון ולשמחה, צו רעדוצירן די ראַטעס וואָס עלטערן דאַרפן צאָלן פאר טראַנספּאָרטאַציע, לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, ובשם ה' נעשה ונצליח.

זייער אַסאַך אַרבעט, צייט, געלט און כוחות איז אינוועסטירט געוואָרן דורך די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, צו אַהערשטעלן דעם פּאַסיגן אַנטוואָרט, און פאַרזיכערן אַז די סעסיעס זאָלן נישט ווערן קיין פאַרשלעפּטע פּראָצעדור, און ב"ה אַז די אַדוואָקאַטן זענען טאַקע זייער צופרידן און אָפּטימיסטיש וויאַזוי זאַכן האָבן זיך אויסגעשטעלט ביז יעצט, מיט דער האָפענונג צו השי"ת שיוציא לאור דינינו לטובה.

ס'איז טאַקע דאָס פּלאַץ צו ערוועהנען די שיינע אידישע מדה פון "כל ישראל ערבים זה לזה" וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורכאויס דעם יעצטיגן געזעצליכן קאַמף, ווען די געטרייע עסקני הכלל, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון אגודת ישראל ד'אַמעריקע, זענען אַקעגן געקומען מיט אַן אויסטערלישע הילף אויף טריט און שריט, וויסנדיג אַז דאָס האַנדלט זיך עס פון אַ געריכט וואָס וועט אַנטשיידן מיליאָנען דאָלאַרן אין טראַנספּאָרטאַציע קאסטן פאר הונדערטער טויזנטער עלטערן איבער גרעיטאָר ניו יאָרק.

די אויבנדערמאַנטע חשוב'ע עסקנים האָבן פאַקטיש אַנגאַזשירט אַלע זייערע באַציאונגען, און איינגעשפּאַנט דעם גאָר - קאָסטבאַרער און אָפּיציעלער אַדוואָקאַט פון דער "אגודת ישראל", וואָס איז ברייט באַרימט מיט זיינע קאָנטאַקטן מיט די הויכע פּאָליטישע און לעגאַלע פענסטער. דער לויער האָט אָפּגעשריבן אַ דיקער לעגאַלער דאָקומענט פון צוויי-און- פערציג זייטן, אַ פּראָיעקט וואָס האָט זיי אָפּגעקאָסט צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן, און איז פּרעזענטירט געוואָרן פאַר'ן ריכטער ווי אן "אמיקעס קוריע" רעקאָמענדאַציע מטעם די אגודת ישראל, מיט אַ דעטאַלירטע ערקלערונג פאַרוואָס דער אורטייל דארף אַרויסגיין לטובת די הונדערטער טויזנטער קינדער, וועלכע געניסן פון די טראַנספּאָרטאַציע דורך די סקול דיסטריקטן לענגאויס ניו יאָרק. תשואות חן חן להם.

## אַפּעלאַט געריכט סעסיע באַשטימט אויף קומענדיגן אַפּריל 27 למספרם , כ"ו ניסן

אַצינד, נאָכדעם וואָסביידע זייטן האָבן אַריינגעגעבן זייערע אַרגומענטן האָט דאָס געריכט באַשטימט דעם דאַטום פון אפּריל 27 למספרם, כ"ו ניסן הבעל"ט, - ביומא דהילולא פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל, וואס מיר קוקן ארויס אז זכותו הגדול יגן עלינו ותוציא לאור דינינו - ווען ס'וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ הירינג סעסיע אין דעם ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט אין אָלבאַני וואו עס וועט אויסגעהערט ווערן די מינדליכע טענות פּאָרנט פון אַ ריכטער.

צו דעם הירינג ווערט ערוואַרטעט אַ גרעסערע אוידיענץ, סיי פון מידיאַ אַגענטורן וועלכע פּאָלגן נאָך דעם היסטאָרישן געראַנגל מיט אינטערעסע, סיי פון פאָרשטייער פון די סטעיט אדיוקעישן דעפּאַרטמענט און פון פילע סקול דיסטריקטן לענגאויס ניו יאָרק, וועלכע ווילן באַקעמפן דעם אורטייל וואָס וועט זיי דירעקט אַפעקטירן און צווינגען צו געבן טראַנספּאָרטאַציע פאר אַזויפיל קינדער פון פּריוואַטע מוסדות החינוך, און דאָס זעלבע וועט אָנוועזנד זיין אידישע פאָרשטייער פון מוסדות התורה, און אַזוי אויך באַזאָרגטע עלטערן וועלכע וועלן אַרויסקומען צייגן זייער שטיצע פאר די אַדוואָקאַטן פון די "יו. דזשעי. סי." וועלכע וועלן פאַרטיידיגן אונזערע רעכטן אַלס עלטערן און שטייער צאָלער.

מטעם די עסקני הציבור ווערט טאַקע באַטאָנט דאָס וויכטיגקייט אַז אידן וועלכע האָבן די מעגליכקייט זאלן אַראָפּנעמען די עטליכע שעות, און מאַכן די אָנשטרענגונג צו זיין אין אָלבאַני דעם קומענדיגן מיטוואָך קדושים הבעל"ט, אַפּריל 27 למספרם, איינס אַזייגער נאָכמיטאָג, וואָס וועט זיין אַ געוואַלדיגע הילף צו ווייזן אונזער אַנטשלאָסנקייט און ערנסטקייט צו העלפן פאַרמיידן שאָדנס פאַר אידישע געלטער, מיט אַ זיג פאר דאָס יהדות החרדית איבער גרעיטאָר ניו יאָרק. ובשם ה' נעשה ונצליח!

# באַרימטע ישיבה גדולה בלומינגראוו עפּענט אירע טויערן אויף ראנדוויל רד. בתוככי עירינו בלומינגראוו

די שטאָט בלומינגראוו האָט אין די לעצטע וואָכן זוכה געווען צו אַנטפּאַנגען נאָך אַ פערמענאנטע מקום תורה, ווען די ישיבה גדולה בלומינגראוו האָט אַנומלט געשלאָסן קאָנטראַקט און זיך אַריינגעצויגן אין דעם גרויסן שטח און בנין המפואר, אויף ראנדוויל רד. וואו בחורים יקרים פון די ישיבה'שע וועלט זענען עוסק ויגיעים בתורה, זייענדיג למעשה די דריטע ישיבה פון דעם עולם הישיבות וועלכע האָבן זיך ב"ה קובע געווען אין אונזער שכינות, להגדיל תורה ולהאדירה.

דער פּראַכטפולער תורה'דיגער לאָקאַל טוט ווירקליך שטאַרק אויפהייבן די גאַנצע תורה'דיגע אַטמאָספערע פון דער געגנט, און איבערהויפּט איז דאָס באַגריסט געוואָרן מיט גרויס צופרידנהייט דורך די היימישע משפחות, וועלכע האָבן זיך שוין באַזעצט אין דעם הערליכן רואיגן געגנט פון דער טאַון, אַרויף ווייטער אויפ'ן 208 רד. ביי די אומגעגנט פון ראנדוויל רד. וואו עס איז ביז לעצטנס נאָכנישט אַלעמאָל געווען מנין אום שב"ק און מען איז צומאָל געווען געצווינגען צו אַריינשפּאַצירן צום ווילעדזש פאר די תפלות.

אָבער אַצינד, מיט די הרחבת גבולי הקדושה פון דער ישיבה, איז דער פּראָבלעם שוין אויך געלעזט געוואָרן, און דער געגנט האָט אויפגעבליט אַלס אַ מקום רחבת ידים פאר היימישע משפחות וועלכע באַזעצן זיך אין דעם גאַנצן ראַיאָן. ווען מען געניסט פון דעם רחבות'דיגן בית המדרש בביתו פון ידיד נפש כל חי הרב יואל וואגשאל שליט"א, מראשוני תושבי העיר, וועלכער פירט דאָרט אָן מיט אַ שיין ווינקל, אַ בית מקדש מעט לתורה ולתפלה, מיט אַ מקוה מהודרה, אַלעס צוגעשטעלט אויף אַ חסידי'שן און וואַרימען שטייגער, כנהוג בבית לאַנצוט ראָפּשיץ, כה יתן ה' וכה יוסיף.

**ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו!**

# ברוכים הבאים

## מקבלים בזה מעלת כבוד אנ"ש
## לרגל בואם להשתקע בעירנו

מו"ה **מענדל ווייס** הי"ו
ב"ר **שמואל הערש** • וחתן ר' **משה מנחם יו"ט טירנויער**

מו"ה **ברוך דוד סאמעט** הי"ו
ב"ר **שלום יוסף** • וחתן ר' **שלום וועבערמאן**

מו"ה **נטע שלום פירטה** הי"ו
ב"ר **אברהם אלי'** • וחתן ר' **אשר מאנן**

מו"ה **שלמה יחיאל טירנויער** הי"ו
ב"ר **יושע יעקב** • וחתן ר' **יצחק סראגא**

מו"ה **נפתלי שכנא בערגער** הי"ו
ב"ר **יושע נחמן** • וחתן ר' **יחזקאל אמסעל**

מו"ה **ישראל שלום קויפמאן** הי"ו
ב"ר **מנחם** • וחתן ר' **אלי' מינץ**

מו"ה **דוד מאיר פארקאש** הי"ו
ב"ר **אברהם** • וחתן ר' **שלום שלמה שווארץ**

מו"ה **אברהם עיבר לעבאוויטש** הי"ו
ב"ר **הערשל** • וחתן ר' **חיים שמואל גליקמאן**

מו"ה **משה אקער** הי"ו
ב"ר **אברהם אביש** • וחתן ר' **אלכסנדר משה טייטלבוים**

מו"ה **עזרא אלימלך בלום** הי"ו
ב"ר **עקיבא דוד** • וחתן ר' **יעקב יוסף סאמעט**

מו"ה **נתנאל מנחם דייטש** הי"ו
ב"ר **אברהם שמחה** • וחתן ר' **צבי שטערן**

מו"ה **יואל הערשקאוויטש** הי"ו
ב"ר **שלמה יקותיאל** • וחתן ר' **שלום מאיר עקשטיין**

מו"ה **יואל ראטטענבערג** הי"ו
ב"ר **יונה** • וחתן ר' **אלכסנדר זושא ניימאן**

מו"ה **מנחם מענדל באש** הי"ו
ב"ר **אלי'** • וחתן ר' **עמרם סאבאוויטש**

מו"ה **אברהם חיים זיאת** הי"ו
ב"ר **שלמה** • וחתן ר' **נסים סאאל**

מו"ה **הערשל גאנץ** הי"ו
ב"ר **יוסף** • וחתן ר' **אהרן משה גאלדנבערג**

מו"ה **מאיר וויינשטאק** הי"ו
ב"ר **יצחק שלמה** • וחתן ר' **משה קרויס**

מו"ה **נפתלי הירצקא שווארץ** הי"ו
ב"ר **יואל** • וחתן ר' **פישל לאנדא**

מו"ה **פנחס אלחנן פריעדמאן** הי"ו
ב"ר **ליפא** • וחתן ר' **מענדל גאלד**

מו"ה **שמעון מייזעלס** הי"ו
ב"ר **אברהם** • וחתן ר' **פנחס עסטרייכער**

מו"ה **דוד לייב ווידער** הי"ו
ב"ר **אברהם** • וחתן ר' **נחום שווארץ**

מו"ה **בערל גלויבער** הי"ו
ב"ר **חיים יעקב** • וחתן ר' **יואל ב"ר יוסף רייך**

מו"ה **משה פריינד** הי"ו
ב"ר **אברהם יושע** • וחתן ר' **מרדכי פערלמאן**

מו"ה **אליעזר הערש ראזענפעלד** הי"ו
ב"ר **משה** • וחתן ר' **יוסף לייב ראזענפעלד**

מו"ה **חיים מאיר וויינשטאק** הי"ו
ב"ר **מרדכי דוד** • וחתן ר' **מאיר משה גרין**

מו"ה **יעקב פאללאק** הי"ו
ב"ר **חיים** • וחתן ר' **חיים מאיר ניימאן**

מו"ה **אהרן שפירא** הי"ו
ב"ר **וואלף** • וחתן ר' **אברהם קליין**

מו"ה **שמעון הלוי ראטה** הי"ו
ב"ר **בנימין מתתי'** • וחתן ר' **משה מענדיל כ"ץ**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און
נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

**יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה**

אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו ביטע זיך פארבינדן
מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו: **info@UJCofBloomingGrove.org**



# ברכת מזל טוב

לתושבי עירינו
שהשמחה במעונם

כ"ק מרן **אדמו"ר מ'צאנז-זמיגראד** שליט"א
לרגל נישואי נכדו/תגלחת נכדו/הולדת נכדתו למז"ט

הגה"צ ר' **ישראל אלעזר האלפערן** שליט"א
אדמו"ר מקאזניץ
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

הגה"צ ר' **אפרים הערש שמילאוויטש** שליט"א
אבד"ק קרעמניץ
לרגל נישואי נכדו למז"ט

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר בלומינגראוו
לרגל נשואי בנו למז"ט

הרה"ג ר' **צבי יעקב בריזל** שליט"א
רב דביהמ"ד פאזנא
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

הרב **יודל הורוויץ** שליט"א
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

מוה"ר **ברוך האלבערשטאם** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

*

מוה"ר **דוד לייבוש יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

מוה"ר **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

מוה"ר **יצחק דניאל גברא** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו למז"ט

מוה"ר **חיים ברוך גאטערער** הי"ו
לרגל נישואי נכדו למז"ט

מוה"ר **הערשל פאכמאן** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ואירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **דוד משה בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **אברהם מרדכי גראס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יעקב טייטלבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **זאב וואלף כהן** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **אהרן יוסף פערל** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

*

מוה"ר **יואל וואגשאהל** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **משה וואלף יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **אשר וואלף ניימאן** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **אליעזר יחזקאל שרגא ווייס** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף שמואל ראזענפעלד** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה נטע מארקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **דניאל שאלילאף** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **ציון עובדי' מאסרי** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

*

מוה"ר **נחום יואל שטערנפעלד** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף גאנץ** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק אביש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **נסים סאאל** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **אברהם חיים זיאת** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

מוה"ר **מאיר גרין** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

מוה"ר **הערשל גאנץ** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

*

מוה"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **טובי' ליפא גראס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה חיים מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמואל ברוך הכהן קאהן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק אלחנן פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **דוד בראנדמארק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמעי' שפיטצער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל הירש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם וואנחאצקער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מנחם מענדל סאמעט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הי"ו**אורי אהרן דייטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **דוד יחזקאל האלפערט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **ישראל שלום גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מענדל רובין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אלעזר מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה ארי' ג'ברא** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל קארנבלי** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אלימלך הלל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

*

מוה"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **בערל פאזען** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **בנציון לעווי** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יונה רוב** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **מתתי' דייטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

*

מוה"ר **משה מנחם פאלקאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **גמליאל מוסה שאגדארי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל קליינמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **אברהם קלעפנער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

*

הר"ר **שלום האלבערשטאם** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

הר"ר **מאיר שמילאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **ישעי' הירש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **ירוחם יאקאב** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק בער רייכמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק פייערווערקער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יודל פיינגאלד** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יעקב דוד וואגשאהל** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **אבא בערקאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק אביש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל טאבאק** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יונה שווארץ** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל פארקאש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

הר"ר **אברהם יצחק שמילאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת**
**ושובע שמחות**

בס"ד

**VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE**


811 Route 208, Monroe NY 10950 • Phone: 845-782-2600 • Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 • www.vosbg.com



**Mayor**
George Kalaj
**Deputy Mayor**
Abraham Weiss
**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner
**Village Counsel**
Scott Ugell
**Special Counsel**
Ira Immanuel


ערב שב"ק פ' טהרה - הגדול תשפ"ב לפ"ק

## ערב פסח מעלדונג

אויף די איניציאטיוו פונעם ווילעדזש איז אראנזשירט געווארן א

ספעציעלע
**ערב פסח קלינ-אָפּ**

# אָפּצונעמען די מיסט ביי די הייזער

**פרייטאג "אינדערפרי"**
**ערב פסח - למספרם April 15**

**די פיק-אָפּ וועט זיין אין די גאָר צופרי שעות, עס איז וויכטיג ארויס צו לייגן די גארביזש קענס ביים קויבר ביינאכט ליל בדיקת חמץ**




**עס וועט זיין פיק-אָפּ פון רעגולער און רעסייקלינג**
**נישט קיין באָלק פיק-אָפּ**

מיר קוקן ארויס בעז"ה אז עס זאל זיך גוט אויסארבעטן, און מיר זאלן זוכה זיין צו א פרייליכן כשר'ן יו"ט פסח, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים

בברכת חג כשר ושמח
**ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו**

**United Jewish Community**
*of* **Blooming Grove**


Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org



**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*
**Joel Stern**
*Board Representative*
**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*
**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*
**Abraham Grunhut**
**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*


בס"ד

מיט דעם טוען מיר מודיע זיין
אז בעז"ה וועט זיין צוגעשטעלט

# שריפת חמץ

**ערב פסח אינדערפרי**

**עס וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסע קאנטעינער**

**אינעם הויף פאַרנט פון די**
**יו.זשעי.סי. הויפּטקוואַרטיר**
**29 Merriewold Lane South**

**מ'זאל ברענגן צום פארברענען בלויז די מינומום, און אכט געבן אויף די זיכערהייט פון זיך און פון די קינדער!**

מ'בעט דעם ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די עסקנים אויפ'ן פלאץ, עס זאל ארויסקומען א קידוש ה' בעזהשי"ת!

**מיר קוקן ארויס עס זאל זיך בעז"ה אויסארבעטן אויפ'ן שענסטן אויפן לשביעת רצון הציבור!**

בברכת חג כשר ושמח
**United Jewish Community** *of* **Blooming Grove**



# צייטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

אין די יעצטיגע ערב יו"ט טעג

איבערגעגעבן פאר דער "בלומינגראוו שטימע" דורך

הרה"ח מו"ה **יצחק בערנאטה** הי"ו

ליעזאן פון די ו.זשעי.סי. צו די סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט

**פאלגענד זענען אייניגע וויכטיגע אנווייזונגען, מיט גאר נויטיגע זיכערהייט און סעיפטי כללים פאר דער אידישער שטוב אין די פארנומענע ערב פסח טעג, וואס איז זייער וויכטיג צו אויספאלגן און נעמען אין קענטעניס, כדי צו פארזיכערן אז מיר אלע האבן בעז"ה א ליכטיגן געזונטן און פרייליכן יום טוב.**

## "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטאר

אין א צייט ווי ערב יום טוב, ווען מען קאכט אזויפיל פאר די סעודות החג, איז ספעציעל וויכטיג צו זיכער מאכן אז אלע "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטארס ארבעטן ווי געהעריג, און האבן גוטע בעטעריס וואס קען אסאך מאל זיין לעבנס רעטער פשוטו כמשמעו.

ווען מען קאכט אסאך, זאל מען זעהן צו האלטן אפן א פענסטער, כאטש אביסל, כדי עס זאל אריינקומען פרישע לופט.

באזונדער איז וויכטיג צו געדענקן אז צומאל ווען מען דעקט איבער דעם "געז רענטש" מיט זילבער פאפיר, און דאס זעלבע ווען מען באנוצט זיך מיט נייע טעפ קען דאס גורם זיין אז עס זאל ארויסקומען מער שעדליכע "קארבן מנאקסייד", דעריבער זאל מען שטארק אכטונג געבן דערביי אז עס זאל חלילה נישט קומען לידי סכנה ח"ו.

## ריייניגונג קעמיקאלן

ווען מען רייניגט לכבוד פסח זאל מען האלטן פאר די אויגן די געוואלדיגע סכנה פון ח"ו מישן קעמיקאלן, ווי בליטש און אנדערע שארפע סובסטאנצן, וואס קען זיין זייער געפארפול צו אריינאטעמען, בפרט יעצט ווען עס גייט אזוי ארום דער ביטערער ווירוס וואס קען עפעקטירן די לינגען ל"ע.

ב"ה אז אין די לעצטע יארן איז ענדליך מיניזירט געווארן דאס באנוץ פון די גאר שעדליכע "איזי אף" קעמיקאל, נאכדעם וואס דער ציבור האט דערהערט די געבעטן פון אלע היימישע חברה הצלה אין אידישע געגנטער איבער וויפיל אידן מען האט יעדעס יאר געדארפט אריינפירן אין שפיטאל מיט בראנד וואונדן און אטעמען פראבלעמען ה"י.

אבער אויך ווען נוצט די אנדערע "וועל דאן" קעמיקאל זאל מען זיך באנוצן מיט דיקע הענטשעך און זיכער מאכן אז קינדער דרייען זיך נישט ארום און האבן נישט קיין צוטריט דערצו.

## כשר'ן די קיך

פארשטענדליך אז ווען מען כשר'ט די קיך און די כלים דארף מען א ספעציעלע זהירות אז קינדער זאלן בכלל נישט זיין אין דער גאנצער ארום, און אודאי זאלן זיי נישט שטיין נעבן דעם טאפ מיט קאכעדיגע וואסער, וואס האט שוין ליידער געברענגט אומאנגענעמע סיטואציעס אין דער פארגאנגענהייט.

## בדיקת חמץ

אידן זענען ב"ה מקיים די גרויסע מצוה מיט אלע דקדוקים און חומרות אבער טאקע דערפאר איז וויכטיג צו האלטן אַן אויג אז ווען מען גייט ארום מיט דעם אנגעצינדענעם ליכט צו בודק זיין בחורים ובסדקים, זאל מען חלילה נישט האלטן דעם ליכט צווישן קליידער, רעקלעך, א.א.וו. וואס קען זיך חלילה אנכאפן און גורם זיין ערנסטע שאדנס.

דאס זעלבע זאל מען נישט אונטערשטיפן דאס ליכט אונטער מאטראצן, וועלכע קענען זיך שנעל אנכאפן פון א קליינע פלאם, און דאן איז נישט דא קיין געהעריגע וועג וויאזוי דאס צו פארלעשן לייכט. אזוי אויך זאל מען זיין געווארנט נישט צו האלטן די ליכט נאנט צו די פירהענגלעך ביי די פענסטער, וואס קענען זיך אויך גרינג אנכאפן פון דאס פייער.

## שריפת חמץ

דער געוועגליכער סדר פון "שריפת חמץ" ווי מיר זענען געוואוינט אלע יארן, איז אז מען קומט מיט די קינדער, מעןווארפט אריין דאס גאנצע חמץ און מען בלייבט שטיין אויף א ווייל צו זאגן דעם "כל חמירא" און באטראכטן ווי דער חמץ ווערט פארברענט/

אבער דאס יאר, ערב פסח תש"פ, וועט ליידער נישט מעגליך זיין צו אנגיין מיט דעם מהלך, צוליב די אויסנאמליכע ווירוס צושטאנד, סיי צוליב דעם וואס דער געזעץ ערלויבט נישט אז מענטשן זאלן זיך צוזאמענקומען און סיי צוליב דעם וואס די היזיגע "פייער דעפארטמענט אוו בלומינגראוו" איז אויסטערליש איבערגעשטרענגט, ווען מערערע פייער לעשער זענען זעלבסט אנגעשטעקט מיט דעם ווירוס און אנדערע זוכן נישט צו

ארויסגיין פון שטוב פאר נישט וויכטיגע סיבות.

ס'איז דעריבער איינגעשטעלט געווארן א געניטן סדר דורך די געטרייע "יו. דזשעי. סי." פארשטייער, אז דער גאנצער שריפת חמץ וועט זיין אויף א סיסטעם פון "דרייוו טרו", אויף איין באשטימטע לאקאציע, וואו מען וועט קענען דורכפארן, אריינווארפן דאס חמץ און תיכף ווייטער פארן.

מיר זענען געזיצן מיט די חשוב'ע רבנים ומורי הוראה שליט"א פון דער שטאט, וואס האבן אלע געהייסן איבערגעבן אז אין דעם יעצטיגן מצב זאל מען אריינווארפן אין פייער בלויז דאס מינימום פון די 10 ברעקלעך און העכסטנס אויך די לולב ווי דער מנהג, אבער אלע אנדערע חמץ, ווי באקסעס קארן פלעקס, קיכלעך, א.א.וו. וואס מען לייגט געווענליך אוועק אויף די לעצטע מינוט, זאל מען דאס יאר ביטע נישט מיטברענגען צו שריפת חמץ, נאר עס ווארפן אין דער מיסט אין די טעג בעפאר ערב פסח.

געוויס זאל מען בשום אופן נישט ברענגען קיין איבעריגע זאכן ווי גרויסע באקסעס און אנדערע ברען מאטריאל, וואס קען נאר שטערן דעם ארדענונג און איז נישט אין קיינעמ'ס אינטערעסע.

## פריוואטע שריפות חמץ

ס'איז זייער וויכטיג צו וויסן אז לויט דעם געזעץ דא אין דער ווילעדזש איז נישט ערלויבט אין דעם יעצטיגן מאנאט אפריל למספרם, צו אנצינדן א פייער, אפילו אויף די אייגענע פראפערטי, אפילו אויב דער פייער איז ארומגענומען מיט ציגל און ס'איז גוט באשיצט. אויב די פאליציי קומט אן און זיי טרעפן אז מען האט אנגעצינדן א פייער קענען זיי געבן אן ערנסטן "פיין", וואס קיינער זוכט זיך נישט אין די אנגעשטרענגטע טעג.

איבערהויפט קען עס זיין א געוואלדיגע סכנה אויב מען צינדט אָן א פייער אויף א האלצערנע 'פארטש', וואס האט שוין געקאסט בעבר אסאך שאדנס און עגמת נפש פאר אידישע הייזער.

די איינציגסטע ערלויבטע וועג וויאזוי צו מאכן א פריוואטע פייער איז בלויז ווען דאס ווערט געמאכט אין א גרויסע אייזערנע "קען" אדער אין א "גריל", אבער אויך דעמאלט דארף מען שטיין דערביי די גאנצע צייט צו פארזיכערן אז דער פייער זאל פארבלייבן אין קאנטראל און האלטן




דערנעבן א גרויסן "פעיל" מיט וואסער וואס זאל זיין גרייט צו פארלעשן דאס פייער.

געוויס בעט מען בכל לשון של בקשה אז יונגע קינדער און בחורים זאלן נישט אנצינדן אדער אראנזשירן קיין שום פייערן, קלענערע אדער גרעסערע, וואס קען חלילה זיין א סכנה, אין א צייט וואס די "חברה הצלה" און די פייער דעפארטמענטס זענען ליידער גענוג איבערגעשטרענגט. מען זאל דאס נישט נעמען פאר לייכטזיניג ווייל דאס איז לגמרי נישט קיין שפיל מיט פייער.

## "האַט פלעיט" אין די יום טוב טעג

אזוי ווי דאס יאר וועט בעז"ה זיין שבת, סיי די ערשטע טעג און סיי די צווייטע טעג, און ווי דער שטייגער באנוצט מען זיך אין אידישע הייזער מיט "האט פלעיטס" צו האלטן ווארעם די סעודות שבת ויום טוב, איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אז דאס איז נישט געאייגנט און איז נישט אויסגעשטעלט צו זיין אנגעצינדן אויף צוויי טאג נאכאנאנד. מען האט שוין ליידער מיטגעהאלטן שווערע שריפות אין אידישע געגנטער פון "האט פלעיטס" וועלכע זענען געווען אנצינדן פאר א לאנגע צייט.

מען זאל זיכער מאכן אז די "האט פלעיט" ארבעט מיט א "שבת זייגער" און אויסשטעלן אז דער "האט פלעיט" זאל זיך אויסלעשן דורכאויס אלע צייטן ווען מען דארף דאס נישט האבן אין באנוץ. צ.ב.ש. זאל זיך עס אויסלעשן שבת נאכמיטאג נאך די סעודה און זיך צוריק אנצינדן ביינאכט נאכ'ן זמן, כדי עס זאל נישט ארבעטן 48 שעות אן קיין אפשטעל.

דער "האט פלעיט" זאל מען לייגן אויף א פארזיכערטע פלאץ. נישט אויף קיין האלצערנע קאונטער א.ד.ג. און לייגן אונטער דעם זילבער פאפיר אז עס זאל זיך חלילה נישט אנכאפן די היץ.

## שמאלץ/ אויל

אין די יעצטיגע טעג ווען עס קומט אויס צו קאכן אסאך מיט שמאלץ אדער אויל, איז וויכטיג צו וויסן אז די סארט פעטנס קענען זייער שנעל אויפפלאמען, און דעריבער זאל מען נישט אוועקטרעטן פונעם אויוון בשעת די גאנצע צייט וואס מען קאכט אדער מען פרעגלט, מען זאל האלטן א וואכזאם אויג אז עס זאל נישט קומען לידי סכנה.

אויב מען באמערקט אז עס דאס פייער האט זיך אנגעכאפט אויף די פעטנס און עס ברענט, איז די ווירזאמסטע עצה, צו נעמען דעם דעקל פון די טאפ און דאס שנעל צודעקן, אזוי ארום וועט דאס פייער אראפגיין. מען זאל אויף קיין פאל נישט שפריצן וואסער, ווייל דאס קען חלילה נאך פארגרעסערן און שפריצן דעם פלאם אויף ארויף, ה"י.

**אין זכות פון אונזער זהירות זאלן מיר אלע זוכה זיין צו א ריכטיגע "זמן שמחתינו", ושמחת בחגך והיית אך שמח.**

# YES! WE'RE OPEN!

EXTENDED YOM TOV HOURS

## BEDIKAS CHOMETZ:

OPEN 24 HOURS
PLACE YOUR ORDER ONLINE OR BY PHONE TILL 9PM FOR SAME DAY DELIVERY

## EREV PESACH:

PHONE AND ONLINE ORDERS ACCEPTED FROM 9AM-1PM, STORE OPEN TILL 7:05PM

## MOTZEI FIRST DAYS:

OPEN FROM 15 MINUTES AFTER THE ZMAN TILL 2AM

## CHOL HAMOED:

### MONDAY & TUESDAY:

OPEN FROM 7:30AM TILL 12AM
PLACE YOUR ORDER ONLINE TILL 9PM OR BY PHONE TILL 5PM FOR SAME DAY DELIVERY

### WEDNESDAY:

OPEN FROM 7:30AM THEN OPEN ALL NIGHT
PLACE YOUR ORDER ONLINE TILL 9PM OR BY PHONE TILL 5PM FOR SAME DAY DELIVERY

### THURSDAY:

CLOSING 15 MINUTES BEFORE THE ZMAN
PLACE YOUR ORDER ONLINE TILL 1PM FOR SAME DAY DELIVERY

## MOTZEI YOM TOV

OPEN FROM 15 MINUTES AFTER THE ZMAN FOR FULL NIGHT WITH FULL SELECTION OF CHOMETZ!

Peppermint supermarket

BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949